STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08131

NIKOLAY LENIN

Vladimir Ilich Lenin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ניקאָלאַי לענין

לעבענס־באַשרייבונג און אויסגעוועהלטע שריפטען

אין צוויי בענד

ערשטער באַנד: ניקאָלאַי לענין, זיין לעבען און ווירקען

צווייטער באַנד: די טעאָריע און פּראַקטיק פון רעוואָלוציע

רעדאַגירט פון

משה כץ און י. ב. סאַלוצקי

ערשטער באַנד: נ. לענין, זיין לעבען און ווירקען

ניקאלאי לענין

ניקאָלאַי לענין:
זיין לעבען און ווירקען

פון משה כץ

און אָפשאצונג פון לענין דעם טעאָרעטיקער
פון דר. יצחק אייזיק הורוויטש

ארויסגעגעבען פון דער
מארקס ליטעראַטור געזעלשאפט
אין פארלאג „נייע וועלט”
ניו יאָרק, 1920

Copyright by the
Marx Publication Society

All rights reserved.
Published May, 1920.

פאָרוואָרט פון די אַרויסגעבער

עס איז ניט געקומען נאָך די צייט צו שרייבען ניקאָלאַי לענין'ס ביאָגראַפיע. ער טרעט ערשט אריין אין א נייער, העכסט פרוכטבאַרער תקופה פון זיין לעבען. ער איז אינגאַנצען אַלט פופציג יאָהר. זיין קאַריערע, אויב דער אויסדרוק איז ערלויבט, און מיר גלויבען — ער וועט ניט מיספאַרשטאַנען ווערען, בליהט ערשט אויף. די געשיכטליכע ענטוויקלונג, דער רוסלענדער ארבייטער קלאַס, און זיינע אייגענע גרויסע פעהיגקייטען און רעוואָלוציאָנערער ווילען האָבען געשטעלט לענין'ען אויף דעם העכסטען פלאַץ פון מעגליכען מענשליכען אויפטו. אָבער גראָד פון דעם העכסטען פלאַץ עפענט זיך ערשט א גרויסער, ביז איצטער אומבאַקאַנטער וועג פון שאַפען און טאָן. איז עס פאַרשטענדליך, אז עס איז נאָך ניט געקומען די צייט, און ס'איז ניט מעגליך צו שרייבען די ביאָגראַפיע פון דעם מענשען און רעוואָלוציאָנער לענין. און אויך צוליעב דעם זעלביגען טעם איז עס נאָך צו פריה צו מאַכען דעם סך הכל פון זיין ריין ליטעראַרישען אָדער וויסענשאַפטליכען שאַפען. אָבער די ארבייטער־מאַסען, אלע וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין דער זאַך וואָס איז פאַרטראָטען און געפיהרט פון לענין'ען, ווילען וויסען לכל הפחות דעם מינימום וואָס לאָזט זיך וויסען שוין איצטער וועגען לענין'ען, דעם מענשען און רעוואָלוציאָנער. א דורכאויס באַרעכטיגטער פאַרלאַנג, א געזונטער און א ניצליכער.

די אַרויסגעבער האָבען זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו קומען אנטקעגען אַט דעם פאַרלאַנג. פון די צוויי בענד, וואָס ווערען דאָ פאָרגעשלאָגען דעם לעזער, ענטהאַלט דער ערשטער באַנד — שטריכען פון לענין'ס ביאָגראַפיע און איינדרוקען פון — לענין'ען אין מאָסקווע. דאָס הייסט, דער לעזער באַקומט, צום ערשטען מאָל אין דער אידישער שפּראַך, ערשטענס — א גענויאַמטען בילד פון לענין'ס לעבען ביז דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, 1917, א בילד באַלויכטען פון

איין שטאנדפונקט, און צווייטענס — א רייהע איינדרוקוען, פון דער זייט, אבער סימפאטישע, פון לענינ'ען, זינט ער איז אין אלטען צארישען קרעמל אלס דער אנערקענטער און ערפאלגרייכער פיהרער פון זיין מאיעסטעט — דעם פראלעטאריאט פון „אלע רוסלאנדען". אין צווייטען באנד — געהען אלע לענין'ס שריפטען אדער אויסצוגען פון שריפטען וואס שטעלען ארויס, קלאר און צוזאמענגעדריקט זיין בליק אויף דעם גאנג און אויסזיכטען פון דער רעוואלוציע, די טעאריע און פראקטיק פון דער רעוואלוציע. לענין'ס באזונדער בייטראג צו דעם גייסטיגען אוצר פון דער סאציאליסטישער באוועגונג באשטעהט אין זיין ענערגישען און אונאויפהערליכען באטאנען פון דער אלטער מארקס־ענגעלס'ישער טעאריע וועגען בירגערליכען שטאאט און וועגען דעם וועג פון דער געוואלטזאמער „עקספראפריאציע פון די עקספראפריאטארס". אונזער אויסוואהל פון דעם מאטעריאל — צונויפצושטעלען איין באנד פון אזא גרויסען צאהל קלענערע און גרעסערע וויסענשאפטליכע און פובליציסטישע ארבייטען — איז געמאכט מיט דער אבזיכט קלאר און בולט ארויסצוברייגען אט דעם דאזיגען בייטראג לענינ'ס צו דער טעאריע פון רעוואלוציע אין איהר פראקטיק.

די מארקס ליטעראטור געזעלשאפט.

אינהאלט:

דאָס לעבען פון אַ רעוואָלוציאָנער
שטריכען פון ניקאָלאַי לענין'ס ביאָגראַפיע
פון משה כץ 11

לענין אין מאָסקווע
פערזענליכע איינדרוקען און אונטערהאַנדלונגען
פון משה כץ 77

לענין'ס פּלאַץ אין דער רוסישער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט
פון דר. יצחק אייזיק הורוויטש 145

לענין און דער „בונד" פון י. מילל 153

דאָס לעבען פון אַ רעוואָלוציאָנער

שטריכען פון ניקאָלאַי לענין׳ס ביאָגראַפיע

פון משה כ״ץ

דאָס לעבען פון אַ רעוואָלוציאָנער

(שטריכען פון ניקאָלאַי לענין'ס ביאָגראַפיע)

„ווען איך וואָלט זיך איינגעשטעלט פאַר די רייכע, פאַר די מעכטיגע, פאַר די געבילדעטע, פאַר די אַזוי גערופענע גרויסע אָדער פאַר עמיצען פון אָט דעם מין מענשען און איך וואָלט געליטען און מקריב געווען צוליעב זיי אַלץ וואָס איך האָב געהאַט, וואָלט אַלצדינג געווען ווי עס דאַרף צו זיין. יעדער מענש אין אָט דעם געריכט וואָלט עס באַטראַכט פון מיין זייט אַלס אַן אַקט וואָס איז ניכער ווערט צו באַלוינט איידער באַשטראָפט צו ווערען.

„איך פיהל זיך אָבער פאַרבונדען צו די וואָס זיינען געבונדען און איך האָב זיך באַמיהט צו ווירקען לויט אָט דער איבערצייגונג. און איצט, ווען מען געפינט פאַר נויטיג, אַז איך זאָל פאַרלירען מיין לעבען כדי מיטצוהעלפען די ציעלען פון גערעכטיגקייט, און צו־מישען מיין בלוט און דאָס בלוט פון מיינע קינדער מיט'ן בלוט פון מיליאָנען אין דעם דאָזיגען שקלאַפען־לאַנד, וואָס זייערע רעכט ווערען פאַרלעצט דורך שלעכטע, אומגערעכטע און גרויזאַמע געזעצען, זאָג איך: זאָל עס געשעהן.” (פון דזשאָהן בראַון'ס לעצטען וואָרט פאַר'ן געריכט, וואָס האָט איהם פאַר'משפט צום טויט).

1. די קינדער־יאָהרען

ווען לענין איז געבאָרען געוואָרען מיט 50 יאָהר צוריק, דעם 10טען אַפּריל 1870 אין דער רוסישער שטאָדט סימבירסק האָט קיינער, פאַרשטעהט זיך, ניט געקאָנט זיך פאַרשטעלען, אַז דאָס איז געבאָרען געוואָרען דער מענש, וועמען עס איז באַשערט צו שטעלען רוסלאַנד אין די רייהען פון די ערשטע קעמפער פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, און פאַרמעסטען זיך צו פאַרניכטען

די קאפּיטאַליסטישע אָרדנונג אין דער גאַנצער וועלט. ניט נאָר האָט קיינער דאָס ניט געקאָנט טראַכטען וועגען לענין'ען, נאָר וועניג וועמען עס איז איבערהויפּט איינגעפאַלען, אַז רוסלאַנד וועט ווען עס איז אויסקומען שפּילען אין דער וועלט־געשיכטע די ראָליע וואָס עס שפּילט איצטער. רוסלאַנד איז דעמאָלט געווען איינער פון די שוואַרצסטע פלעקען אויף דער לאַנד־קאַרטע פון דער וועלט און האָט זיך געגרייט צו נעהמען אויף זיך די ראָליע פון דעם אייראָפּעאיישען זשאַנדאַרם, וועלכע זי האָט דערנאָך געשפּילט אין אַ משך פון צעהדליגער יאָהרען.

דאָס איז געווען אַ צייט, ווען דאָס מיליטאַריסטישע פראַנק־רייך פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטען, האָט געהאַלטען ביים פאַלען און דאָס מיליטאַריסטישע דייטשלאַנד פון פירסט ביסמאַרק האָט גע־האַלטען אין געבען דעם לעצטען קלאַפּ פראַנקרייך, כדי צו פאַר־נעהמען איהר אָרט אין אייראָפּא. דאָס איז געווען אַ צייט, ווען די עפּאָכע פון די „גרויסע בירגערליכע רעפאַרמען", וואָס אַלעק־סאַנדער דער צווייטער האָט אַנגעהויבען אין אָנפאַנג פון די 60־ער יאָהרען מיט דער באַפרייאונג פון די רוסישע פויערים האָט זיך געענדיגט, די גוטע הבטחות האָבען זיך אויסגעלאָזען מיט גאָר נישט און די רעפאָרמען, וואָס האָבען בלויז צורייצט דעם אַפּעטיט פון די פאָלקס־מאַסען און די געבילדעטע קלאַסען אין לאַנד האָבען גענומען „איינדאַרען" און צוריקגענומען ווערען. דאָס איז אויך געווען די צייט, ווען אויף די תורבות פון דער פריציש־פעאָדאַלער אָרדנונג אין רוסלאַנד האָט אַנגעהויבען מיט מאַטערנישען און וויינען אויפגעהן די נייע קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג מיט דער צושטערונג פון די אַלטע לעבענס־פאָרמען און טראַדיציעס, וואָס זי ברענגט מיט זיך, און די וועניגע דעמאָל־טיגע רוסישע סאָציאַליסטישע עקאָנאָמיסטען האָבען זיך גע־פרעגט: צי וועט רוסלאַנד מוזען דורכגעהן דורך די קאַפּיטאַליס־טישע רעהרען אָדער זי וועט זיך קאָנען באַגעהן אָהן זיי.

דער סאָציאַליזם אין רוסלאַנד איז דעמאָלט נאָך געווען אין די וויקעלעך, אָבער אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט שוין עק־זיסטירט, אויף וויפיעל זי האָט אין דער אָדער יענער פאָרמע, שטאַרקער אָדער שוואַכער ארומגעכאַפּט די גאַנצע דעמאָלטיגע

רוסישע אינטעליגענץ. די רוסישע אינטעליגענטע יוגענד האָט זיך דעמאָלט א לאָז געטאָן אין פאָלק, בילדען איהם, כדי אויפצוהויבען איהם קעגען זיינע אונטערדריקער, און די אקטיווע רעוואָלוציאָנערען, וואָס האָבען נאָך אונטער זיך ניט געפיהלט די אקטיווע אונטערשטיצונג פון א קלאס האָבען אנגעהויבען מאכען די ערשטע העלדישע פּראָבען פון אינדיווידועלען טעראָריסטען־קאַמף געגען צאַריזם. און אזוי ווי די ליבעראַלע אָנשטעלען פון דער רעגירונג האָבען שוין דעמאָלט פאַרלאָרען יעדען קרעדיט אין די אויגען פון דער באַפעלקערונג און די רעגירונג פון אלעקסאנדער דעם צווייטען האָט זיך אַלץ מעהר געגומען פארוואנדלען אין א פּשוט'ער פּאָליציי־רעגירונג, האָבען הונדערטער און טויזענדער פון די יונגע טרוימער און קעמפּפער פאר א נייער אָרדנונג געמוזט באַצאָהלען מיט זייער לעבען און פרייהייט פאר זייערע טרוימען און טויזענדער זייערע זיינען פארשיקט געוואָרען פון זייערע היים־ערטער אין די „ניט זעהר ווייטע“ און „גאָר ווייטע“ געגענדען פון מזרח־רוסלאַנד און סיביר, — און סימבירסק, וואָס ליגט כמעט ביים גרעניץ פון אַרייאָפּעאישען רוסלאַנד איז געווען איינער פון די פּונקטען, וואוהין די ווייניגער געפעהרליכע „פארברעכער“ פלעגען פארשיקט ווערען. נאַטירליך האָט די רעגירונג ניט געקאָנט אָפּצאַמען די אַרויסגעשיקטע פון דער אָרטיגער באַפעלקערונג, און די ליבעראלע און רעוואָלוציאָנערע געדאנקען פון יענער צייט פלעגען דעריבער זעהר לייכט אַריינדרינגען דורך די פארשיקטע אין דער באַפעלקערונג, באַזונדערס אין דער אינטעליגענץ.

אָט אין אזא צייט און אין אזא סביבה איז וולאַדימיר איליטש אוליאַנאָוו (לענין) געבאָרען געוואָרען, און אט אונטער אזעלכע ווירקונגען האָט ער זיך געפונען אין די ערשטע צארטסטע יאָהרען פון זיין קינדהייט, ווען די נשמה זאפּט איין ווי א שוואָם אַלע אויסערליכע איינדרוקען. וולאַדימיר איז געווען איינער פון די פינף קינדער (דריי זיהן און צוויי טעכטער) ביי זיין פאָטער, איליא אוליאַנאָוו, א גימנאַזיע־לעהרער און דערנאָך אן אינספּעקטאָר (סופּעראינטענדענט) פון די אָרטיגע פאָלקס־שולען, און זיין מוטער מאַריאַ אלעקסאנדראָוונא, א טאָכטער פון א קליינעם

גוטבאַזיצער. סאַי צוליעב דעם, וואָס לענינ׳ס עלטערען האָבען געהערט צו דער גאָר קליינער צאָהל פון דער אָרטיגער אינטעליגענץ, סאַי צוליעב דעם, ווייל דער פאָטער איז געווען אַן ענטוזיאַסטישער פעדאַגאָג, וואָס פלעגט פראָפּאַגאַנדירען זיינע געדאַנקען רעכטס און לינקס איז זייער הויז שטענדיג געווען פול מיט יוגענד און מען האָט דאָרט ניט אויפגעהערט צו ריידען וועגען ליטעראַטור און קונסט און וויסענשאַפט און, פאַרשטעהט זיך, אויך פּאָליטיק. דאָס אַלץ האָט, נאַטירליך, געמוזט ווירקען אויפ׳ן יונגען וולאַדימיר׳ן, אָבער נאָך מעהר האָט אויף איהם געווירקט דער ביישפּיעל פון דעם ליבלינג פון דער פאַמיליע, זיין עלטערען ברודער אַלעקסאַנדער.

אַלעקסאַנדער איז געווען מיט עטליכע יאָהר עלטער פון וולאַדימיר׳ן און בעת יענער איז געווען נאָך גאר א אינגעל איז אַלעקסאַנדער שוין געווען א דערוואַקסענער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך ניט נאָר באַוואוסטזיניג אינטערעסירט מיט דער רעוואָלוציע, נאָר ער האָט אויך גענומען אין איהר אַן אַקטיווען אַנטייל. ער איז געווען אַ מענש מיט גרויסע פעהיגקייטען, מיט אַ נאָבעלען כאַראַקטער און אַ זעלטענער ענערגיע. ער האָט זעהר פיעל געלערענט און געשטודירט און איז געווען איינער פון די ערשטע אין רוסלאַנד וואָס האָט זיך גענומען איבערזעצען מאַרקס׳ן אויף רוסיש. עס קאָן זיין אַז פון אַלעקסאַנדער׳ן האָט וולאַדימיר זיך צום ערשטען מאָל דערוואוסט וועגען מאַרקס׳ן און איז געוואָרען זיין אָנהענגער נאָך איידער ער האָט איהם ווי געהעריג פאַרשטאַנען, און דערמיט אפשר ערקלעהרט זיך דער פאַקט, וואָס שוין ביי זיינע ערשטע טריט אין געזעלשאַפטליכען און רעוואָלוציאָנערען קאַמף איז וולאַדימיר, דער שפּעטערדיגער לענין, א מאַרקסיסט.

אַלעקסאַנדער איז אין יאָהר 1884, ווען לענין איז אַלט געווען 14 יאָהר, אַוועקגעפאָהרען קיין פּעטראָגראַד, וואו ער איז געוואָרען אַ סטודענט אין דאָרטיגען אוניווערזיטעט. ער האָט דאָרט געאַרבייט זעהר פיעל, געלערענט כעמיע, געשריבען אַן אויספאָרשונג וועגען די זעה-אָרגאַנען ביי ווערים און געוואונען דערפאַר א גאָלדענע מעדאַל, געשטודירט סאָציאַלע פראַגען, אי־

בערגעזעצט מאַרקסיסטישע ווערק, אָרגאַניזירט סטודענטען און אַרבייטער און, אריינטרעטענדיג אין דער פּאַרטיי פון „פאָלקס־ווילען" („נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ") גענומען אַן אַנטייל אין אַן אַטענ־טאַט אויפ'ן צאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטען, דעם 1טען מערץ 1887. דער אַטענטאַט איז ניט געלונגען און אַלעקסאַנדער אוליאַ־נאָוו איז אינאיינעם מיט זיינע חברים אַרעסטירט געוואָרען. אויפ'ן געריכט האָט ער זיך געהאַלטען מיט אַ זעלטענעם מוט, האָט גענומען אויף זיך די גאַנצע שולד, כדי צו ראַטעווען זיינע חברים און איז פאַר'משפט געוואָרען צום טויט. דעם 20טען מאַי 1887, איז אַלעקסאַנדער געהאַנגען געוואָרען אין שליסעלבורגער פעסטונג, און ס'איז ניט שווער פאַרצושטעלען זיך וואָס פאַר אַ ווירקונג דאָס האָט געהאַט אויף זיין יונגערען ברודער, אויף דעם שפּעטערדיגען לענין'ען. ווי מיר קאָנען לענינ'ען איצטער ווייסען מיר, אז ער איז „אַ מענש פון איין אידעע", אַ מענש מיט דער זעלטענער פעהיגקייט צו קאָנצענטרירען אַלע זיינע געדאַנקען און זיין גאַנצען ווילען אויף איין איינציגען פּונקט, — און עס איז ניט שווער צו פאַרשטעהן וואָס פאַר „אַן איין און איינציגע אידעע" עס האָט געדראַפּט שמעלען פאַר דעם יונגען לענינ'ס אויגען: דער קאַמף פון זיין ברודער און זיין טראַגישער טויט פאַר זיינע אידעאַלען. דעם רעזולטאַט פון אָט דער ווירקונג זעהען מיר שוין אין אַ יאָהר אַרום, ווען לענין ווערט צו 18 יאָהר אַ טעטיגער מיטגליד אין די סימבירסקער רעוואָלוציאָנערע קרייזען, און צו 19 יאָהר שליסט מען איהם שוין אויס פון קאַזאַנער אוני־ווערזיטעט פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט.

2. לענינ'ס ערשטע רעוואָלוציאָנערע טריט

די ערשטע רעוואָלוציאָנערע שולע איז לענין דורכגעגאַנגען, — אויב מען זאָל ניט רעכענען דעם איינפלוס פון זיין הויז און די ווירקונג פון זיין ברודער — אין די סטודענטישע קרייזען פון קאַזאַנער אוניווערזיטעט. דעמאָלט זיינען נאָך קיין מאַרקסיסטען אין רוסלאַנד כמעט ווי ניט געווען. פּלעכאַנאָוו'ס „גרופּע פון באַפרייאונג פון אַרבייט", וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1885 איז נאָך דעמאָלט געווען אַ ריין אויסלענדישע טעאָ־

רעטישע גרופע, אָהן פארצווייגונגען אין רוסלאַנד. די איינציגע סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע פּארטיי וואָס האָט דעמאָלט עקזיסטירט אין רוסלאַנד איז געווען די „פּארטיי פון פאָלקס־ווילען" („נאַראָדנאיא וואָליא„), און די דאָזיגע פּארטיי האָט איהרע אָנהענגער רעקרוטירט הויפּטזעכליך צווישען דער אינטעליגענץ. אין קאַזאַנער אוניווערזיטעט האָט דער יונגער לענין דעריבער געהערט צו איינער פון די סטודענטען־גרופּעס פון „נאַראָדנאיא וואָליא".

אָבער די „נאַראָדנאיא וואָליא" וואָס ער האָט געטראָפען איז שוין געווען וועיט ניט די גרויסע און איינפלוסרייכע פּארטיי, וואָס האָט עקזיסטירט מיט צעהן יאָהר פריהער און וואָס האָט אויסגעפיהרט דעם געלונגענעם אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטען. דער איינצעל־טעראָר, וועלכער האָט זי געמאַכט באַריהמט האָט וועיט ניט געבראַכט די רעזולטאַטען אויף וועלכע זי האָט געהאָפט. די רעאַקציע איז געוואָרען אַלץ שטאַרקער און שוואַרצער און דאָס פאָלק האָט זיך ניט אויפגעהויבען אויפ'ן רוף פון דער פּארטיי. אין דער פּארטיי האָט זיך דעריבער אָנגעהויבען א קריזיס, וואָס איז נאָך פארשטאַרקט געוואָרען צוליעב די אומגעהויערע פארלוסטען, וואָס זי האָט געליטען פון די אַרעסטען, פארשיקונגען און הינריכטונג פון איהרע מיטגלידער. א טייל פון דער פּארטיי, דער וואָס איז געשטאַנען נאָהענטער צו די מאַסען האָט אָנגעהויבען צו טראַכטען וועגען נייע וועגען און מיטלען פון דער רעוואָלוציע. דער ארבייטער־קלאַס, וואָס האָט דעמאָלט גענומען וואַקסען אין רוסלאַנד האָט אָנגעהויבען צוציהען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די יונגערע פּארטיי־טוער. עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס אַלעקסאַנדער אוליאַנאָוו, דער מיטגליעד פון דער פּארטיי „נאַראָדנאיא וואָליא" האָט כמעט ערב דעם ניט־געלונגענעם באָמבען־אַטענטאַט וואָס ער האָט געמאַכט אויף אַלעקסאַנדער דעם דריטען, געפּלאַנעוועט מיט זיין פריינד פּאָלצאָוו, ארויסצוגעבען א סאָציאַליסטישע ארבייטער־ביבליאָטעק און אַלס איינע פון די ערשטע אויסגאַבען איז באַשטימט געוואָרען אן איבערזעצונג פון מאַרקס' קריטיק איבער דער העגעליאַנישער פילאָזאָפיע, וואָס אַלעקסאַנדער אַליין האָט געמאַכט. דער

דאָזיגער אַקטיווער אינטערעס צום מאַרקסיזם ווייזט שוין אָן אויף דעם אינערליכען קריזיס, וואָס די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" האָט דעמאָלט איבערגעלעבט, און צו דעם אינערליכען איז צוגעקומען דער אויסערליכער, נאָכדעם ווי דער אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם דריטען איז דורכגעפאַלען און אַ מאַסע פון די אַקטיוויסטע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי זיינען אַרעסטירט, פאַרשיקט און געהאַנגען געוואָרען. אַלעקסאַנדער אוליאַנאָוו'ס אַטענטאַט איז פאַקטיש געווען דער לעצטער דרייסטער אַרויסטריט פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". נאָך איהם האָט די פּאַרטיי שנעל גענומען פאַלען.

לענין האָט זיך ביי דער קאַזאַנער גרופּע פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" לאַנג ניט געהאַלטען. ווען מען האָט איהם אַרויסגעשיקט פון קאַזאַן קיין סאַמאַראַ האָט ער זיך דאָרטען געטראָפען מיט די ערשטע, אמת, איינצעלנע רוסישע מאַרקסיסטען און איז באַלד צו זיי צוגעשטאַנען. דאָרט האָט ער אויך גענומען ערנסט שטודירען דעם מאַרקסיזם, און ווען ער איז אין יאָהר 1890, אַלס אַ צוואַנציג־יאָהריגער יונגערמאַן געקומען קיין פּעטערבורג איז ער שוין געווען אַן איבערצייגטער מאַרקסיסט.

אין פּעטערבורג איז לענין, וועלכען מען האָט אין אוניווערזיטעט ניט געוואָלט אריינעמען צוליעב זיין פּאָליטישער ניט־כשר'קייט, אין איין יאָהר אַלס עקסטערן דורכגעגאַנגען דעם קורס פון יורידישען פאַקולטעט, אָפּגעגעבען עקזאַמען און באַקומען דאָס רעכט צו ווערען אַן אַדוואָקאַט. אָבער מיט אַדוואָקאַטור האָט ער זיך ניט פאַרנומען. בלויז אויף איין קליינעם פּראָצעס איז ער אַרויסגעטראָטען און פון אָט דעם איינציגען פּראָצעס זיינען ביי איהם פאַרבליבען בלויז הומאָריסטישע זכרונות. די פּראָצעסען אין צאַרישען געריכט זיינען איהם ניט געלעגען אין קאָפּ, ווייל ער האָט זיך מיט'ן גאַנצען ברען פון זיין יוגענד און פון זיין נשמה געגרייט צו אַן אַנדער פּראָצעס, צום גרויסען פּראָצעס קעגען דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. לענינ'ס אַלטער חבר, זינאָוויעוו, דערצעהלט ווי לענין האָט זיך דעמאָלט אַרומגעדרעהט איבער פּעטערבורג זוכענדיג אידעען־גענאָסען, מאַרקסיסטען. אָבער צווישען דער אינטעליגענץ זיינען דעמאָלט

געווען נאָך זעהר ווייניג מאַרקסיסטען. האָט ער זיי גענומען זוכען צווישען די אַרבייטער, און דאָרט האָט ער טאַקע געפונען חברים, וואָס האָבען, אמת, ווענען מאַרקס' טעאָריעס גאַנץ ווייניג אָדער גאָר נישט געוואוסט, אָבער וואָס זיינען געווען גרייט אין קאַמף צו פאַרווירקליכען מאַרקס' אידעאַלען.

פאַר זיינע דעמאָלטיגע שטימונגען, וואָס האָבען דערנאָך אַרויפגעלעגט אַ שטעמפעל אויף זיין גאַנצען לעבען איז כאַראַקטעריסטיש דער אינטערעס, וועלכען ער האָט אַרויסגעוויזען ספּעציעל צו אַרבייטער־רעוואָלוציאָנערען. ער, וואָס האָט ניט געקאָנט די ערשטע אַרבייטער־קעמפער פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" זשעליאַבאָוו'ן, כאַלטורין'ען, און אַנדערע פון זייער גלייכען, האָט געזוכט און געפאָרשט אַלצדינג וואָס ער האָט זיך געקאָנט דערוויסען ווענען זייער לעבען און טעטיגקייט. מיט באַגייסטערונג פלעגט ער איבערגעבען אַלץ וואָס ער האָט זיך דערוואוסט ווענען זיי זיינע פריינד און חברים. זיי זיינען געוואָרען זיין לעבענס־מוסטער, זיין אידעאַל. זיינע נאָהענטסטע פריינד פלעגט ער אויך זוכען הויפּטזעכליך צווישען די אַרבייטער. די רעוואָלוציאָנערע אַרבייטער, שעלגונאָוו און באַבושקין (וועלכער איז אין יאָהר 1906 דערשאָסען געוואָרען אין סיבער בעת דעם אויפשטאַנד קעגען גענעראַל רענענקאַמפּ'ס שטראָף־עקספּעדיציע) זיינען פאַרבליבען זיינע נאָהענטסטע פריינד ביז זייער לעצטער מינוט.

און די דאָזיגע באַציהונג צו די אַקטיווע קעמפער קעגען צאַריזם האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגעלט אויף זיין שטעלונג צו דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". באַציהענדיג זיך, אַלס מאַרקסיסט, נעגאַטיוו צו דער טעאָריע פון די נאַראָדניקעס האָט ער אָבער בשום אופן זיך ניט געוואָלט אָפּזאָגען פון דער פּראַקטישער ירושה פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", פון איהר העלדישען קאַמף קעגען דעם צאַריזם:

„די ירושה, פלעגט ער זאָגען, געהערט אונז. אונזער אויפגאַבע איז ווייטער צו פיהרען די אַרבייט, וואָס זשעלאַבאָוו האָט אָנגעהויבען. זשעליאַבאָוו, וואָס האָט זיך פאַרבונדען מיט'ן אַרבייטער־קלאַס און אָוועקגעשטעלט אויפ'ן טאָג־סדר די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע. דאָס איז דאָך דער אמת'ער קאָמוניסט.

כדי מיר זאָלען ביי די נייע געזעלשאפטליכע תנאים קאָנען ווייטער טאָן זשעליאבאָוו׳ס ארבייט מוזען מיר ווערען רעוואָלוציאָנערע מארקסיסטען, מוזען מיר אָטעמען מיט איין ברוסט מיט׳ן ארבייטער־קלאס, מיט דעם איינציגען רעוואָלוציאָנערען קלאס פון אונזער צייט, מיט דעם קלאס, וואָס מוז באפרייען די גאנצע וועלט כדי צו באפרייען זיך אליין.“

און ריידענדיג וועגען דער ראָליע פון די ארבייטער אין דער „נאראָדנאיא וואָליא“ פלעגט ער שטענדיג אונטערשטרייכען:

„ווען מיר וועלען האָבען הונדערטער אזעלכע פראָלעטאריער, ווי כאלטורין, ווען זיי וועלען מעהר ניט זיין קיין איינצעלנע פערזאָנען, וואָס געהען מיט א באָמבע אָדער רעוואָלווער קעגען דעם אָדער יענעם מיניסטער, נאָר זיי וועלען זיך שטעלען בראש פון דעם פיעל־מיליאָניגען ארבייטער־קלאס, דעמאָלט וועלען מיר ווערען אומבאזיגבאר, דעמאָלט וועט קומען א סוף צום צאריזם און דערנאָך אויך צו דער הערשאפט פון דער בורזשואזיע *)

ווי מיר זעהען פון די דאָזיגע ווערטער האָט שוין לענין אין דער ערשטער צייט פון זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט זיך געשטעלט אויפ׳ן וועג פון א רעוואָלוציאָנערער מאסען־באוועגונג פון ארבייטער־קלאס, וואָס פיהרט א באוואפענטען קאמף סאי קעגען דעם צאריזם, סאי קעגען דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט.

אָט די שטעלונג זיינע האָט שוין ביי זיינע ערשטע שריט באשטימט זיין ווייטערדיגע טעטיגקייט.

אין אָנפאנג פון די 90־גער יאָהרען האָבען זיך די מארקסיסטישע אידעען אין דער פאָרמע פון דעם אזוי גערופענעם „לעגאלען מארקסיזם“ אנגעהויבען שטארק פארשפרייטען אין רוסלאנד. דאָס איז געווען א צייט, ווען דער קאפיטאליזם האָט גענומען מאכען אין רוסלאנד ריזיגע פארשריט. מען האָט געבויט א סך אייזענבאהנען און פאבריקען, עס האָט זיך אָנגעהויבען

---

*) די פאקטען זיינען גענומען פון א רעדע, וואָס לענין׳ס נאָהענטער פריינד, זינאָוויעוו, האָט געהאלטען וועגען לענינ׳ען אין פעטראָגראַד דעם 16טען סעפטעמבער, 1918.

א שטארקער עקספארט קיין אויסלאנד, סיביר וואס האט ביז דעמאלט געדינט בלויז אלס א פלאץ צו פארשיקען פארברעכער און פאליטישע איז ווידער אנטדעקט געווארען אלס „די גאל־דענע דעק" פון רוסלאנד, עס האט אנגעהויבען אויסוואקסען און באפעסטיגען זיך א בורזשואזיע אין אייראפעאישען זינען פון ווארט. די אלטע רוסישע לעבענס־באדינגונגען זיינען פאר איהר ענג געווארען, אינאיינעם דערמיט האבען אנגעהויבען אלץ מעהר און מעהר פארלירען זייער באדען די פארעלטערטע טעאריעס וועגען דער עקאנאמישער ענטוויקלונג פון רוסלאנד. די טיילען פון דער מארקסיסטישער טעאריע, וואס האבען אנערקענט דעם קאפיטאליזם אלס א העכערע און נויטיגע ענטוויקלונגס־פארם אין פארגלייך מיט'ן פעאדאליזם האבען דעריבער זעהר שטארק אפעלירט צו דער בורזשואזער אינטעליגענץ און זי האט פון זיך אויסגעטיילט א גאנצע רייהע פון די אזוי גערופענע „לעגאלע מארקסיסטען", דאס הייסט פון אזעלכע מארקסיסטען וואס האבען פון מארקס' גאנצער טעאריעס ארויסגענומען בלויז דעם פונקט, אז „מען דארף זיך געהן לערנען ביים קאפיטאליזם" (דער אויסדרוק פון פעטער סטרואווע, דעם אמאליגען סאציאליסט און איצטיגען רעכטען קאדעט). די רוסישע זשורנאלען און ביכער־ארויסגעבער פון יענער צייט האבען פשוט ווי מיט ליכט געזוכט ארטיקלען און ביכער וועגען מארקסיזם.

דער איינציגער שטארקער און אנגעזעהענער קעמפער קעגען מארקסיזם איז דעמאלט געווען דער באריהמטער רוסישער פובּ־ליציסט נ. ק. מיכאילאווסקי, אן אנהענגער פון די אידעען פון „נאראדנאיא וואליא". אבער גראד זיין אומאויפהערליכער קאמף קעגען דער מארקסיסטישער אידעאלאגיע האט נאך מעהר געהאל־פען צוציהען די געזעלשאפטליכע אויפמערקזאמקייט צום מארקסיזם. לענינ'ס ערשטע באדייטענדע זשורנאליסטישע אר־בייטען זיינען טאקע דעריבער געווען פאלעמישע ארטיקלען קעגען מיכאילאווסקי'ן, וואס האבען טאקע באלד צוגעצויגען צו טולין'ען (דאס איז דעמאלט געווען לענינ'ס פסעוודאנים) דעם אינטערעס פון דער געזעלשאפט. א דאנק זיין ערודיציע און דעם פייער מיט וועלכען ער האט געקעמפט פאר זיין אידעע האט לענין

דעמאָלט געקאָנט גרינג פארנעהמען א זעהר אָנגעזעהענעם אָרט אין דער זשורנאַליסטיק. אָבער ער האָט דאָס ניט געוואלט, ווייל ער האָט געזעהן די סכנות פון דעם „לעגאַלען מארקסיזם“. אנשטאט דעם האָט ער זיך אינגאנצען אפגעגעבען דער פראקטישער ארבייטער־באַוועגונג.

אינאיינעם מיט זיינע ערשטע חברים ארבייטער און רעוואָלוציאָנערע מארקסיסטען גרינדעט ער אין פעטערבורג (ענדע יאָהר 1890) דעם „פארבאנד פון קאמף פאר דער באפרייאונג פון ארבייטער־קלאס“. ווי שוין דערמאָנט, האָט שוין אין יענער צייט אין אויסלאנד עקזיסטירט א „גרופע צו באפרייען די ארבייט“, געגרינדעט אין יאָהר 1885 פון פלעכאנאָוו'ן אינאיינעם מיט לעאָ דייטש'ען, אקסעלראָד'ן, ווערא זאסוליטש און אנדערע. לענין האָט זיך אין זיין „פארבאנד“ געשטעלט די זעלבע צוועקען ווי פלעכאנאָוו'ס אויסלענדישער פארבאנד. אָבער כאראקטעריסטיש איז דער חלוק און די נעמען פון די צוויי ארגאניזאציעס. פלעכאנאָוו מיט זיינע חברים האָבען געגרינדעט א „גרופע צו באפרייען די ארבייט“. פאר לענינ'ען, זייער שילער און נאָכפאָלגער איז דאָס צו ווייניג און צו שפל'דיג. און ער שטרייכט דעריבער אונטער „פארבאנד פ ו ן ק אָ מ ף פאר דער באפרייאונג פון דעם א ר ב י י ט ע ר ־ ק ל א ס“. דאָ איז די אויפגאבע א קלאָרע: א פראקטישער ק אָ מ ף פאר דער באפרייאונג, און דער ציעל און מיטעל איז ניט סתם די ארבייט, נאָר דער ארבייטער־ ק ל א ס. אָט אָ דער חלוק אין די ווערטער, וואָס איז פון אָנהויב כמעט ווי ניט באמערקט געוואָרען האָט דערנאָך אין דער פראקטיק געשפיעלט א קאָלאָסאַלע ראָליע. מען קאָן זאָגען, אז מיט דער „גרופע צו באפרייען די ארבייט“ האָט פלעכאנאָוו געלייגט דעם גרונדשטיין פאר'ן מ ע נ ש ע ו ו י ז ם און לענין האָט מיט זיין „פארבאנד פון קאמף פאר דער באפרייאונג פון ארבייטער־קלאס“ שוין אין יאָהר 1892 געלייגט דעם פונדאמענט פאר דעם ב אָ ל ש ע ו ו י ז ם.

לענין האָט זיך מיט לייב און לעבען אפגעגעבען זיין ארגאניזאציע. ער איז געוואָרען דאָס וואָס ער האָט מיט צעהן יאָהר שפעטער אָנגערופען „א פראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער“, ער

האָט זיך אינגאנצען געשטעלט אין דינסט פון דעם ארבייטער־קלאַס און פון דער רעוואָלוציע און פון קיין אנדער ארבייט ניט געוואָלט וויסען. לויט דעם אויפטראג פון אַט דער אָרגאַניזאַציע פלעגט ער אָרגאַניזירען ארבייטער־קרייזען און מיטינגען, פיהרען אַן אַגיטאַציע צווישען די ארבייטער, שרייבען און פארשפרייטען בלעטלעך, דורכפיהרען שטרייקען, און איינע פון זיינע ערשטע ליטעראַרישע ארבייטען פאַר דער ארגאַניזאַציע איז געווען די בראָשור „וועגען שטראָפען". אין דער דאָזיגער בראָשור האָט לענין זיך באַנוצט מיט דער טאַקטיק וועלכער ער איז פארבלי־בען געטריי זיין גאַנץ לעבען: ניט פילאָזאָפירען, ניט ברייגנען צו די ארבייטער קיין לאָזונגען וואָס זיי פארשטעהען נאָך ניט אָדער צו וועלכע זיי זיינען ניט דערוואקסען, נאָר שטויסען זיי אויפ'ן וועג פון רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליסטישען קאַמף ארויס־געהענדיג פון זייערע טאָג־טעגליכע באדערפנישען און עלעמענ־טאַרע באַגריפען. אין דער בראָשור „וועגען שטראָפען" האָט ער באַהאַנדעלט די פראגע וועגען די שטראָפען, וואָס די פאַבריקאַנטען פלעגען ארויפלעגען אויף די ארבייטער אין די פאַבריקען. נע־מענדיג אַט דעם אַלטעגליכען פאקט אלס אויסגאנגס־פונקט האָט ער ערקלעהרט די ארבייטער צוליעב וואָס די פאַבריקאַנטען טוען דאָס, ווי די פאַבריקאַנטען האָבען זיך גענומען אזא מאכט, ווי די ארבייטער דארפען באַקעמפען זייערע באַלעבאַטים און אז דער קאַמף מוז סוף כל סוף ברייגנען צו דער אפשאפונג פון דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, צום סאָציאַליזם.

„אין יענעם מאָמענט, — דערצעהלט זינאָוויעוו, — איז דאָס געווען די הויפּטזאַך: מען האָט געמוזט אגיטירען אויפ'ן באָדען פון די שטראָפען, כדי צו דערהויבען די עקאָנאָמישע שטרייקען צו דער הויך פון פּאָליטישע געשעהענישען. וולאַ־דימיר איליטש (לענין) האָט זיך אינגאנצען אפגעגעבען אַט דער ארבייט, ער האָט געטאָגט און גענעכטיגט אין די ארבייטער־קווארטאַלען. די פּאָליציי האָט באַלד דערשמעקט ווער ער איז און גענומען איהם פארפאָלגען. ער האָט געהאַט בלויז אַ קליינעם קרייז פריינד. כמעט די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ פון יענער צייט האָט זיך צו איהם באַצויגען אומפריינדליך".

אין דעם פריהערדיגען קאַפּיטעל איז דערמאָנט געוואָרען וועגען זיינע ערשטע שטריט האָט געווים געהאט א גרויסע ווירקונג אויף דער נעגאטיווער שטעלונג וואָס לענין האָט פאַרנומען פון דעמאָלט אָן און ביז דער לעצטער צייט בנוגע צו דער אינטעליגענץ, וואָס שיט מיט רעוואָלוציאָנערע פראַזעאָלאָגיע און פאַרשטעהט ניט, אָדער וויל ניט וויסען פון קיין רעוואָלוציאָנערע מעשים.

3. די ערשטע קאַמף־יאָהרען

אין דעם פריהערדיגען קאַפּיטעל איז דערמאָנט געוואָרען וועגען לענין'ס באַציהונג צו די אַזוי־גערופענע „לעגאַלע מארקסיסטען". לענין האָט אָנגעהאַלטען באַציהונגען מיט זיי נאָר אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל ער האָט גערעכענט, אַז זיי וועלען העלפען אין דער פּראָפּאַגאַנדא פון מארקסיסטישע אידעען. אין דעם האָט זיך אַרויסגעוויזען דער גרונדשטריך פון לענין'ס כאַראַקטער: א פּערזאָן איז פאַר איהם נאָר אויף אַזוי פיעל ווערט, אויף וויפיעל זי קאָן אויסגענוצט ווערען פאַר זיין אידעע. נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט מען אין די צייטונגען געשריבען, אַז לענין זאָל זיך האָבען אויסגעדריקט, אַז „מיר וועלען צווינגען אפילו פּאָגראָמשטשיקעס זיי זאָלען דיענען דער סאָציאַלער רעוואָלוציע". עס איז מעגליך, אַז לענין האָט אַזא פראַזע ניט אַרויסגעזאָגט, אָבער צוגעטראַכט איז זי יעדענפאַלס ניט שלעכט. אין דער צייט פון דער פיערטער רוסישער דומע האָט ער אויף אַזא אופן אויסגענוצט דעם דומא־דעפּוטאַט מאַלינאָווסקי'ן, צו וועלכען ער האָט ניט געהאַט קיין שום סבות צו באַציהען זיך מיט א באַזונדערען צוטרוי און וועלכער האָט זיך דערנאָך אַרויסגעשטעלט אַלס אַן אַגענט פון דער צאַרישער געהיים־פּאָליציי. אויף דעם זעלבען אופן האָט ער אין דער צווייטער דומא אויסגענוצט דעם דעפּוטאַט אַלעקסינסקי'ן, וועלכען אַלע אין דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָבען פיינט געהאַט פאַר זיינע קליינליכע אַמביציעס. די הויפּטזאַך פאַר לענין'ען איז בלויז זיין צענטראַלע אידעע, דער מענש איז נאָר א מיטעל דערצו. דיזעלביגע באַציהונג האָט ער געהאַט אויך צו די לעגאַלע

מארקסיסטען אין אָנהויב פון די 90־ער יאָהרען. די לעגאַלע מארקסיסטען, וואָס האָבען געזעהן אין לענין'ען אַן אויפגעהענדי־גען שטערען פון מארקסיזם האָבען זיך גראד באַצויגען צו איהם זעהר גוט. פעטער סטרואווע האָט איהם אפילו געטאָן זעהר פיעל טובות, העלפענדיג איהם אויסצובאַהאַלטען זיך פון דער רוסישער פּאָליציי. לענין האָט די דאָזיגע טובות אָנגענומען נאָר אַזוי לאַנג ווי ער האָט זיך גענויטיגט אין זיי און אַזוי לאַנג ווי די לעגאַלע מארקסיסטען זיינען געגאַנגען, ווענינגסטענס אין דער טעאָריע, האַנט ביי האַנט מיט איהם. ווי נאָר אָבער ער האָט געפונען אַ שטענד צווישען זיי, האָט ער זיך פון זיי אָפּגעזאָגט און איז אַרויס אין אַן אַקטיווען קאַמף געגען זיי.

אַזוי איז געווען מיט סטרואווע'ן. סטרואווע איז דעמאָלט געווען דער גלענצענדסטער פאָרשטעהער פון לעגאַלען מארקסיזם אין רוסלאַנד. אויף זיינע ביכער האָט זיך געלערנט אַ גאַנצער דור פון די יונגע מארקסיסטען. אָבער ווען סטרואווע האָט אַרויסגעגעבען זיין בוך „קריטישע באַמערקונגען", אין וועלכען ער האָט אָנגעהויבען קאָקעטירען מיט בערנשטיין'ס רעוויזיאָניזם, און וועלכען ער האָט געענדיגט מיט די ווערטער, אַז „מיר דארפען זיך געהן לערנען ביים קאַפּיטאַליזם", האָט לענין תיכף דערפיהלט עפּעס אַ פאַרדעכטיגען געשמאַק אין דעם און אין יאָהר 1894 איז ער אַרויסגעטראָטען קעגען סטרואווע'ן מיט אַ שאַרפער קריטיק אונטער'ן נאָמען: „בורזשואַזע עקסקורסיעס אין דער מארקסיסטי־שער ליטעראַטור". די דאָזיגע קריטיק האָט ער פריהער פאָרגע־לייענט אין אַ קרייז פון פריינד, צווישען וועלכע ס'האָט זיך גע־פונען סטרואווע אַליין. לענין האָט גע'טענה'ט, אַז סטרואווע איז נאָר אַ פריינד אויף אַ צייט און אַז ער וועט שפּעטער לאָגי־שערווייזע מוזען פאַרראַטען דעם מארקסיזם און די ארבייטער־באַוועגונג, אַ זאַך וואָס איז טאַקע געשעהן אין אָנהויב פון אונזער יאָהרהונדערט.

„איך פיהל און זעה, האָט לענין גע'טענה'ט, אַז סטרואווע וועט אונז אין גיכען פאַרראַטען צו דער בורזשואַזיע. סטרואווע זאָגט, אַז מיר דארפען זיך געהן לערנען ביים קאַפּיטאַליזם. אויף די דאָזיגע ווערטער מוז מען זיך פאַרטראַכטען. עס קאָן זיך ענדי־

גען דערמיט, אַז מען וועט אונז רופען צו לערנען זיך ניט ביים קאַפּיטאַליזם, נאָר ביי די קאַפּיטאַליסטען“.

און קריטיקירענדיג די לעגאַלע מאַרקסיסטען האָט ער דערביי שאַרף אונטערגעשטראָכען, אַז די הויפּט־קראַפט פון מאַרקס טעאָריע ליגט ניט אין דער קריטיק פון דעם קאַפּיטאַליזם, נאָר אין דער אָנווייזונג פון די וועגען און מיטלען ווי דער קאַפּיטאַליזם וועט צעבראָכען ווערען און פאַרביטען ווערען דורך אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. ווען מען הערט איצט די דאָזיגע ווערטער, אַרויסגעזאָגטע אין אַ צייט ווען קיינער ניט אין דער רוסישער און ניט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל דעמאָקראַטיע האָט נאָך ניט געטראַכט ערנסט וועגען דער סאָציאַל רעוואָלוציע, זעהט מען, אַז לענין האָט שוין דעמאָלט אין זיין גאַנצער אַגיטאַציע געלעגט דעם גרונדשטיין פאַר דעם איצטיגען באָלשעוויזם.

און פּונקט ווי ער האָט געקעמפט קעגען די פאַרפיהרערישע טעאָריעס פון די לעגאַלע מאַרקסיסטען, אַזוי האָט ער באַקעמפט די פאַלשע וועגען אין דער אַרבייטער באַוועגונג גופא. טיילווייז אונטער דער ווירקונג פון בערנשטיין׳ס רעוויזיאָניסטישער אידעע, וועלכע האָט ערקלערט אַז אין דער אַרבייטער־באַוועגונג איז דער ציעל גאָר נישט און די פּראַקטישע טאָג־טעגליכע פאָדערונגען פון דער באַוועגונג אַלץ, האָט זיך אין דער יונגער רוסישער אַרבייטער־באַוועגונג אָנגעהויבען ענטוויקלען די אַזוי־גערופענע „עקאָנאָמישע“ ריכטונג. די דאָזיגע ריכטונג האָט געלעגט דעם הויפּט־געוויכט אויף דעם טאָג־טעגליכען עקאָנאָמישען קאַמף פון די אַרבייטער פאַר באַלדיגע פאַרבעסערונגען אין זייער לעבען — אומגעפעהר ווי דאָס טוט די אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר אין אַמעריקאַ, — און האָט געוואָלט איבערלאָזען דעם פּאָליטישען קאַמף אין גאַנצען פאַר די ליבעראַלען. לענין האָט תיכף ערקלערט דער דאָזיגער ריכטונג אַ ביטערען אום׳ברחמנות׳דיגען קאַמף. די ערשטע אַרבייט זיינע אַנקעגען אָט דער גרופּע איז געוועזן אַ קליינע בראָשורע אונטער׳ן נאָמען „די אויפגאַבען פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען“, וואָס ער האָט אָנגעשריבען אין יאָהר 1897. די דאָזיגע בראָשורע האָט אָנגעמאַכט אַ רושם. ווען זי איז צוגעשטעלט געוואָרען קיין אויסלאַנד צו דער „גרופּע פון באַפרייאונג פון אַרבייט“, איז זי

דאָרט אויפגענומען געוואָרען מיט באַגייסטערונג, אַלס דער ערשטער סימן, אַז אין רוסלאַנד עקזיסטירט שוין אַן אמת'ע רעוואָלוציאָנערע אַרבייטער־באַוועגונג, און אַקסעלראָד האָט געזאָגט נביאות, אַז אין דעם פּערזאָן פון אויטאָר, לעניז, האָט די אַרבייטער־באַוועגונג גע־וואונען אַן ערשט־קלאַסיגע קראַפט, וועלכער ס'איז באַשערט אַ גראַנדיעזע צוקונפט.

אין דער דאָזיגער בראָשורע האָט לעניז פעסטגעשטעלט:

„מיר דאַרפען ניט וואַרטען מיט דער שאַפונג פון אַ רעוואָלו־ציאָנערער אַרבייטער־פּאַרטיי ביז דעם מאָמענט ווי ס'וועלען דער־גרייכט ווערען פּאָליטישע פרייהייטען. ניין, מיר זיינען אָפּגעשטאַ־נען פון אייראָפּאַ אויף הונדערט יאָהר ניט כדי מיר זאָלען זיצען מיט צונויפגעלעגטע הענט און וואַרטען ביז אונזער בורזשואַזיע וועט באַ־קומען די מאַכט. גראַד איצט, אונטער'ן דרוק און פּרעס פון דעם צאַריזם, דוקא ביי די איצטיגע שווערסטע באַדינגונגען מוזען מיר און וועלען שאַפען אַ זעלבסטשטענדיגע סאָציאַליסטישע קלאַסען־פּאַרטיי פון אַרבייטער, וואָס קעמפען שוין גלייכצייטיג סיי געגען דעם צאַריזם, סיי געגען דער בורזשואַזיע".

אין דער צייט פון דעם דאָזיגען קאַמף אויף צוויי פראָנטען (אייגענטליך אויף דריי, ווייל ער האָט אין דערזעלביגער צייט ניט פאַרגעסען די „נאַראָדניקעס" און האָט געפיהרט געגען זייער טעאָריע אַ שאַרפע מינדליכע און שריפטליכע אַגיטאַציע) האָט לעניז נאָך געפונען צייט צו פאַרנעהמען זיך מיט גרינדליכע אויספאָרשונגען וועגען דער ענטוויקלונג פון דעם רוסישען קאַפּיטאַליזם, מיט דער אומלעגאַלער אַרבייט אין די אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס און מיט דער שאַפונג פון דער רוסלענדישער סאָציאַל דעמאָקראַטישער אַר־בייטער־פּאַרטיי. אין יאָהר 1898 איז פאָרגעקומען דער ערשטער גרינדונג־צוזאַמענפאָהר פון דער ר. ס. ד. א. פּ., און דאָרט האָט לעניז געגעבען דעם לעצטען טויט־קלאַפּ סאַי דעם עקאָנאָמיזם, סאַי דעם לעגאַלען מאַרקסיזם. דיביידע ריכטונגען זיינען נאָכדעם אין גאַנצען פאַרשוואונדען געוואָרען פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

אין דעם יאָהר 1895 איז לעניז אַרעסטירט געוואָרען און נאָך אַ לאַנגען זיצען אין טורמע איז ער פאַרשיקט געוואָרען אין

פיביר. די צייט פון זיין זיצען און פארשיקונג האָט ער אויסגע־נוצט כדי אָנצושרייבען זיין וויכטיגסטע עקאָנאָמישע ווערק „די ענטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד“ וואָס האָט איהם געשטעלט אין די ערשטע רייהען פון די רוסישע געלערטע פּאָליטיקאָ־עקאָנאָמיסטען. ענדע פון די 90-גער יאָהרען איז ער פון דער פאר־שיקונג אנטלאָפען קיין אויסלאַנד און איז געוואָרען אויף אַזאַ אופן אַ פּאָליטישער עמיגראַנט.

4. לענין׳ס שפּאַלטונג־טאַקטיק

אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט מען לענין׳ען אָפט פאָרגעוואָרפען אַז ער איז אַ פּרינציפּיעלער שפּאַלטער. און ער האָט עס ניט געלייקענט, ווייל ער האָט דאָס געהאַלטען פאַר זיין לעבענס־אויפגאַבע. „פריהער דארפען מיר זיך פונאנדערטיילען און דערנאָך וועלען מיר זיך צונויפריידען“, — דאָס איז געווען זיין באַליבטע ווערטעל. פארשטעהט זיך, אַז שפּאַלטונגען זיינען פאר איהם ניט געווען קיין זעלבסטצוועק, נאָר אַ מיטעל צו אַ העכערען ציעל, צו דער שאַפונג פון אַן אמת׳ער רעוואָלוציאָנערער און סאָ־ציאַליסטישער פּארטיי, וואָס זאָל זיין דורכגעדרונגען מיט איין געדאַנק און שטרעבונג, מיט דעם קאַמף קעגען דער גאַנצער קאַ־פּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. צוליעב דעם צוועק האָט איהם ניט געאַרט, אַז זיין פּארטיי זאָל צייטווייליג אָפּגעשוואַכט ווערען אין צאָהל. בעסער, האָט ער געהאַלטען, צו זיין אין אַ קלענערער צאָהל אָבער מיט אַ קלאָרער פּראָגראַם איידער האָבען אַ גרויסע צאָהל נאכ־פאָלגער, וואָס שטערען איינער דעם אנדערען אין דער ארבייט. דעם פעריאָד פון יאָהר 1900 ביז 1905 קאָן מען כאראקטעריזירען אלס דעם אומאויפהערליכען שפּאַלטונג־פעריאָד אין דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און לענין איז דערביי געווען דער אַקטיוו־סטער אָנפיהרער סאַי פון דער פּאַרטיי, סאַי פון די שפּאַלטונגען אין איהר.

אין יאָהר 1901 גרינדעט ער אינאיינעם מיט מארטאָוו׳ן און פּאָטרעסאָוו׳ן, זיינע שפּעטערדיגע געגנער, די באריהמטע זשענעווער צייטשריפט פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע „איסקרא“ („דער פונק“). דער הויפּט־צוועק פון דער דאָזיגער צייטונג איז גע־

ווען אויסער דער פּראָפּאַגאַנדאַ און אַגיטאַציע, אָפּצורייניגען די פּאַרטיי פון די לעצטע רעשטלאך פון עקאָנאָמיזם און רעוויזיאָניזם, דאָס הייסט, פון אַלע פאָרמען פון פּאָליטישען און סאָציאַלען אָפּאָרטוניזם.

אָבער קעמפּענדיג אין די רייהען פון דער אייגענער פּאַרטיי גופא האָט לענין אויף אַ רגע ניט פאַרגעסען דעם הויפּטצוועק, דעם קאַמף וואָס דער אַרבייטער־קלאַס דאַרף פיהרען קעגען דער גאַנצער סאָציאַלער אָרדנונג. אין יאָהר 1902 ערשיינט זיין באַריהמטע בראָשור „וואָס דאַרף מען טאָן?" אין וועלכער ער שטעלט שאַרף די פראַגע וועגען די נאָהענטסטע רעוואָלוציאָנערע אויפגאַבען פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטיע, און לעגט פאָר די באַשאַפונג פון אַ טיפּ פון פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערע.

וואָס דאַרף מען טאָן? פרעגט ער אין דער בראָשור, און ענטפערט: מען דאַרף טאָן, מען דאַרף פיהרען אַ רעוואָלוציאָנערען קאַמף, אָבער ניט ווי אַמאַטאָרען, נאָר ווי פּראָפעסיאָנעל־צוגעגרייטע רעוואָלוציאָנערען. די רעוואָלוציע דאַרף ווערען פאַר'ן אמת'ן רעוואָלוציאָנער אַ פּראָפעסיע, וועלכער ער מוז זיך אָפּגעבען מיט לייב און לעבען.

„צוליעב אונזער פּרימיטיווקייט, שרייבט ער אין דער בראָשור, האָבען מיר דערנידעריגט דעם פּרעסטיזש פון אַ רעוואָלוציאָנער אין רוסלאַנד. שוואַך און וואַקעלדיג אין די פראַגען פון טעאָריע, באַזיצענדיג אַן ענגען ליק אויף די אַרומיגע געשעהענישען, שטיצענדיג זיך אויף דער ניט־דיסציפּלינירטקייט פון די מאַסען כדי צו באַרעכטיגען אונזער אייגענע שוואַכקייט, מעהר ענליכע אויף סעקרעטאַרען פון קליינע יוניאָנס, ווי אויף פאָלקס־טריבונען, ניט וויסענדיג ווי אָנצוצייכענען פּלענער פאַר דרייסטע און גרויסע אונטערנעמונגען וואָס זאָלען אונז שאַפען אַ רעספּעקט ביי די געגנער גופא, אומערפאַהרען און אומגעלומפּערט אין אונזער פּראָפעסיע, דאָס הייסט אין דעם קאַמף געגען דער אָכראַנקע, זיינען מיר ניט קיין רעוואָלוציאָנערען, נאָר אָרעמזעליגע ליבהאַבער.

„זאָלען מיר מיינע חברים מוחל זיין דאָס שאַרפע וואָרט, ווייל אויף אַזוי פיעל אויף וויפיעל עס האַנדעלט זיך וועגען אומפאַרבאַרייטקייט באַשולדיג איך פריהער פאַר אַלץ זיך אַליין. איך אַליין

האָב געארבייט אין א גרופע, וואָס האָט זיך געשטעלטברייטע און גרויסע אויפגאבען, אָבער מיר, טוער פון דער גרופע, האָבען ביטער געליטען ביים געדאנק, אז מיר זיינען ניט מעהר ווי אמאטאָרען, און דאָס איז געווען אין א היסטאָרישען מאָמענט, ווען מען וואָלט געמעגט זאָגען, ענדערנדיג דעם באקאנטען אויסדרוק: גיט מיר אן אָרגאניזאציע פון רעוואָלוציאָנערען וועלען מיר איבערקעהרען גאנץ רוסלאנד. און וואָס אָפטער איך דערמאָן זיך וועגען דעם ברענענדיגען געפיהל פון שאנד, וואָס איך האָב דעמאָלט איבערגעלעבט, אלץ שטארקער פיהל איך די ביטערקייט געגען יענע בלומרשטע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וואָס דערנידעריגען מיט זייערע דרשות דעם נאמען פון א רעוואָלוציאָנער, וואָס פארשטעהען ניט, אז אונזער חוב איז ניט צו פארטיידיגען די דערנידעריגונג פון דער רעוואָלוציע צום שטאנד פון אן אמאטאָר, נאָר צו דערהויבען די אמאטאָרען צום ראנג פון רעוואָלוציאָנערען".

די דאָזיגע ווערטער זיינען אומגעהייער כאראקטעריסטיש פאר לעגין'ען. אין זיי טרעט ארויס לענין דער רעוואָלוציאָנער אין זיין גאנצער גרויס. מען זאָגט, אז לענין איז א קאלטער מענש, וואָס ווייסט ניט פון קיין סענטימענטען. מען זאָגט, אז ער שעצט ניט די פערזאָן און די פערזענליכקייט. די אויבענגעבראכטע שורות ווייזען גראד דעם היפוך. לענין איז פארליבט אין דער רעוואָלוציע און אין דער פארטיי פון דער רעוואָלוציע, זי איז ניט נאָר זיין זאך, זי איז זיין נשמה. ער פיהלט די שאנד פון דער רעוואָלוציע ווי א פערזענליכע שאנד, די פעהלערען פון דער באוועגונג פיהלט ער ווי זיינע פערזענליכע פעהלערען. און להיפוך צו דער אָנגענומענער מיינונג שעצט ער זעהר הויך די ראָלע פון דער רעוואָלוציאָנערער פערזאָן, פון דער פערזענליכקייט, וועלכע איז אויב ניט דער טרייבענדיגער איז דער פיהרענדיגער און אויפפיהרענדיגער כח אין דער רעוואָלוציע.

אמת, פאר איהם איז ניטאָ קיין פערזאָן און פערזענליכקייט סתם אין דער וועלט אריין. פונקט ווי פאר איהם איז ניט טייער גלאט פערזענליכע פרייהייט און פערזענליכער (פריוואטער) אייגענטום, פונקט אזוי געהט איהם ווייניג אָן גלאט אזוי א פערזאָן. די מענשהייט באטראכט ער פון קלאסען־שטאנדפונקט, די פערזאָן אויך

פון דעמזעלביגען שטאנדפונקט. א פערזאָן געהערט צו א באַשטימ־טען געזעלשאַפטליכען קלאַס און דיענט אַט דעם קלאַס. גוט צי שלעכט — אַט דאָס איז די הויפּטפראַגע. דיענט א רעוואָלוציאָנער גוט זיין קלאַס איז לענין מיט איהם, מעג ער האָבען וועלכע פעהלערן ער וויל. דיענט ער שלעכט, איז ער א מעגליכער פאַררעטער און לענין באַהאַנדעלט איהם שוין ווי א שונא, ווי א קלאַסען־שונא, מעג יענער אפילו האָבען די בעסטע פערזענליכע מעלות.

די חבר'שאַפט פון לענין'ען מיט מארטאָוו'ן און פּאָטרעסאָוו'ן האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטען, סך הכל אַן אָנדערטהאַלבען יאָהר ביז דעם צווייטען רוסישען סאָציאַל־דעמאָקראַטישען צוזאַמענפאָהר אין יאָהר 1903. לענין האָט דערפיהלט, אַז דאָס זיינען ניט „זיינע מענשען“, דאָס הייסט ניט די מיט וועלכע ער וועט קאָנען געהן ביז'ן סוף און ער האָט טאַקע קיין טעות ניט געהאַט. זינט דעם יאָהר 1903 איז לענין געוואָרען א ביטערער געגנער פון מארטאָוו'ן און פּאָטרעסאָוו'ן און די ריכטונגען, וואָס האָבען זיך ארו סזיי גרופּירט. מארטאָוו איז געוואָרען ביז דער רעוואָלוציע פון יאָהר 1917 דער אָנפיהרער פון די מענשעוויקעס, פּאָטרעסאָוו — פון די ליקווידאַ־טאָרען, דאָס הייסט פון די, וואָס האָבען געוואָלט ליקווידירען די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אלס אויסגעהאַלטענע קאָמפּענדיגע מארקסיסטישע ארבייטער־פּאַרטיי. נאָך דער רעוואָ־לוציע פון יאָהר 1917 איז מארטאָוו געוואָרען דער פיהרער פון דעם לינקען (אינטערנאַציאָנאַליסטישען) פליגעל און פּאָטרעסאָוו — פון דעם עקס־רעכטען פליגעל, וואָס האָט אינגאַנצען צעריסען מיט'ן רע־וואָלוציאָנערען סאָציאַליזם. לענין'ס וועגען זיינען זיך אויף אייביג פונאַנדערגעגאַנגען מיט זייערע.

אָבער דער פאָרמעלער פּאַנאַנדערגעהן איז פאָרגעקומען פיעל פריהער, נאָך אין יאָהר 1903, אויף דעם צווייטען רוסישען סאָציאַל־דעמאָקראַטישען צוזאַמענפאָהר. שוין יענער צוזאַמענפאָהר האָט זיך צעשפּאַלטען אויף א מערהייט (באָלשעוויקעס) און א מינדער־הייט (מענשעוויקעס). לענין איז געווען דער פיהרער פון דער מערהייט און דער גרינדער פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

פאר א זייטיגען מענשען איז דעמאָלט אייגענטליך ניט געווען

אינגאַנצען קלאָר אַרום וואָס די שפּאַלטונג איז פֿאָרגעקומען. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען א פּונקט אין סטאַטוט — ניט אין דער פּראָגראַם — פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע. לענין איז געווען פֿאַר דער עקסטרעמער צענטראַליזאַציע אין דער פּאַרטיי. ער האָט באַטראַכט די פּאַרטיי אַלס א קעמפּענדע רעוואָלוציאָנערע אַרמיי און פֿאַרלאַנגט אַז די גאַנצע מאַכט אין דער פּאַרטיי זאָל געהערען דעם „גענעראַל שטאַב“, דאָס הייסט דעם צענטראַלען און נאָך איהם די אָרטיגע קאָמיטעטען. די מענשעוויקעס, פֿאַרקעהרט, זיינען געווען גוטע דעמאָקראַטען און האָבען געפֿאָדערט, אַז די גאַנצע מאַכט אין דער פּאַרטיי זאָל ליגען ביי די מיטגלידער גופֿא. אויסערליך איז עס געווען א קאַמף וועגען ווערטער: לענין האָט גע׳טענה׳ט, אַז א מיטגליעד פֿון דער פּאַרטיי קאָן זיין נאָר דער וואָס זיין טעטיגקייט ווערט געפֿיהרט לויט די אָנווייזונגען און אונטער׳ן קאָנטראָל פֿון די העכערע פּאַרטיי־אנשטאַלטען. מאַרטאָוו ווידער האָט געפֿאָדערט, אַז א מיטגליד זאָל זיך נאָר אונטערגעבען דעם פּאַרטיי־סטאַטוט און דער פּאַרטיי־פּראָגראַם.

דער חלוק צווישען די צוויי פֿאָדערונגען איז אָבער געווען זעהר א טיפֿער און דאָס האָט זיך טאַקע באַלד ארויסגעוויזען אין דער טעטיגקייט פֿון ביידע פֿראַקציעס, פֿון דער באָלשעוויסטישער און מענשעוויסטישער. לענין האָט געוואָלט פֿאַרוואַנדלען די פּאַרטיי אין א קאַמף־אָרגאַניזאַציע פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערען, וואָס זיינען צו יעדען מאָמענט גרייט צו נעהמען אויף זיך די איניציאַטיווע און זיך שטעלען בראש פֿון דער רעוואָלוציע; בעת מאַרטאָוו און זיינע חברים, די מענשעוויקעס, וואָס האָבען זיך געפֿונען אונטער דער שטאַרקער ווירקונג פֿון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, האָבען געטראַכט וועגען דעם לאַנגזאַמען וואוקס פֿון דער אַרבייטער־באַוועגונג, וואָס וועט זיך ביסלעכווייז דערקעמפֿען ביז דער ראָלע פֿון דעם אַוואַנגאַרד פֿון דער רעוואָלוציע. לענין האָט פֿאַרלאַנגט באַלדיגע רעוואָלוציאָנערע מ ע ש י ם און די מענשעוויקעס האָבען זיך באַנוגענט מיט שפּייזען די אַרבייטער מיט רעוואָליציאָנערע טעאָריעס. לענין, וועלכער האָט זיך געריסען צו דער רעוואָלוציע האָט דאַריבער פֿון זיין שטאַנדפּונקט באַטראַכט זיינע געגנער אַלס „קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען“ און האָט זיי דאַריבער באַ־

קעמפט שארף און ביטער אלס קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען, ניט קוקענדיג אייף די ענגע פאַרבינדונגען, וואָס האָבען צווישען איהם און זיי פריהער עקזיסטירט.

5. לענין און זיינע פאָליטישע געגנער

און דאָס איז געווען לענין׳ס שטעלונג ניט נאָר בנוגע צו איינצעלנע פערזאָנען, נאָר אויך בנוגע צו גאנצע אָרגאַניזאַציעס. מיר האָבען שוין פריהער געזעהן ווי לענין האָט זיך באַצויגען צו דער גרופע פון די „עקאָנאָמיסטען", וועלכע ער האָט חושד געווען אין פאָליטישען אָפּאָרטוניזם. ניט וועניגער כאראקטעריסטיש איז געווען זיין שטעלונג צו אַזאַ וויכטיגער אָרגאַניזאַציע פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ארבייטער־פּארטיי, ווי דער „בונד" וועגען וועלכער י. מילל דערצעהלט זעהר אינטערעסאַנטע זאכען :*)

„פיעלע — דערצעהלט מילל, — האָבען באטראכט לענינען פאר אַן אויסגעשפּראָכענעם געגנער פון „בונד", אפילו פאר אַ פארביסענעם „בונד־פרעסער". אמת איז עס נאָר אין אַ געוויסער מאָס.

„עס איז געווען אַ צייט, ווען לענין האָט טאקע ניט געמאַכט קיין אויסוואַהל אין די מיטלען צו באַקעמפען דעם „בונד": יעדער וואפען צו דיסקרעדיטירען די אָרגאַניזאַציע פון דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד איז געווען גוט פאַר איהם. אַלץ וואָס וואָלט געקאָנט ברענגען צו אַ צושפּאַלטונג אין די בונדישע רייהען, און הויפּטזעכליך, וואָס וואָלט געקאָנט ארויסרופען אַ געגענזאַץ און אומצוטרוי פון די בונדישע מאַסען צו די בונדישע פיהרער האָט געפונען זיין סימפּאַטיע און סאַנקציע. דאָס איז געווען אין די יאָהרען 1903—1906, ווען דער בונד איז געווען געצוואונגען צו בלייבען אויסערהאַלב דער פּארטיי". (אונטערגעשטראָכען פון מיר — מ. כ.)

וועגען וואָס האָט זיך דאָ געהאַנדעלט?

---

*) לענין און דער בונד, „נייע וועלט", 20 פעוור. 1920.

אין יאָהר 1903 איז דער „בונד" ארויסגעטראָטען פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּארטיי. „אין פּארטיי־קרייזען און אויך אויסער דער פּארטיי — דער צעהלט מילל — האָט געהערשט אַ ווייט־פארשפּרייטע מיינונג, אַז דעם בונד'ס „נאַציאָנאַליזם", זיין נאַציאָנאַלע פּראָגראַם אַזי געווען די סבה פון זיין ארויסטרעטונג. באמת אָבער האָט זיך דאָ געהאַנדעלט וועגען אַ גאַנץ אַנדער זאַך: „דער קאָנפליקט איז באמת ארויסגערופען געוואָרען ניט צוליעב מיינונג־פארשיידענקייטען אויפ'ן באָדען פון פּראָגראַם, נאָר צוליעב דעם בונד'ס אָרגאַניזאַציע־פּלאַן. קיין אויטאָנאָמע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע האָט ניט געפּאַסט אין לענין'ס (צענטראַ־ליסטישער) סכעמע און — די צושפּאַלטונג צווישען דעם „בונד" און דער פּארטיי איז געוואָרען אומפארמיידליך.

„אויפ'ן סטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָהר (אין יאָהר 1907) האָט לענין שוין געשטימט פאַר אריינגעהמען אין דער פּארטיי צוויי נייע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס — די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די לעטישע, און פּאַה אַ שלום מיט'ן בונד, ניט קוקענדיג אויף זיין נאַציאָנאַלער פּראָגראַם. די כח־פארהעלטניש צווישען די דם־שונאים, די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס האָט זיך גע־ענדערט, דער בונד איז ניט צוגעשטאַנען ניט צו איין צד, ניט צום אַנדערען.

אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל דער בונד איז ווידער געווען אין דער פּארטיי און ס'איז געווען אַ האָפנונג צו געווינען איהם אויפ'ן זייט פון באָלשעוויזם האָט איהם לענין דעריבער געשטיצט און געשאָנעוועט. אָבער „יעדעס מאָל, ווען לענינ'ען פלעגט זיך דוכטען, אַז דעם בונד'ס טאַקטישע ליניע איז דיזעלביגע ווי פון די מענשעוויקעס פלעגט ער, נאַטירליך, ניט שוינען דעם „בונד". אָבער אין אַזעלכע פעלען פלעגט ער שוין באַקעמפען דעם „בונד" ניט אַלס אַזעלכען, נאָר אַלס אַ טייל פון דער פּארטיי וואָס געהט זיך מיט איהם פאַנאַנדער אין אייניגע טאַקטישע פראַגען".

אויף וואָס זשע איז געווען געבויט דער חלוק אין לענין'ס פריהערדיגער און שפּעטערדיגער באַציהונג צום בונד?

לענין אליין האָט ערקלעהרט דעם חלוק אין יאָהר 1907 בעת

דעם פּאַרטיי־געריכט, וואָס מען האָט אויף איהם געמאַכט צוליעב זיין בראָשורע „די וואַהלען אין פּעטערבורג און די פאַלשקייט פון די 31 מענשעוויקעס“. מען האָט איהם דעמאָלט פאָרגעוואָרפען, אַז ער האָט זיך באַנוצט אין קאַמף געגען די מענשעוויקעס מיט אומדערלויבטע מיטלען און אַז ער האָט אויף זיי געוואָרפען באַשולדיגונגען, וואָס האָבען דעם צוועק צו שאַפען אַ האַס און אומצוטרוי מצד די מאַסען צו די מענשעוויסטישע פיהרער.

לענין האָט צוגעגעבען, אַז דאָס איז טאַקע געווען זיין ציעל און אַז ער האָט זיין ציעל דערגרייכט.

„הייסט עס, אַז איהר אַנערקענט אליין, אַז אייער פאָרמולירונג דאַרף ניט זיין געדולדעט? — וועט מען מיך פרעגען. געוויס, — וועל איך ענטפערען, — אָבער איך וועל צוגעבען איין קליינקייט: מען דאַרף איהר ניט דולדען פאַר מיטגלידער פון איינער און דערזעלבער פּאַרטיי. אין דעם ליגט דער עיקר פון דער פראַגע. . . . די גאַנצע געוויסענלאָזיגקייט פון דער באַשולדיגונג באַשטעהט טאַקע אין דעם, וואָס מען האָט פאַרשוויגען דעם פאַקט, אַז קיין פאַראייניגטע פּאַרטיי איז ניטאָ, אַז עס איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג.

„דאָס וואָס איז ניט ערלויבט פאַר מיטגלידער פון איין פּאַרטיי איז ערלויבט און נויטיג פאַר די טיילען פון אַ צושפּאָלטענער פּאַרטיי. מען טאָר ניט שרייבען וועגען פּאַרטייגענאָסען מיט אַ שפּראַך, וואָס פאַרשפּרייט אין די ארבייטערמאַסען האַס, עקעל, פאַראַכטונג צו יענע וואָס האָבען אַן אַנדער מיינונג. מען קאָן און מען דאַרף שרייבען מיט אַזאַ שפּראַך קעגען אַן אָפּגעשפּאָלטענער אָרגאַניזאַציע.

„פאַר וואָס דאַרף מען דאָס? ווייל אַ צושפּאַלטונג לעגט ארויף אויף אונז אַ חוב ארויסצורייסען די מאַסען פון דער פיהרערשאַפט פון די אָפּגעשפּאָלטענע. מען זאָגט מיר: איהר האָט אריינגעבראַכט אַ מהומה אין די רייהען פון יענעם טייל פון פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט געפאָלגט די מענשעוויקעס. איך וועל זיך אַלע מאָל אַזוי פיהרען ביי

א צ ו ש פ א ל ט ו נ ג. . . . דאָס איז געווען מיין ציעל, דאָס איז געווען מיין פליכט. ווייל נאָך דער צושפּאַלטונג האָט מען געדארפט צערייסען די מענשעוויסטישע רייהען, מען האָט גע־דארפט אריינטראָגען אין זיי א טומעל, מען האָט געדארפט ער־וועקען אין די מאסען האַס, עקעל, פאראכטונג צו די מענשען, וואָס האָבען אויפגעהערט צו זיין מיטגלידער פון איין פארטיי און האָבען זיך פארוואנדעלט אין פּאָליטישע שונאים. אין באצוג צו אזעלכע פּאָלי־טישע שונאים האָב איך דעמאָלט געפיהרט און איך וועל אלע מאָל פיהרען א פאר־ניכטונגס־קאמף".*)

לענין'ס שטעלונג איז דאָ א קלאָרע און זי מאכט קלאָר זיין אלגעמיינע שטעלונג צו אלע זיינע פּאָליטישע געגנער. דער געג־נער איז א שונא, דער פּאָליטישער געגנער איז א פּאָליטישער שונא, דער געגנער פון דער רעוואָלוציע, ווי לענין פארשטעהט זי, איז א קאָנטער־רעוואָלוציאָנער און אין קאמף מיט דעם קאָנטער־רעוואָלוציאָנער זיינען אלע מיטלען כשר, ווייל דער קאמף ווערט געפיהרט ניט צוליעב פערזענליכען האס אדער אמביציעס, נאָר צוליעב דער רעוואָלוציע, וועלכע איז „דאָס העכסטע געזעץ".

מיט אָט דער שטעלונג בנוגע צו פּאָליטישע געגנער ערקלעהרט זיך אויך די שפּאַלטונג וואָס לענין האָט אריינגעטראָגען אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פארטיי אויפ'ן צוזאמענפאָהר פון יאָהר 1903. הינטער אלע דעבאטען וועגען פאָרמעלע, טאקטישע און אָרגאניזאציאָנעלע פראגען איז פאר לענינ'ען געשטאַנען די וויכ־טיגסטע און צענטראַלע פראגע: די פראגע וועגען דער קומענדער רעוואָלוציע. אין אָט דער פראגע איז ער זיך פאנאנדערגעגאנ־גען מיט די מענשעוויקעס און ער האָט דעריבער אויסגענוצט אלע אנדערע פראגען כדי צו צווינגען זיי אפּצושפּאַלטען זיך פון דער פארטיי און יעדער שפּעטערדיגע געלעגענהייט, כדי צו מאכען די שפּאַלטונג טיפער און דערמיט צו שטערען די מענשעוויקעס ווידער צו באקומען א ווירקונג אויפ'ן רוסלענדישען פּראָלעטאריאט.

*) י. מילל, ציטירטער ארטיקעל.

6. לענין אין דער ערשטער רעוואָלוציע.

באַלד נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע פון יאָהר 1905 האָט זיך לענין צוריקגעקעהרט קיין רוסלאַנד. אָבער ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט אויסזעהן, האָט ער אין דער רעוואָלוציע ווייט ניט געשפּיעלט די ראָלע צו וועלכער ער האָט זיך אין די פריהערדיגע יאָהרען געגרייט. אין דעם ערשטען פּעטערבורגער ארבייטער־ראַט איז ער אַפילו קיין מיטגליעד ניט געווען. אין דער צייט ווען דער אומבאקאנטער כרוסטאַליאָוו־נאָסאַר און דערנאָך טראָצקי האָבען געפיהרט די זיצונגען פון פּעטערבורגער אַרבייטער־ראַט, האָט לענין בלויז אַ פּאָר מאָל באַזוכט דעם אַרבייטער־ראַט אַלס איינער פון די טויזענדער געסט אויף דער גאַלעריע. פאַר זיינע פריינד האָט ער דערנאָך מודה געווען, אַז דאָס בילד פון דעם ערשטען אַרבייטער־ראַט האָט איהם געגעבען די ערשטע אַנווייזונג ווי אַזוי די אַרבייטער קאָנען אריינגעמען די מאַכט אין זייערע הענט. פאַרוואָס־זשע האָט לענין דעמאָלט ניט געשפּיעלט קיין גרויסע ראָלע אין דער רעוואָלוציע?

זיכער ניט דערפאַר, ווייל די באָלשעוויקעס זיינען דעמאָלט געווען צו שוואַך. אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי זיינען זיי שוין דעמאָלט געווען די שטאַרקסטע פראַקציע און האָבען אויך קאָנטראָלירט דעם גרעסטען טייל פון דעם פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט. ווי גרויס די ווירקונג פון די באָלשעוויקעס אויפ'ן רוסישען פּראָלעטאַריאַט בכלל איז געווען צו יענער צייט, קאָן מען זעהן דערפון, וואָס ניט קוקענדיג אויף דער אָפּאָזיציע פון די מענשעוויקעס האָבען די באָלשעוויקעס געווירקט, אַז דער גאַנצער רוסלענדישער פּראָלעטאַריאַט זאָל באָיקאָטירען די וואַהלען צו דער ערשטער דומע. די פּאָפּולערסטע סאָציאַליסטישע צייטונג צום סוף פון יאָהר 1905, „נאַטשאַלאָ“ איז אויך געווען שטאַרק באָלשעוויסטיש, יעדענפאַלס האָט זי שוין דעמאָלט געפּרעדיגט, אין די אַרטיקלען פון פּאַרוואוס'ן און טראָצקי'ן, די אידעע פון אַ פּערמאַנענטער רעוואָלוציע, דאָס הייסט, דעם געדאַנק, אַז די רוסישע רעוואָלוציע טאָר זיך ניט אָפּשטעלען בלויז אויף איהרע דעמאָקראַטישע פאָדערונגען און אַז זי דאַרף ווייטער געפיהרט ווערען

ביז זי וועט פארוואנדעלט ווערען אין א סאָציאַליסטישע רע־וואָלוציע.

פארוואָס־זשע האָט לענין ניט געשפּיעלט קיין גרויסע ראָלע אין יענער רעוואָלוציע? פּשוט דערפאר, ווייל איהם אליין איז נאָך ניט געווען קלאָר אויף וואָס פאר א וועגען ער זאָל געהן, ווייל ער אליין האָט נאָך ניט געהאט קיין קלאָרע שטעלונג צו דער רעוואָ־לוציע און דאריבער ניט געקאָנט ווארפען קיין קלאָרע לאָזונגען אין דער ארבייטער־מאַסע.

מיר האָבען שוין געזעהן אין וואָס לענין'ס הויפּט־קראַפט באַ־שטעהט : אין דעם פאנאטישען גלויבען אין איין קלאָרער, עלע־מענטארער אידעע. איז די אידעע פאר איהם קלאָר, דעמאָלט מעג זיך קעגען איהם די גאנצע וועלט שטעלען, וועט ער פון איהר ניט אָפּטרעטען און וועט זי מיט אן אייזערנעם ווילען זעהן דורכ־צופיהרען אין לעבען. אָבער קוים פעהלט איהם די צענטראַלע אידעע, האָט ער ניט וואָס און וויל גאָר ניט זאָגען. און די קלאָרע אידעע האָט איהם געפעהלט, ווייל זייענדיג, לויט זיינע שטימונגען, א באָלשעוויק, א קאָמוניסט, האָט ער אָבער נאָך געהאט איבערציי־גונגען פון א סאָציאַל דעמאָקראט און זיך ניט געקענט באשליסען אָפּעז צו צערייסען מיט זיינע אַלטע איבערצייגונגען.

לויט דער אָנגענומענער סאָציאַל־דעמאָקראטישער מיינונג, וואָס אנערקענט ניט קיין שפּרונגען אין סאָציאַלען לעבען, איז ער געווען איבערצייגט, פאַרמעל וועניגסטענס, אז די רוסישע רעוואָלו־ציע קאָן ניט זיין אנדערש ווי א בורזשואזע רעוואָלוציע. א בור־זשואזע רעוואָלוציע מיינט אָבער דאָס איינשטעלען פון א בורזשוא־זער אָרדנונג. אויף אזוי פיעל אויף וויפיעל דער סאָציאַליזם איז א היפּוך צום קאַפּיטאַליזם האָבען די ריין־סאָציאַליסטישע פאָדע־רונגען קיין שום זינען ניט ביים א י י נ ש ט ע ל ע ן די בור־זשואזע אָרדנונג אין רוסלאנד. אויב ס'איז נאָך ניט געקומען די צייט צו סאָציאַליזירען די שטאַט איז דאָך קלאָר, אז אויך דאָס דאָרף קען ניט סאָציאַליזירט ווערען, ווייל עס קאָן ניט זיין, אז איין טייל פון עקאָנאָמישען לעבען זאָל זיין סאָציאַליסטיש, און דער אנדערער קאַפּיטאַליסטיש. קאָן מען, הייסט עס, אויך פאר די פּויערים ניט אַרויסשטעלען קיין אנדערע פאָדערונגען אויסער

אַזעלכע, וואָס העלפען באַפעסטיגען די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג אין דאָרף.

צו אָט דער טעאָריע האָט לענין אין יאָהר 1905 געפּרובט צופּאַסען זיין טאַקטיק.

נאָך אויפ׳ן דריטען צוזאַמענפאָהר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין לאָנדאָן אין מאי 1905, וועלכער איז באַשטאַנען כמעט אויסשליסליך פון באָלשעוויקעס (די מענשעוויקעס האָבען אין דערזעלביגער צייט געהאַט אַ באַזונדערע קאָנפערענץ אין זשענעוו) האָט לענין אַרויסגעשטעלט און דורכגעפיהרט די פאָלגענדע „טעזיסען וועגען דער רעוואָלוציע":

„די באַלדיגע אינטערעסען פון פּראָלעטאַריאַט פונקט ווי די אינטערעסען פון קאַמף פאַר די לעצטע ציעלען פון סאָציאַליזם פאַרלאַנגען די פולסטע פּאָליטישע פרייהייט, דאָס הייסט די פאַרבייטונג פון דעם אַבסאָלוטיזם אויף אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק.

„דאָס איינשטעלען פון אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק אין רוסלאַנד איז מעגליך בלויז אַלס רעזולטאַט פון אַ זיגרייכען אויפשטאַנד פון פאָלק, וואָס זיין אָרגאַן זאָל זיין די פּראָוויזאָרישע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג, וועלכע איז די איינציגע וואָס קאָן פאַרזיכערען די פולע פרייהייט פון וואַהל־אַגיטאַציע און צונויפרופען אויפ׳ן גרונד פון אַלגעמיינע, גלייכע, דירעקטע און געהיימע וואַהלען אַ גרינדונג־פאַרזאַמלונג, וואָס דריקט אויס דעם אמת׳ען ווילען פון פאָלק".

און אין דער בראָשור „צוויי טאַקטיקעס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע", וואָס איז ערשינען באַלד נאָך׳ן צוזאַמענפאָהר, שרייבט ער נאָך קלאָרער:

„די מאַרקסיסטען זיינען אַבסאָלוט איבערצייגט אין דעם בורזשואַזען כאַראַקטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע. וואָס הייסט עס? דאָס הייסט, אַז די דעמאָקראַטישע אומענדערונג פון דעם פּאָליטישען רעזשים און די עקאָנאָמישע אומענדערונגען, וועלכע זיינען געוואָרען אַ נויטווענדיגקייט פאַר רוסלאַנד, ניט נאָר באַדייטען זיי ניט פאַר זיך אַליין קיין צוזאַמענברוך פון דעם קאַפּיטאַליזם, דעם צוזאַמענברוך פון דער הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע, גאָר פאַרקעהרט, זיי רייניגען אָפּ צום ערשטען מאָל דעם באָדען פאַר אַ

ברייטער און שנעלער ענטוויקלונג פון קאפּיטאליזם... זיי מאַכען צום ערשטען מאָל מעגליך די הערשאפט פון דער בורזשואזיע אלס א קלאַס".

און פון אָט די טעזיסען קומט לענין צום שלוס:

„שטעלענדיג פאַר דער פּראָוויזאָרישער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג דעם ציעל צו פאַרווירקליכען אונזער פּראָגראַם־מינימום (דאָס הייסט בלויז פון רעפאָרמען אין די גרעניצען פון דער קאפּיטאַליסטישער אָרדנונג — מ. כ.) ווארפט אָפּ די רעזאָלוציע פון דעם לאָנדאָנער צוזאַמענפאָהר דערמיט אליין די האלב־אנארכיסטישע אומציייטיגע אידעע, אז אונזער פּראָגראַם־מאקסימום קאָן תיכף רעאליזירט ווערען און אז די מאכט דארף פאַרכאפּט ווערען מיט דער אויסזיכט צו מאכען א סאָציאליסטישע רעוואָלוציע. בלויז אבסאָלוטע עם הארצים קאָנען זיך מאכען ניט וויסענדיג וועגען דעם בורזשואזען כאראקטער פון דער איצטיגער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, בלויז די נאאיווסטע אָפּטימיסטען קאָנען פאַרגעסען, אז די ארבייטער־מאַסען ווייסען נאָך זעהר ווייניג וועגען די ציעלען פון סאָציאליזם און די מעטאָדען ווי איהם צו רעאליזירען".

די לעצטע שורות זיינען געווען געווענדעט הויפּטזעכליך געגען פּארוואוס'ן און טראָצקי'ן, וועלכע האָבען דעמאָלט גענומען פּרעדיגען די אידעע פון א דירעקטען איבערגאנג פון א דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע צו דער סאָציאליסטישער.

אין איינקלאנג מיט אָט דעם בליק אויף דעם כאראקטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע זיינען געווען אויך לענין'ס פּלענער פאַר'ן פּויערטום. דאָס פּויערטום וויל ערד, דארף עס באקומען ערד אלס פּריוואטען אייגענטום. דער פּויער וועט קעמפען אינאיינעם מיט'ן ארבייטער פאַר דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע נאָר אזוי לאנג ווי זיין ערד־הונגער איז נאָך ניט באפרידיגט. נאָכדעם וועט ער פאַרלאָזען דעם פּראָלעטאַריאַט אָדער גאָר ארויסטרעטען געגען איהם, און דעמאָלט איז די דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע פון דער בורזשואזער רעפּובליק די איינציגע גאראנטיע געגען דער פּויערשער רעאקציע.

אמת, שוין דעמאָלט האָט לענין גערעדט וועגען דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום אין דער רעוואָלוציע.

„דאָס וועט, אמת, זיין, — שרייבט ער אין דערזעלבער בראָשורע וועגען דעם דעמאָקראַטישען כאַראַקטער פון דער רעוואָלוציע — אַ דעמאָקראַטישע דיקטאַטור און ניט קיין סאָציאַליסטישע. זי וועט ניט קאָנען באַריהרען די גרונד־שטיינער פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. אין בעסטען פאַל וועט זי קאָנען ברייננען צו אַ נייער גרינדליכער פאַרטיילונג פון ערד־אייגענטום לטובת די פּויערים... אַרויסרייסען ניט נאָר פון די דערפער, נאָר אויך פון די פאַבריקען אַלע אַזיאַטישע און דעספּאָטישע שטריכען, לעגען אַ גרונד פאַר דעם אנפאַנג פון אַן ערנסטער פאַרבעסערונג פון דער לאַגע און לעבענס־באַדינגונגען פון די ארבייטער, און, — אחרון אחרון חביב — אַריבערטראָגען די רעוואָלוציאָנערע שרפה קיין אייראָפּא. אָבער אַזאַ נצחון וועט נאָך אַלץ ניט פאַרוואַנדלען אונזער בורזשואַזע רעוואָלוציע אין אַ סאָציאַליסטישער".

דער דאָזיגער זאַץ איז אייגענטליך ניט זעהר לאָגיש: אויב איינפיהרען אַ ריין בורזשואַזע אָרדנונג, טאָ צו וואָס דאַרף מען צוליעב דעם אַ דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום? און אויב מען וועט ווירקליך איינפיהרען אַ דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום איז, ערשטענס, וואָס האָט עס פאַר אַ זינען צו „דיקטירען מיט גוואַלד" דער בורזשואַזיע אַ בורזשואַזע אָרדנונג, און, צווייטענס, פון וואַנען איז די ראיה, אַז די „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און פּויערים" וועט זיך וועלען באַנוגענען בלויז מיט'ן באַפעסטיגען פון דער בורזשואַזער אָרדנונג? אמת, לענין שטעלט נאָך דער דיקטאַטור אַן אנדער צוועק: אַריבערטראָגען די שרפה פון דער רעוואָלוציע קיין אייראָפּא, אָבער די בורזשואַזע רעוואָלוציעס זיינען דאָך אין אייראָפּא שוין לאַנג פאָרגעקומען. נאָך מעהר באַפעסטיגען דאָרט די בורזשואַזע אָרדנונג ווי זי איז באַפעסטיגט איז שוין גאָר ניט נויטיג. הייסט עס, אַז די רעוואָלוציע איז דאָרט נויטיג, כדי צו צושטערען די דאָרטיגע בורזשואַזע אָרדנונג, הייסט עס, אַז די רעוואָלוציע דאָרטען וועט זיין אַ סאָציאַליסטישע. ווי אָבער קאָן די רוסישע רעוואָלוציע אָנצינדען אַ סאָציאַליסטישע שרפה אין אייראָפּא און באַגרעניצען זיך

מיט דער איינפיהרונג אָדער באפעסטיגונג פון דער בורזשואזער אָרדנונג ביי זיך אין דער היים ?

עס איז דאריבער קלאָר, אז סאי דער געדאנק וועגען דער „דיקטאטור פון פראָלעטאריאט און פויערטום“, סאי די האָפנונג, אז די דאָזיגע דיקטאטור דארף אָנצינדען א רעוואָלוציאָנערע שרפה אין איירּאָפּא שטעהען אין א שארפען ווידערשפּרוך מיט דער איבערצייגונג, אז די רוסישע רעוואָלוציע איז און מוז בלייבען נאָר א בירזשואזע. אין דעם ערשטען טייל דריקט זיך אוים די שטימונג פון לענין'ן דעם באָלשעוויק, דעם קאָמוניסט; אין דעם לעצטען טייל — די איבערצייגונג פון לענין'ן דעם סאָציאַל־דעמאָקראט. דאָס זיינען צוויי נשמות וואָס רייסען זיך אין איין ברוסט, ס'איז א רעוואָלוציאָנערער ויתרוצצו. אָבער ס'איז קלאָר, אז א מענש מיט אזא ווידערשפּרוך צווישען זיינע שטימונגען און איבערצייגונגען ווייס אליין ניט אויף קלאָר וואָס צו טאָן און האָט ניט קיין קלאָרע לאָזונגען, נאָך וועלכע ער זאָל קאָנען רופען די מאסען. עס וואָלט דאָך באמת געווען א שרייענדיגער ווידערשפּרוך צו זעהן לענין'ען דעם פארביסענעם און פארברענטען שונא פון דער בורזשואזער אָרדנונג אלס אקטיווען בויער און באפעסטיגער פון דער דאָזיגער אָרדנונג אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

און לענין האָט דאריבער אין דער צייט פון דער ערשטער רע־וואָלוציע, אין דער צייט צווישען אָקטאָבער 1905 און דער צוזאַ־מענרופינג פון דער ערשטער דומע אין יאָהר 1906 געמוזט שטעהן אָן א זייט, כמעט ווי א זייטיגער צוקוקער. ער האָט געקאָנט זיצען בלויז אויף דער גאַלעריי פון פעטערבורגער ארבייטער־ראט, ווייל פיהרען איהם נאָך זיך האָט ער ניט געקאָנט, ווייל ער האָט נאָך אליין ניט געוואוסט זיין וועג.

7. פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע ביז דער וועלט־מלחמה.

דער ווידערשפּרוך צווישען די קאָמוניסטישע שטימונגען און סאָציאַל־דעמאָקראטישע איבערצייגונגען, וועגען וועלכען מיר האָ־בען גערעדט אין פריהערדיגען קאפּיטעל, האָט ניט דערלאָזען לענין'ען צו שפּיעלען א פיהרענדע ראָלע אין דער ערשטער רוסישער

אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אָבער דאָס הייסט ניט, אז ער האָט כאָטש אויף א צייט אונטערדריקט זיינע קאָמוניסטישע שטימונגען.

שוין אין זיין דערמאָנטער בראָשור פון יאָהר 1905 („צוויי טאַקטיקעס"), זעהט ער פאָראויס אזא מעגליכקייט:

„ס'וועט קומען די צייט, ווען דער קאמף קעגען דעם אבסאָלוטיזם וועט זיין פארענדיגט. דעמאָלט וועט, פארשטעהט זיך, לעבערליך זיין צו ריידען וועגען א ווילענס־איינינקייט צווישען דעם פראָלעטאַריאַט און פויערטום, וועגען א דעמאָקראטישער דיקטאטור, א. ז. וו. דעמאָלט וועלען מיר שוין מוזען טראכטען וועגען דער סאָציאַליסטישער דיקטאטור פון פראָלעטאריאט."

און ניט נאָר „וועלען מיר מוזען טראכטען". ער טראכט שוין וועגען איהר און שרעקט זיך פאר איהר ניט:

„מיר דארפען זיך ניט שרעקען פאר דעם ענדגילטיגען נצחון פון דער סאָציאליסטישער דעמאָקראטיע בעת דער דעמאָקראטישער רעוואָלוציע פון די פויערים און ארבייטער, ווייל אזא נצחון וועט אונז געבען די מעגליכקייט אויסצוהויבען אייראפא און דעם סאָציאליסטישען פראָלעטאריאט פון מערב, נאָכדעם ווי ער וועט אראפּוואַרפען דעם יאָך פון זיין בורזשואזיע וועט פון זיין זייט העלפען אונז דורכפיהרען א סאָציאליסטישע רעוואָלוציע."

ער שטעלט זיך שוין אפילו פאר ווי אזוי אזא רעוואָלוציע וועט דורכגעפיהרט ווערען, און ס'איז אינטערעסאנט צו זעהן ווי גרויס ס'איז אין דעם פּרט דער חלוק צווישען דעם „פאַנטאַזיאָר" לענינ'ען און דעם רבי פון וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם — אייגענטליך פון דעם דייטשען סאָציאַל דעמאָקראַטיזם, — קארל קאוטסקי, וואָס האָט אין זיין בוך „אויף מאָרגען נאָך דער סאָציאלער רעוואָלוציע" זיך געפּרובט פאָרשטעלען אז די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט פאָרקומען אויף א פרידליכען, עוואָלוציאָנערען אופן. לענין שרייבט שוין אין יאָהר 1905:

„אויב די רעוואָלוציע וועט אונז ברענגען אן ענטשיידענעם נצחון וועלען מיר מאַכען דעם חשבון מיט דעם אבסאָלוטיזם אויף א יאַקאָבינישען אָדער, אויב איהר ווילט, אויף א פּלעבעאישען אופן: דער גאנצער פראנצויזישער טעראָר לויט מארקס'ן געווען

ניט מעהר ווי א פלעבעאישער אופן פון אויסצוגלייכען די חשבונות מיט די שונאים פון דער בורזשואזיע: מיט דעם אבסאָלוטיזם און פעאָדאַליזם. האָבען אָט די מענשען, וואָס פרובען דערשרעקען די רוסישע סאָציאַל דעמאָקראַטישע ארבייטער מיט דעם געשפענסט פון יאקאָביניזם *) אין דער צייט פון דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, געפרובט א טראכט טאָן וועגען אָט די ווערטער פון מארקס'ן? (אָן אָנצוהערעניש אויף פלעכאַנאָוו'ן, וועלכער פלעגט פאָרוואַרפען לענינ'ען, אז זיין טאַקטיק פיהרט צו יאקאָביניזם. דאָס וואָרט „יאקאָביניזם" איז אין יענער צייט איבעראָויפט געווען א מין זידעלוואָרט אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאָלעמיק — מ. כ.)

„די יאקאָבינער פון דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע, די באָלשעוויקעס ווילען, אז דאָס פאָלק, דאָס הייסט, דער פראָלעטאַריאַט און די פויערים זאָלען מאַכען זייער חשבון מיט דער מאָנאַרכיע און מיט דער אַריסטאָקראַטיע אויף א פלעבעאישען אופן, פארניכטענדיג אומברחמנות'דיג די שונאים פון דער פרייהייט, אונטערדריקענדיג מיט גוואַלד זייער ווידערשטאנד, ניט מאַכענדיג קיין שום הנחות דער פארשאָלטענער ירושה פון שקלאַפעריי, אַזיאַטיזם און דער שאנד פון דער מענשהייט."

אין די דאָזיגע ווערטער זעהט מען שוין א גאנצע פראָגראַם, די פראָגראַם פון דער קומענדיגער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע פון יאָהר 1917. אָבער אין יאָהר 1905 זיינען נאָך די באַדינגונגען אין דעם ארבייטער-קלאַס גופא ניט געווען צייטיג פאר אזא פראָגראַם, וואָס איז נאָך דערצו פארטונקעלט געוואָרען מיט דעם אַלטען סאָציאַל-דעמאָקראַטישען שרעק פאר דעם יאקאָביניזם.

דער פאַרוואַנדלונג פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פארטיי אין א יאקאָבינישער, אָדער אויב איהר ווילט, אין באָלשעוויסטישער, א קאָמוניסטישער (כאָטש דאָס לעצטע וואָרט איז נאָך ניט ארויסגעזאָגט) גיט לענין אָפּ אַלע זיינע כחות זינט דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע.

נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע, ווען ס'האָט אויסגעזעהן, אז

*) די יאקאָבינער זיינען געווען די עקסטרעם-רעוואָלוציאָנערע פארטיי, וואָס האָט בעת דער ערשטער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אונטערדריקט מיט טעראָר די אָנהענגער פון דעם אַלטען רעזשים.

די רעוואָלוציע האָט געזיגט און נאָך דעם מאָסקווער דעצעמבער־אויפשטאַנד, ווען די רעוואָלוציע האָט באַקומען אַ טויט־קלאַפּ, הויבט זיך אָן צווישען די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טוער אַ באַוועגונג צוריק אויפצושטעלען די אומגעהויער אויסגעוואַקסענע ס־ד פּאַרטיי און פאַראייניגען איהרע ביידע שטרייטענדע פראַקציעס. טאַקטיש איז דאָס פאַר דער ס־ד פּאַרטיי געווען אַ לעבענס־נויטיגקייט, ווייל די אינווענייגסטע רייסערייען צווישען די פראַקציעס האָבען זעהר פיעל אָפּגעשוואַכט איהר פּאָליטישע ווירקונג. לענין גלויבט אָבער ניט אין דער פאַראייניגונג און דער סטאָקהאָלמער פאַראייניגונג־צוזאַמענפאָהר פאַלט צוליעב איהם פאַקטיש דורך. ער וויל ניט דערלאָזען, אַז די באָלשעוויקעס זאָלען זיך צונויפמישען מיט די מענשעוויקעס, אַז דער רעוואָלוציאָנערער גייסט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זאָל אָפּגעטעמפּט ווערען דורך די אָפּאָרטוניסטען.

ווען עס קומט צו די וואַהלען אין דער ערשטער דומע (אין אַפּריל 1906) און די אָנגעזעהענסטע מענשעוויקעס רופען צו די וואַהלען, ווייל מען דאַרף „אויסנוצען די דומע־טריבונע“, איז לענין געגען דעם און פיהרט אויס, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און איינעם מיט איהר דער גאַנצער רוסלענדישער ארבייטער־קלאַס זאָל באָיקאָטירען די דומע, „ווייל די רעוואָלוציע איז נאָך ניט געענדיגט“. ער שטימט איין צו די וואַהלען צו דער צווייטער דומע, ווען עס ווערט קלאָר, אַז די רעוואָלוציע פון יאהר 1905 איז געענדיגט, אבער ער טוט עס נאָר „כדי אויפצורייסען די דומע פון אינווייניג“. ווען די צווייטע דומע ווערט צוטריבען (אין יאהר 1907) לאָזט לענין ארויס זיין באַריהמטען בריעף צו די ארבייטער, אין וועלכען ער רופט זיי צו ארגאַניזירען זיך „צו דריי און צו פינף“ אין רעוואָלוציאָנערע קאַמף־גרופּעס, כדי צו גרייטען אַ באַוואַפענטען אויפשטאַנד קעגען דער רעגירונג. גלייכצייטיג הויבט ער אָן ענדערען זיין פּרינציפּיעלען בליק אויף דעם כאַראַקטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע. ער, וואָס האָט אין יאהר 1905 געהאַלטען, אַז דער פּויער קאָן באַקומען נאָך „שטיקלאַך ערד“ („אטרעזקי“) הויבט אָן אויסלאַכען אָט די דאָזיגע „ברעקלאַך־טעאָריע“ און רופט די פּויערים אין זיין „בריעף צו דער דאָרפּי־

שער ארימקייט" אז די פויערים זאָלען פארכאפּען די גאנצע ערד; אנטקעגען דער מענשעוויסטישער פּראָגראם צו מוניציפּאליזירען די ערד, דאָס הייסט, איבערגעבען זי אין די הענט פון דער ארטיגער זעלבסטפארוואלטונג, שטעלט ער ארויס די טעאָריע פון דער נאציאָנאליזיציע פון דער ערד. אבער אנערקענענדיג, אז די גאנצע ערד פון לאנד קאָן נאציאָנאליזירט ווערען, דאָס הייסט, איבערגעגעבען ווערען אין די הענט פון דער מלוכה און דערמיט ארויסגענומען ווערען פון פּריוואטען האנדעל, אנערקענט דאָך לענין דערמיט אליין, אז די מלוכה קאָן סאָציאליזירען איינעם פון די וויכטיגסטע — און אין רוסלאנד דעם סאמע וויכטיגסטען פּראָדוקציע־מיטלען פון לאנד, און פון דאנען איז שוין גרינג דער איבערגאנג צו דער נאציאָנאליזאציע — וואָס דאָס איז אייגענטליך סאָציאליזאציע — פון דער אינדוסטריע און צו דער אפּשאפונג פון דער גאנצער קאפּי־טאליסטישער אָרדנונג.

אין יאָהר 1907 מוז לענין, וועלכער האָט א פּאָר יאָהר געאר־בייט אונלעגאל אין רוסלאנד, פארלאָזען דאָס לאנד און ווידער אוועק אין דער אויסלענדישער עמיגראציע. די צייט איז דאָרט דעמאָלט געווען א שרעקליכע. די קאָנטר־רעוואָלוציע האָט באזיעגט ניט נאָר די רעוואָלוציע, נאָר אויך די רעוואָ־לוציאָנערען. די פּארטייען זיינען צוקראָכען געוואָרען. ס'רוב פון זייערע פריהערדיגע פּארטיי־מיטגלידער און פּארטיי־טוער האָט זיך אויך געפּיהלט א היבש ביסעל „צוקראָכען". א יאוש האָט זיך אָנגעהויבען פארשפּרייטען צווישען דער אינטעליגענץ און די ארבייטער. אין רוסלאנד גופא האָט ניט עקזיסטירט כמעט קיין איין פעסטע ארבייטער־ארגאניזאציע. אין אויסלאנד האָבען זיך די פּאָליטישע עמיגראנטען פון די פריהערדיגע פּארטיי־פיהרער „געקאָכט אין זייער אייגענעם זאפט" און ענטטוישט פון דער פארגאנגענהייט, אָהן האָפענונגען אויף דער צוקונפט, האָבען זיי זיך פארנומען מיט פערזענליכע רייסערייען. די יאהרען 1907-1909 זיינען איבערהויפּט די שווערסטע פאר דער גאנצער צייט פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע, וואָס איז געקומען נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע פון יאָהר 1905. די סאָציאליסטישע ליטעראטור פון יענער צייט (די וואָס איז ארויסגעגאנגען אין אויסלאנד, אין די

עמיגראנטען־קרייזען) איז דאָס שרעקליכסטע און מאוססטע, וואָס איז ווען עס איז געדרוקט געוואָרען אונטער א סאָציאליסטישען שטעמפעל.

אין דער סאָציאלדעמאָקראטיע הויבט זיך אן א נייע רעוויזי־אָניסטישע שטרעמונג. אין דייטשלאנד האָט זי זיך אין סוף פון די 90־גער יאהרען אנגעהויבען פון צופיעל וואוילטאָג. דאָס לאנד האָט אזוי אויפגעבליהט און די סאָציאל־דעמאָקראטיע איז אזוי געוואקסען, אז עדוארד בערנשטיין און נאָך איהם א גאנצע רייהע אנדערע „פראקטישע" סאָציאל־דעמאָקראטען האָבען אָנגעהויבען „רעווידירען דעם מארקסיזם", כדי צו באווייזען, אז דעם אר־בייטער איז גאָר ניט אזוי שלעכט אין דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט. אין רוסלאנד, אדער אייגענטליך צווישען די רוס־לענדישע סאָציאל־דעמאָקראטישע טוער, וואָס האָבען ס'רוב גע־וואוינט אין אויסלאנד, האָט זיך אנגעהויבען אן אנדער רעוויזיאָ־ניזם, א רעוויזיאָניזם וואָס קומט פון צרות. די ווירקליכקייט איז געווען אזוי שלעכט אין מאוס, די אלטע אידעאלען זיינען אזוי אפּגענארט געווארען, אז מען האָט גענומען זוכען א נייעם אידעאַ־ליזם, א טרייסט און א נייע אידעאליסטישע פילאָזאָפיע. מען האָט פּלוצלינג אויסגעפונען אז „דער מארקסיזם האָט ניט קיין פילאָזאָפיע" און מען האָט גענומען זוכען א פּאסענדע פילאזאפיע, וואָס מען זאָל קאָנען צושטוקעווען צום מארקסיזם. לונאטשארסקי האָט צונויפגעפּאָרט דעם מארקסיזם מיט דער פילאָזאָפיע פון דעם דייטשען פילאָזאָף אווענאריוס און גערופען זיך שאַפען אן „עמפּיריאקריטישע" שיטה; באגדאנאָוו האָט גערופט צונויפיהרען דעם מארקסיזם מיט די פילאָזאָפישע אנשויאונגען פון דעם פאנגערמאניסט מאך און ארויסגעבראכט א טעאריע פון „מאכיזם" אָדער „עמפּיריאמאניזם". די רעשטלעך פון די „לע־גאלע מארקסיסטען" אין רוסלאנד זיינען אוועק נאָך ווייטער: צונויפפּאָרענדיג זייער „מארקסיזם" מיט דער פילאזאפיע פון קאַנט'ן אָדער פון קאַנט'ס נאָכפאָלגער, נעאָ־קאנטיאנער, האָבען זיי געענדיגט דערמיט וואָס זיי האָבען אינגאנצען ארויסגעווארפען דעם מארקסיזם דורכ'ן פענסטער און האָבען זיך זעהר בעקוועם איינגעלעבט: פילאָזאָפיש — מיט די אידעאליסטען, די געגנער

פון מארקסיזם, און פּאָליטיש — מיט די קאדעטען, די געגנער פון סאָציאליזם.

אין דערזעלבער צייט (אין יאהר 1908 ביז 1911) האָט זיך אין רוסלאנד אנגעהויבען א באוועגונג פאר אַן „ארבייטער־צוזאמענ־פאהר". איינער פון די פארקעמפער און איניציאטאָרען פון דער דאָזיגער באוועגונג איז געווען לארין, דער איצטיגער נאכפאָלגער לענינ'ס און מיטגליעד פון „ראט פון די פאָלקס־קאָמיסארען". דעמאָלט איז ער נאָך געווען א מענשעוויק און אלע זיינע אונטער־שטיצער זיינען אויך געווען מענשעוויקעס. געהייסען האָט עס, אז מען וויל אויפ'ן ארט פון די האלב־און גאנץ חרובע סאָציאליס־טישע ארגאניזאציעס שאפען „א ברייטע ארבייטער־פארטיי". פאקטיש האָט עס אבער באדייט, אז מען וויל אָפּשאפען די אלטע, די סאָציאל־דעמאָקראטישע ארבייטער־פארטיי, אז מען וויל ליקווי־דירען די רעוואָלוציאָנערע סאָציאל־דעמאָקראטיע. אנדערש וואָלט עס אויך ניט געקאָנט זיין, ווייל ערשטענס וואָלט זיך אין אזא „ברייטער ארבייטע פארטיי" געמוזט ארייננעמען דער גאנצער ערב־רב פון די פארשיידענע אָפּארטוניסטישע שטרעמונגען פון רוסישען סאָציאליזם און א גרויסע צאָהל פון יוניאָן־טוער, וואָס האָבען קיינמאָל ניט געוואוסט רעכט וואָס דער סאָציאלדעמאָקרא־טיזם און באזונדערס דער רעוואָלוציאָנערער טייל זיינער איז; און צווייטענס וואָלטען אָט די אָפּארטוניסטישע שטרעבונגען געמוזט אפיציעל און פראקטיש באקומען די אויבער־האנד אין דער „ברייטער ארבייטער־פארטיי" ביי א לעגאלער עקזיסטענץ אונטער די באדינגונגען פון רוסישען צאריזם, — און אנדערש וואָלט דאָך קיין „ברייטע ארבייטער פארטיי" אין רוסלאנד ניט געקאָנט עק־זיסטירען.

נאָך איידער די באוועגונג פאר דעם „ארבייטער־קאָנגרעס" האָט זיך אָנגעהויבען איז אין דער רוסישער סאָציאל־דעמאָקראטיע פאָרגעקומען א פארביטערטער קאמף ארום „לעגאליזם", דאָס הייסט ארום דער פראגע, צי זאָלען זיך די ארבייטער־ארגאניזא־ציעס צופאסען צו די עקזיסטירענדע באדינגונגען, כדי זיי זאָלען קאָנען ארבייטען לעגאל אָדער זיי זאָלען פארבלייבען אומלעגאל

אין די קעלערען אָבער דערפאר איינהאלטען זייער רעוואָלוציאָנערען כאראקטער.

דער נסיון איז געווען א גרויסער. פיעל זיינען איהם ניט בייגעשטאַנען: „בעסער א שוואַלב אין האנט איידער אַן אָדלער אין הימעל", באזונדערס ווען מען זעהט נאָך ניט דעם אָדלער. בעסער לעגאַלע אָרגאַניזאַציעס וואָס קאָנען כאָטש עפּעס אויפטאָן, איידער קעלער־אָרגאניזאציעס וואָס קאָנען גאָר ניט טאָן; בעסער א „ברייטע ארבייטער־פּארטיי", אפילו אָהן אַ קלאָרער פּראָגראַם און אַ שטרענג־אויסגעהאַלטענע ליניע איידער צעריסענע סאָציאַליסטישע פּראקציעס און אונטערפראקציעס וואָס רייסען זיך בלויז צווישען זיך. בעסער כאָטש אידעאַליסטישע קוליעס פאר'ן מארקסיזם איידער אינגאנצען פארלירען יעדען גלויבען און אַלע האָפנונגען. אפילו פּלעכאנאָוו, וועלכער איז ביז דעמאָלט געווען דער אנערקענטער פיהרער פון דעם רוסישען מארקסיזם און דער שארפסטער געגנער פון יעדער אפיקורסות אין דער סאָציאַלדעמאָקראטיע, אפילו ער האָט דעמאָלט גענומען פרעדיגען אַ מין פאָרם פון צוזאַמענארבייטען מיט דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, כדי צו ראטעווען פון דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע כאָטש וואָס עס איז.

לענין איז אָבער דעם נסיון בייגעשטאַנען, ווייל וואָס פאר א באדייטונג האָבען פאר איהם געקאָנט האָבען די קליינע דערגרייכונגען פון די לעגאַלע אָרגאַניזאַציעס אין פארגלייך מיט דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער צוגרייטונג־אַרבייט, וואָס די אומלעגאַלע אָרגאניזאציע האָט געדארפט פיהרען? וואָס פאר אַ ווערט האָט געקאָנט האָבען אין זיינע אויגען דער ערב־רב פון א „ברייטער אַרבייטער־פּאַרטיי", ווען ער איז אפילו די פארקלענערטע סאָציאַל־דעמאָקראטישע פּארטיי גופא גרייט געווען צו צושפּאַלטען און צושטויסען אויף שטיקלאַך, אַבי אויסצוטיילען פון איהר און אָפּהיטען דעם געזונטען רעוואָלוציאָנערען קערן? און די פּראָבען צו געפינען אַ טרייסט אין פילאָזאָפישע ספּעקולאַציעס האָבען אין זיינע אויגען געווים ניט געהאַט קיין ווערט, ווייל ער האָט אין דעם מארקסיזם געפונען די איינציגע פילאָזאָפיע פון אקציע, פון קאַמף.

מיט די אָנהענגער פון די לעגאַלע אָרגאַניזאַציעס און פון דער

„ברייטער ארבייטער־פארטיי“ האָט ער תיכף פארפיהרט א ביטע־רען קאַמף. ער האָט פאַר זיי ערפונדען די צונעמענישען „לעגאַ־ליסטען“ און „ליקווידאַטאָרען“ און אונטער די דאָזיגע נעמען האָט ער זיי פאַרניכטעט דורך אַרטיקלען און אויפרופען אין די אומ־צעהליגע בראָשורען און צייטשריפטען, וואָס ער האָט אין יענער צייט רעדאַקטירט און געשריבען.

עטוואָס שווערער איז געווען דער קאַמף געגען די פילאָ־זאָפישע „אפּקורסים“. ערשטענס דערפאַר, ווייל די דאָזיגע אַפּיקורסות האָט אויסגעזעהן אומשולדיג און האָט ניט ארויסגע־רופען אַזאַ אָנזעהן אין די אַרבייטער־רייהען. צווייטענס — ווייל לענין איז ניט קיין פילאָזאָף און האָט ניט געהאַט קיין פילאָזאָ־פישע צוגרייטונג. אָבער לענין איז ביי זיך פון דעם ניט אראָפּ־געפאַלען. ער זעצט זיך אַוועק אין דער פאריזער נאציאָנאַל־ביבליאָטעק אויף אַ פּאָר יאָהר, ארבייט דאָרט אָפּ צו 15 שעה אַ טאָג, שטודירט און באקאַנט זיך מיט די אַלטע און נייע פילאָזאָפען און פאַרעפענטליכט אַ פאַרניכטענדע קריטיק פון די נייע פילאָ־זאָפישע פראָבען אין אַ בוך, וואָס איז ארויס אין יאָהר 1909 אין מאָסקווע אונטער'ן נאָמען „מאטעריאליזם און עמפּיריאָקריטי־ציזם, — קריטישע באַמערקונגען וועגען אַ רעאַקציאָנערער פילאָ־זאָפיע“. אין דעם פּרט האָט ער דורכגעמאַכט דיזעלביגע ארבייט, ווי פּלעכאַנאָוו אין זיין צייט און אין די 90יגער יאָהרען. דער חלוק איז געווען נאָר דער, וואָס בעת פּלעכאַנאָוו האָט אויפגעדעקט דעם רעאַקציאָנערען פילאָזאָפישען כאראקטער פון די פּראָבען אונ־טערצושטעלען אונטער'ן מארקסיזם אַן „אידעאַליסטישען“ פונדאַ־מענט, האָט לענין קלאָר געמאַכט און באקעמפט זייער פּאָליטיש־רעאַקציאָנערען כאַראקטער.

אין די יאָהרען 1911—1912, נאָך דער שיסעריי אויף די אַרייטער אין די לענא'ער גאָלד־גרובען, וואָס האָט ארויסגערופען אַ גוואַלדיגע פּראָטעסט־באוועגונג און פּאָליטישע סטרייקען איבער גאַנץ רוסלאַנד, הויבט אָן די רעוואָלוציאָנערע ארבייטער־באוועגונג ווידער אויפצולעבען. לענין קלייבט זיך תיכף אריבער פון דער שווייץ אין קראקאו. פון דאָרט געפינט ער זיך אין נאָהענטע און ענגע באציהונגען מיט דער ס. ד. פּארטיי אין רוסלאַנד און

פיהרט אן מיט דער טעטיגקייט פון דער באלשעוויסטישער ס. ד. פראקציע אין דומע און פון דער לעגאלער באלשעוויסטישער פרעסע. ער קעהרט זיך צוריק אום צו זיין ראליע פון דעם פראקטישען ארגאניזאטאר פון דער רעוואלוציע און נוצט צוליעב דעם אויס די זעלבע טאקטיק, מיט וועלכער ער האט אנגעהויבען זיין טעטיגקייט אין דער ארבייטער־באוועגונג: ארום די קלענסטע, אבער פארשטענדליכע ערשיינונגען פון טאג־טעגליכען לעבען פון די ארבייטער זעהט ער אויפצוהויבען א ברייטע רעוואלוציאנער־סאציאליסטישע באוועגונג, צובלאזט יעדען פונק פון אומצופריעדענהייט, וואס טליעט צווישען די ארבייטער, אין א העלען רעוואלוציאנערען פלאקער אוןווארפט אין דער מאסע לאזונגען, וואס זיינען פשוט און פארשטענדליך און געווינען דאריבער תיכף איהר אונטערשטיצונג.

8. אין דער צייט פון דעם וועלט־קריעג.

די וועלט־מלחמה האט געטראפען לענין'ען אין גאליציען. ווי באקאנט, האבען זיך פונקט מיט עטליכע וואכען פאר'ן אויסברוך פון דער מלחמה אנגעהויבען גרויסע געשעהענישען אין רוסלאנד. א כוואליע פון סטרייקס, וואס האבען געטראגען א פאליטישען כאראקטער, האט זיך אנגעהויבען פארשפרייטען איבער'ן לאנד. אין פעטערבורג האבען זיך אפילו באוויזען באריקאדען אויף די גאסען גראד אין דער צייט ווען דער פראנצויזישער פרעזידענט פואנקארע האט געמאכט א וויזיט דעם צאר ניקאלאי, כדי צונויפצורייידען זיך מיט איהם וועגען דער מלחמה געגען דייטשלאנד, וואס האט זיך געדארפט אנהויבען ערשט אין יאהר 1918. עס האט אויסגעזעהן, אז א רעוואלוציע האלט אין אויסברעכען אין רוסלאנד. לענין האט פארלאזען קראקאו און איז איבערגעפאהרען אין א גאליציש שטעדטעל ביים רוסישען גרעניץ, גרייט צוריקצוקעהרען זיך קיין רוסלאנד ביי דער ערשטער געלעגענהייט. אבער גראד דעמאלט האט אויסגעבראכען די וועלט־מלחמה און די עסטרייכישע מיליטער־פאליציי האט ארעסטירט און אינטערנירט לענין'ען אלס א פיינדליכען אויסלענדער. ער איז אבער ניט לאנג פארבליבען אין עסטרייך. א דאנק די באמיהונגען פון דעם

צענטראַל־קאָמיטעט פון דער עסטרייכישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, איז ער באַפרייט געוואָרען פון קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער און איז ארויסגעשיקט געוואָרען אין דער שווייץ. דאָרטען, אָפּגעריסען פון דער היים און פון זיינע חברים, האָט ער זיך באַלד ווידער גענומען צו זיין ארבייט. ער האָט זיך באַזעצט אין ציריך און אָנגעהויבען אַ שאַרפע קאַמפּאַניע געגען דעם בורג־פרידען, וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אינאיינעם מיט די טרייד־יוניאָנס האָבען איינגעשטעלט אויף דער צייט פון דער מלחמה. ווי באַקאַנט, איז דער בורג־פרידען באַשטאַנען אין דעם, וואָס די פּאָליטישע פּאַרטייען, און צווישען זיי אויך די סאָציאַליסטישע האָבען אויפגעגעבען אויף דער צייט פון מלחמה זייער געגענזייטיגען קאַמף און האָבען געשלאָסען אַ שלום צווישען זיך כדי צו שטיצען זייערע רעגירונגען אין דער „פּאַרטיידיגונג פון דעם פאָטערלאַנד“. פּאַקטיש האָט עס געהייסען, אַז דער אָרגאַניזירטער פּראָלעטאַריאַט גיט אויף זיין קלאַסען־קאַמף אין אַ צייט, ווען די בורזשואַזיע באַגעהט איהר גרעסטען פאַרברעכען און צווינגט דעם פּראָלעטאַריאַט צו צאָהלען מיט זיין בלוט און לעבען פאַר איהרע זינד.

לענין הויבט אָן אַן ענטשיידענעם קאַמף געגען דער וועלט־מלחמה אינאיינעם מיט דעם בורג־פרידען. איהם האָט אייגענטליך דער פאַרראַט פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען בנוגע דעם סאָציאַליזם ניט איבערראַשט. ער איז צו דעם צוגעגרייט געוועזן נאָך פון פריהער, נאָך פון דער צייט אָן ווען די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע איז דורכגעפאַלען צוליעב דעם, ווייל די מערב־אייראָפּאַישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זיינען איהר ניט געקומען צו הילף. שוין אין די יאָהרען 1907—1908 האָט ער אין די רוסישע סאָציאַליסטישע צייטונגען געשריבען וועגען דעם בורזשואַזען גייסט, וואָס האָט זיך אריינגעכאַפּט אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. די קריטישע באַציהונג צו די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון מערב־אייראָפּאַ איז שוין דעמאָלט געוואָרען אַ מין אני מאמין ביי די באָלשעוויקעס און אַלעקסאַנדרא קאָלאָנטאַי, אַן אָנגעזעהענע טוערין פון דער דעמאָלטיגער באָלשעוויסטישער פראַקציע פון דער ס. ד. פּאַרטיי האָט אין איהר בוך „איבער דער ארבייטער־אייראָפּאַ“ געמאַכט צו אַש און צו בלאָטע די פיהרענ־

דיגע עלעמענטען פון די דאָזיגע פּאַרטייען. דעם איינציגען אויס־
וועג פאַר די דאָזיגע פאַרטייען האָט לענין שוין דעמאָלט אָנגע־
הויבען צו זעהן אין שפּאַלטונגען לויט'ן רוסישען מוסטער, כדי
די ראַדיקאַלע עלעמענטען זאָלען זיך אָפּטיילען פון די אָפּאָרטו־
ניסטען. אין אָנהויב פון דער מלחמה איז פאַר איהם די אומ־
פאַרמיידליכקייט פון דער דאָזיגער שפּאַלטונג נאָך קלאָרער גע־
וואָרען און ער הויבט אָן פּרעדיגען די דאָזיגע אידעע סאַי אין די
באָלשעוויסטישע אויסגאַבען, סאַי אין די צייטונגען פון דער שווייי־
צערישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. די געשעהענישען האָבען זעהר
גיך באשטעטיגט זיין מיינונג. שפּאַלטונגען אין דער אייראָפּע־
אישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָבען זיך אָנגעהויבען שוין דעם
צווייטען יאָהר פון דער מלחמה, ווען ס'איז קלאָר געוואָרען אַז די
אָפיציעלע, סאָציאַלדעמאָקראַטיע איז אין פערזאָן פון איהרע
פיהרער געוואָרען די אונטערשטיצערין פון די מיליטאַריסטישע
און אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען. אין פראַנקרייך, דייטשלאַנד,
בולגאַריע, שוועדען און איטאַליע האָבען זיך די ראַדיקאַלע פראַק־
ציעס פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען אָפּגעשפּאַלטען פון די
צענטראַלע אנשטאַלטען און זיך ענטשידען ארויסגעזאָגט געגען
דעם בורג־פרידען, פאַר אַ פאַרשטאַרקטען קלאַסען־קאַמף אין דער
צייט פון מלחמה, כדי צו דערשטיקען די מלחמה. מיט דער הילף
פון ראָזאַ לוקסעמבורג אין דייטשלאַנד, מאַרעאַס אין פראַנקרייך,
פרידריך אַדלער אין עסטרייך און אַנזשעליקאַ באַלאַבאַנאָוואַ אין
איטאַליע הויבט לענין אָן צו אַרבייטען פאַר דעם צוזאַמענרופען
פון אַ קאָנפערענץ פון די דאָזיגע ראַדיקאַלע פראַקציעס, וואָס
האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון דעם מלחמה־נאַציאָנאַליזם צוליעב דעם
אַרבייטער־אינטערנאַציאָנאַליזם. אין יאָהר 1916 געלינגט עס
ענדליך צונויפצורופען די ערשטע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ
פון די ראַדיקאַלע סאָציאַליסטישע מינדערהייטען אין צימערוואַלד,
וואו ס'ווערט ערקלעהרט אַ מלחמה דער מלחמה. אין אַ קורצער
צייט ארום קומט פאַר די צווייטע קאָנפערענץ אין קיענטאַל.
לענין באטייליגט זיך זעהר אַקטיוו אין די דאָזיגע קאָנפערענצען
און כאָטש ער בלייבט אין דער מינדערהייט מיט זיינע באָלשע־
וויסטישע טעזיסען, געלינגט איהם אָבער זעהר שטאַרק צו באַ־

איינפלוסען די רעזאָלוציעס, וואָס די קאָנפערענצען נעהמען אָן. ווען די אָפיציעלע דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראטיע פון איין זייט און די אָפיציעלע ביוראָ פון צווייטען אינטערנאציאָנאַל פון דער אַנדער זייט הויבען אָן אין דער זעלבער צייט צו מאַכען פראָבען צונויפצורופען „אַלגעמיינע" אינטערנאציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפערענצען באַגעגנען זיי די שטארקסטע שטערונג ביי לעניג'ען און זיינע נאָכפאָלגער. לענין געפינט פאר די רעגירונג־סאָציאַליסטען א נאָמען, וואָס ווערט באלד זעהר פאָפולער, — „סאָציאַל־פאררעטער" און זיין לאָזונג איז: „מיט די שיידעמאַנס וועלען מיר מעהר ביי איין טיש ניט זיצען". פונקט ווי אמאָל אין זיין קאַמף געגען די „אָפגעשפאָלטענע" מענשעוויקעס פיהרט ער איצט אָן געגען די מעהרהייט־סאָציאַליסטען פון אַלע לענדער א פראָפאַגאַנגען פון „האַס, פאראַכטונג און אומצוטרוי" פון די מאַסען צו זייערע פיהרער. און אין דער זעלביגער צייט, אומגעפעהר אין אָנהויב פון יאָהר 1915, טראַכט ער שוין וועגען דעם וואָס עס וועט זיין, אויב די זיעגרייכע רעוואָלוציע וועט אין צייט פון דער מלחמה איבערגעבען די מאַכט אין די הענט פון פראָלעטאַריאט. אין איינעם פון זיינע ארטיקלען, וואָס זיינען דעמאָלט ערשינען אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער פרעסע אין אויסלאַנד צייכענט ער שוין אָן די גאַנצע פראָגראם און טאַקטיק פון דער זיעגרייכער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, וואָס ער האָט דערנאָך מיט אַלע איינצעלהייטען אָנגעהויבען דורכפיהרען אין רוסלאַנד נאָכ'ן נצחון פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין אָקטאָבער 1917.

וועגען דעם, אַז לענין האָט פון אָנהויב אָן פון דער מלחמה פארנומען א „פאָראזשענטשעסקע" שטעלונג, דאָס הייסט ער האָט געבויט זיינע האָפנונגען אויף דער מיליטערישער מפלה פון רוסלאַנד איז איבעריג צו ריידען. א „פאָראזשענעץ" איז ער שוין געווען מיט 13 יאָהר צוריק, בעת דער מלחמה צווישען רוסלאַנד און יאפאן. שוין דעמאָלט איז פאר איהם קלאָר געוואָרען, אַז די מיליטערישע מפלה פון דער צארישער רעגירונג איז דער ערשטער תנאי פאר דעם נצחון פון דער רעוואָלוציע, און נאָך שארפער איז געוואָרען די דאָזיגע שטעלונג זיינע אין אָנהויב פון דער וועלט־מלחמה. שוין אין אָנהויב פון דער וועלט־מלחמה האָט ער פאָר־

אויפגעזעהן און פאראויסגעזאגט, אז די וועלט־מלחמה איז דער לעצטער טויט־קריזיס פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט און באזונדערס פון דעם צארישען רוסלאנד; שוין דעמאלט האט ער געזעהן, אז דער וועלט־אימפעריאליזם האט מיט דער מלחמה ארויסגערופען געגען זיך א שד, וועלכען עס וועט אוממעגליך זיין צוריק צו פארטרייבען און אז די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט, וואס האט אזוי גרינג ארויסגערופען די וועלט־מלחמה, וועט ניט האבען קיין כח צוריק איינצושטעלען שלום. ביי לענינ'ען איז דאס געווען א פשוטער רעזולטאט פון זיין וועלט־אנשויאונג, אויף וועלכער ער האט געבויט זיין גאנצע טאקטיק. זיינע געגנער אבער, באזונדערס אין דעם בורזשואזען לאגער, האבען עס ניט איינגעזעהן און ניט פארשטאנען און דעריבער האבען זיי פון אנהויב געקאנט ערקלעהרען זיינע פאראויסזאגונגען בלויז דערמיט וואס ער איז א „דייטשער אגענט" און דערנאך, ווען זיין פראגנאז האט זיך פארווירקליכט, האבען זיי זיך ניט געקאנט גענוג אפוואונדערען פון זיין „רוח הנבואה".

וועגען דעם ווי לענינ'ען האט זיך צו יענער צייט געלעבט אין דער שווייץ איז נאך דערוייל זעהר וועניג באקאנט אין דער עפענטליכקייט. אינטערעסאנטע שטריכען וועגען זיין דעמאלטיגען לעבען געפינען מיר אין אן ארטיקעל פון דעם שווייצערישען סאציאל־דעמאקראט זיגפריד בלאך: *)

„ „ווען די צענטראל־ביורא פון דער סאציאליסטישער ליטעראטור, — דערצעהלט ה' בלאך — האט זיך נאך געפונען אין ציריך, פלעגט זי אפט באזוכט ווערען פון מענשען, וואס האבען געשפיעלט א באדייטענדע ראליע אין דעם אינטערנאציאנאל. איינער פון זיי איז געווען לענין. ער איז געווען איינער פון די אנגעזעהענסטע און געבילדעטסטע לייט אין דער פאליטישער עמיגראציע. פערזענליך זעהר באשיידען, האט ער זיך מיט קיינעם ניט גרויס געהאלטען.

„ . . . לענין פארלאנגט דעם גאנצען לעבעל ברויט פאר'ן

---

*) „פערזענליכע עראינערונגען וועגען לענינ'ען" אין „סאוועט ראשיא", נומער 17. ניו יארק, סעפטעמבער, 1919.

אַרבייטער־קלאַס. ער האַסט די בורזשואַזיע אין דערזעלביגער מאָס, ווי ער ליעבט דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל. באזונדערס האָט ער געהאַסט די אזוי גערופענע סאָציאַל־פּאַטריאָטען, וואָס האָבען ערקלעהרט אַ בורג־שלום, ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכען. לויט לענינ׳ען מוז זיך דער אַרבייטער־קלאַס ניט נאָר גוט אָרגאַניזירען און מאַרשירען אויף לינקס, נאָר די באוואפּענטע מאַכט פון דעם פּראָלעטאַריאַט מוז שטענדיג גרייט זיין צו שטעלען זיך געגען דער פּאָליציי און דער מיליטערישער מאַכט פון דער בורזשואַזיע .. . . ס׳וועט ניט מעגליך זיין אויסצומיידען קיין אַקציע אין גרויסען מאַסשטאַב, ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט זיך ענדליך באפרייען פון די בורזשואַזע נגישות און וועט אויף אייביג אָפּשאַפען די מעגליכקייט פאר זייער ווייטערדיגער ווירקונג. אַ צוועקמעסיגע, גוט־באַטראַכטע מאַסען־אַקציע וועט פארשטאַרקען דעם ווילען און טעטיגקייט פון דעם פּראָלעטאַריאַט און אָפּשוואַכען די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג אין דער געזעלשאַפט.״

לענין׳ס באַליעבטע ליטעראַטור זיינען די דאָקומענטען וועגען „אינטערנאַציאָנאַל״, אין וועלכע ער איז באהאווענט, ווי זעהר ווענִיג אַנדערע. צו דער שווייצערישער פּאַרטיי, וועמעס טעטיגקייט לענין האָט גענוי נאָכגעפאָלגט, האָט ער זיך באַצויגען נעגאַטיוו, ווייל איהר צוזאַמענפאָהר האָט זיך אָפּגעזאָגט באוואוסטזיניג צו געהן אויף לינקס. אָפּאָרטוניסטישע רעזאָלוציעס זיינען אַ זאַך, וואָס לענין קאָן ניט פארטראָגען. זיי שטערען, פארשפּעטיגען און פאַרטונקלען דעם פּלאַנמעסיגען דערהויבען זיך פון פּראָלעטאַריאַט אויפ׳ן גרונד פון אַ דורכגעטראַכטען פּרינציפּ. לענין האָט געוואָלט, אַז אין אַלע פּאַרטייען און יוניאָנס זאָלען זיך אָרגאַניזירען באזונדערע לינק־ראַדיקאַלע פראַקציעס, כדי זיי זאָלען זיך קאָנען ענטגעגענשטעלען געגען דעם ביוראָקראַטישען כאַראַקטער פון די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס. ס׳איז גענוג איבערצולייענען לענין׳ס אַרטיקעל, וואָס איז אין יענער צייט ערשינען אין דער צייטונג „דער פאָרבאָטע״ (נומער 1, בערן 1916) אונטער׳ן נאָמען: „דער אָפּאָרטוניזם און דאָס צוזאַמענברעכען פון דעם „צווייטען אינטערנאַציאָנאַל״ ״ כדי צו דערזעהן ווי ערנסט לענין באַטראַכט די נויטווענדיגקייט פון אַן אויסגעהאַלטענער ליניע.

„לענין פלעגט פארברענגען 4 שעה א טאג אין דעם לייענזאל פון דער צענטראל־ביורא פאר סאציאליסטישער ליטעראטור, צוויי שעה אינדערפריה און צוויי שעה נאכמיטאג.

„אין ציריך האט לענין געלעבט אונטער'ן נאמען פון וולאדימיר אוליאנאוו (זיין אייגענער נאמען) אויף שפיגעלגאס נומער 14, אויפ'ן צווייטען שטאק, אין א זעהר ארעם מעבלירטער וואוינונג. איינמאל, ווען ער האט זיך געגרייט צו לייענען א לעקציע האט ער מיר געגעבען דעם מאנוסקריפט פון דער לעקציע דורכצוקוקען. עס איז געווען געשריבען אין א גוטען דייטש. די טעמע איז געווען: די היסטארישע ענטוויקלונג פון דער רוסישער רעוואלוציע פון יאהר 1905 און וואס זי לערענט אונז".

לענין איז געווען נאהענט בלויז מיט געצעהלטע מיטגלידער פון דער שווייצערישער ס. ד. פארטיי און האט זיך דעמאלט געפיהלט איינזאם ניט נאר צווישען די ארטיגע ס. ד. נאר אפילו צווישען די רוסישע פאליטישע עמיגראנטען און זיינע אייגענע חברים. זיינע עקסטרעם־ראדיקאלע מיינונגען זיינען דעמאלט געטיילט געווארען נאר פון זעהר ווייניגע. אפילו טראצקי, וועלכער האט דעמאלט געארבייט אין פאריז, איז נאך אויך געווען זעהר ווייט פון זיינע מיינונגען און ער האט געמוזט קעמפען כמעט איינער אליין געגען דעם, וואס ער האט אנגערופען „אפגעלעבטע סאציאלדעמאקראטישע אילוזיעס". ער האט אויסגעלאכט דעם געדאנק, אז די באפרייאונג פון דעם ארבייטער־קלאס קאן קומען אהן א גוואלד־רעוואלוציע, ווייל די בורזשואזיע וועט פרייוויליג בשום אופן ניט אויפגעבען איהרע קלאסען־פאזיציעס. מיט די הערשענדע קלאסען, האט ער גע'טענה'ט, קאן מען ניט מאכען קיין שום קאמפראמיסען, ווייל דארט וואו עס האנדעלט זיך וועגען זייערע פריווילעגיעס קאנען זיי ניט געהן אויף קיין שום קאמפראמיסען און מוזען מיט גוואלד אונטערדריקט ווערען. די אויפגאבע פון דער ארבייטער־פארטיי איז דעריבער ניט צו זוכען קיין קאמפראמיסען, ניט צו דינגען זיך מיט דער בורזשואזיע, נאר צו שטעלען זיך בראש פון דעם ארבייטער־קלאס און פיהרען איהם אין קאמף פאר דער סאציאלער רעוואלוציע.

מיט זעהר ווענינע אויסנאהמען האָבען זיך די טוער פון דער שווייצערישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע גאָר ווענינ אינטערעסירט מיט לענין'ס מיינונגען, ס'רוב פון זיי און פון די אָרטיגע ס. ד. אָרגאַניזאַציעס האָבען אפילו ניט געוואוסט, אז אזא מענש לעבט גאָר אין דער שווייץ, — און ערשט שפּעטער, ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט קיין רוסלאַנד, האָבען זיי זיך, לויט ז. בלאָך'ס עדות־זאָגען, געכאַפּט, אז זיי וואָלטען אין גרונד גענומען געקאָנט זעהר פיעל לערנען פון איהם אפילו אין די פעלען, ווען זיי האָבען ניט אינגאַנצען איינגעשטימט מיט זיינע מיינונגען.

אָט אזוי האָט לענין אָפּגעלעבט די קריטישע יאָהרען צווישען 1914 און 1917. אָפּגעריסען פון דער גאַנצער וועלט, פון זיינע חברים און פון זיין לאַנד, האָט ער שטילערהייט געוועבט דעם טרוים און אויסגעאַרבייט די וועגען און מיטלען, ווי צו פאַרוואַנד־לען אין א סאָציאַליסטישער איבערקעהרעניש די רעוואָלוציע, וואָס האָט לויט זיין טיעפער איבערצייגונג און גלויבען געמוזט אויס־ברעכען אין רוסלאַנד נאָך אין דער צייט פון דער מלחמה און פון דאָרטען זיך דערנאָך פאַרשפּרייטען איבער דער גאַנצער וועלט.

9. לענין אונטער דעם קערענסקי־רעזשים.

אין אָנהויב מערץ 1917 האָט ענדליך אויסגעבראָכען אין רוסלאַנד די לאַנג־געגאַרטע און געוואַרטע רעוואָלוציע. דער צאַר איז אראָפּגעוואָרפען. זיין פּלאַץ פאַרנעהמט א פּראָוויזאָרישע רע־וואָלוציאָנערע רעגירונג מיט פירשט לוואָוו'ן בראש. אין די רו־סישע שטעדט און אין דער ארמיי גרינדען זיך ארבייטער־ און סאָל־דאַטען־ראַטען. די פּראָוויזאָרישע רעגירונג זאָגט צו דעם לאַנד שוין ביי איהרע ערשטע שריט פיעל מעהר, וויפיעל די רוסישע רעוואָלוציאָנערען האָבען ווען עס איז געהאָפּט. די פאַרשיידענע אָפּאָרטוניסטען אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג זיינען באַגייס־טערט: זיי האָבען באַקומען אַלץ, וואָס זיי האָבען נאָר געקאָנט ווינשען און נאָך מעהר. ס'איז דער האָניג־חודש פון דער לעצטער רוסישער בירגערליכער רעוואָלוציע. די גאַנצע רוסישע פּאָליטישע עמיגראַציע אין אויסלאַנד איילט זיך צוריקקעהרען אהיים. לענין אויך צווישען די ערשטע.

אָבער בעת איינע האָבען זיך געאיילט אין דער רעוואָלוציאָנערער רוסלאַנד ווי אויף אַ פּיקניק, און אַנדערע מיט׳ן צוועק צו טאָן „קאָנסטרוקטיווע אַרבייט“, איילט זיך לענין אַהיים גאָר מיט אַנדערע ציעלען. וואָס אייגענטליך וויל ער? איז דען אויף דער מינוט ניט גענוג דער פאַקט, וואָס רוסלאַנד האָט אראָפּגעוואָרפען דעם צאַריזם און איז כמעט מיט איין קלאַפּ פּאַקטיש פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק? איז דען ניט גענוג אָט די אַבסאָלוטע פרייהייט פון אַגיטאַציע און פאַרבאַנדען וואָס די רוסישע פאָלקס־מאַסען, און אין דער ערשטער ליניע דער פּראָלעטאַריאַט, האָבען מיט אמאָל באַקומען? איז דען ניט גענוג דער פאַקט, וואָס עס ווערט באַלד צונויפגערופען אַ גרינדונג־פאַרזאַמלונג, וואָס וועט איינפיהרען די ברייטסטע רעפאָרמען אין לאַנד?

ס׳רוב פון די פּאָליטישע עמיגראַנטען מיינען אַז דאָס איז גענוג, אַז ס׳איז אפשר נאָך אַ ביסעל צופיעל פאַר איין מאָל. אַ סך פון זיי וואָלטען אייגענטליך געוועז צופרידען, ווען עס זאָל איינגעשטעלט ווערען אַ מין מאָנאַרכיע אויפ׳ן ענגלישען שטייגער, ווייל זי וועט ניט דאַרפען אויסשטעהן אַזעלכע געפאַהרען מצד דער קאָנטער־רעוואָלוציע. און ביי אַלע פּאָליטישע עמיגראַנטען, וואָס קעהרען זיך אום אהיים נאָך אַ לאַנגער אָפּוועזענקייט, — אפילו ביי די „פּאָטערלאַנדסלאָזע געזעלען“ צווישען זיי, — וועקט זיך פלוצלונג אויף אַן אומגעהויערער פּאַטריאָטיזם, אַ ליעבע צום פאָטערלאַנד, וועלכע זיי האָבען פריהער קיינמאָל ניט געהאַט. און דאָ איז דאָס פאָטערלאַנד ארומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט שונאים: דייטשלאַנד, עסטרייך, טערקיי; פון אינעוועניג דראָהט אַ געפאַהר פון אַ קאָנטער־רעוואָלוציע. מען מוז דעריבער „פאַרטיידיגען דאָס פאָטערלאַנד“, סאַי פון אינעוועניג, סאַי פון דרויסען. מען ווערט פלוצלונג פאַטריאָטען פון דעם „גרויסען רוסלאַנד“, פון דעם פאַרגרעסערטען רוסלאַנד אפילו, ווייל דאָס מיינט דאָך אַ פאַרגרעסערטע טעריטאָריע פון דער רעוואָלוציע. אַנאַרכיסטען ווערען פלוצלונג פאַרטיידיגער פון דער מלוכה, פּרינציפּיעלע אַנטימיליטאַריסטען רופען צו באַפעסטיגען די ארמיי אויפ׳ן פראָנט און צו שלאָגען זיך מיט אַלע כחות געגען דייטש. אַלטע סאָציאַל־דעמאָקראַטען זיינען גרייט צו לעבען בשלום מיט די בורזשואַזע

פּאַרטייען, כּדי צו ראַטעווען די רעוואָלוציע פון די געפאַהרען, מיט וועלכע זי איז אַרומגערינגעלט.

אָבער לענינ'ען זיינען אָט די אַלע שטימונגען פרעמד. ניט דערפאַר, ווייל ער איז גלייכגילטיג צו רוסלאַנד און איהם געהט ניט אָן איהר שיקזאַל. ניין, אָבער ער האָט אין זינען ניט די רעטונג פון דעם פאָטערלאַנד, נאָר די רעטונג פון דער גאַנצער וועלט; ניט די נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע, נאָר די אינטערנאַציאָנאַלע; ניט די פּאָליטישע רעוואָלוציע, נאָר די סאָציאַלע, וואָס קאָן זיך אויף איין לאַנד ניט אָפּשטעלען. זיין פאָטערלאַנד איז בלויז דער ערשטער שטיץ־פּונקט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס דאַרף זיך פאַרשפּרייטען איבער דער וועלט, איהר ערשטער אַוואַנגאַרד, און אויב דער אַוואַנגאַרד מוז אפילו ליידען פאַרלוסטען אין קאַמף איז עס זיין פליכט און פּריווילעגיע.

אמת, דער צאַריזם אין רוסלאַנד איז אָפּגעשאַפט. אמת, די פּראָוויזאָרישע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג איז אין ווערטער גאַנץ ראַדיקאַל, און זאָגט צו צו פאַרווירקליכען די גאַנצע מינימום־פּראָגראַם פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אָבער האָט דען לענין נאָך אין יאָהר 1905 ניט געשריבען:

„ס'וועט קומען די צייט, ווען דער קאַמף געגען דעם אַבסאָלוטיזם וועט פאַרענדיגט ווערען. . . . ד ע מ אָ ל ט ו ו ע ל ע ן מ י ר ש ו י ן מ ו ז ע ן ט ר אַ כ ט ע ן ו ו ע ג ע ן ד ע ר ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ר ד י ק ט אַ ט ו ר פ ו ן פּ ר אָ ל ע־ ט אַ ר י אַ ט". און ווייטער: „מיר דאַרפען זיך ניט שרעקען פאַר דעם ענדגילטיגען נצחון פון דער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע בעת דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע פון די פּויערים און אַרבייטער, ווייל אַזא נצחון וועט אונז געבען די מעגליכקייט אויפצוהויבען אייראָפּע און דער סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט פון מערב, נאָכדעם ווי ער וועט אַראָפּוואַרפען דעם יאָך פון זיין בורזשואַזיע, וועט פון זיין זייט העלפען אונז דורכפיהרען אַ „סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע". און ווען איז דען געווען אַ בעסערע מעגליכקייטען אָנצוהויבען אין רוסלאַנד אַ באַוועגונג פאַר דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, ווי אין דער צייט, ווען די אַרמיי, וואָס באַשטעהט פון פּויערים און אַרבייטער איז רעוואָלוציאָנער גע־

שטימט און איראָפּע איז צוליעב דער מלחמה מיט טויזענטער בלוט־פּעדים פאַרבונדען מיט רוסלאַנד?

לענין איילט זיך דעריבער אין רוסלאַנד מיט אַ באַשטימטען פּלאַן: וואָס גיכער פאַרוואַנדלען די דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע אין אַ סאָציאַליסטישער, די פּאָליטישע רעוואָלוציע אין אַ סאָציאַלער.

אָבער דער וועג אַהיים איז ניט גרינג. פראַנקרייך און ענגלאַנד לאָזען איהם ניט דורך. פאַר זיי איז שוין די דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע, וואָס איז פאַרגעקומען אין רוסלאַנד, אויך צו ראַדיקאַל. מען דאַרף געפינען אַן אַנדער וועג אַהיים. און לענין געפינט איהם: מיט דער הילף פון אייניגע טוער פון דער שווייצערישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע באַקומט ער פון דער דייטשער רעגירונג אַן ערלויבניש אומצוקעהרען זיך אַהיים דורך דייטשלאַנד אין אַ „פאַר'חתמ'עטען וואַגאָן". אינאיינעם מיט איהם קעהרען זיך אום אַהיים הונדערטער אַנדערע, מעסיגע סאָציאַליסטען, ווי מאַרטאָוו, טשערנאָוו און אַנדערע, וואָס שטעהען נאָך רעכטער פון זיי.

די געגנער פון באָלשעוויזם האָבען דערנאָך געמאַכט אַ גאַנצען טומעל אַרום דעם. לענין מיט זיינע חברים האָבען באַקומען אַן ערלויבניש אומצוקעהרען זיך דורך דייטשלאַנד, הייסט עס אַז זיי זיינען דייטשע אַגענטען, וואָס זיינען געקומען ספּעציעל מיט'ן צוועק חרוב צו מאַכען רוסלאַנד...

עס איז, פאַרשטעהט זיך, קיין צווייפעל ניט, אַז די דייטשע רעגירונג האָט דורכגעלאָזען לענינ'ען קיין רוסלאַנד דורך דייטשלאַנד ניט דערפאַר, ווייל זי האָט מיטגעפיהלט מיט דער רוסישער רעוואָלוציע און נאָך ווייניגער דערפאַר, ווייל זי האָט סימפּאַטיזירט מיט'ן באָלשעוויזם. ווי מיר ווייסען איצט, האָט זי די ערלויבניש געגעבען אַ דאַנק די באַמיהונגען פון דעם פּראָוואָקאַטאָר פּאַרוואוס'ן, וועלכער האָט באַוויזען דעם דייטשען גענעראַל־שטאַב, אַז לענין וועט מיט דעם קאַמף, וואָס ער האָט אויפגעהויבען אין רוסלאַנד, אָפּשוואַכען די צייטווייליגע רעגירונג און פאָלגליך אויך רוסלאַנד'ס קאַמף־פעהיגקייט אויפ'ן פראָנט. אָבער וואָס איז דאָס אָנגעגאַנגען לענינ'ען, וועלכער האָט געלעגט אַלע זיינע האָפנונגען

ניט אויף די נצחונות פון די ארמייען אויפ׳ן אויסערליכען פראָנט, נאָר אויף דעם זיעג פון דעם פראָלעטאריאט אויף די אינוועניג־סטע פראָנטען? וואָס האָט איהם געקאָנט אָנגעהן דער צייט־ווייליגער געווינס פון דער דייטשער מיליטערישער קליקע, ווען ער איז זיכער געווען, אז אויך אין דייטשלאנד וועט אומפארמיידליך מוזען אויסברעכען א סאָציאַלע רעוואָלוציע אלס רעזולטאט פון דער מלחמה, סאי אין פאל פון א נצחון, סאי אין פאל פון א מפלה?

לענין האָט אויסגענוצט די דייטשע ערלויבניש און איז דעם 4טען אפריל 1917 צוריקגעקומען קיין רוסלאנד, קיין פעטערבורג. שוין אין א פאָר טעג ארום טרעט ער ארויס אין פעטערבורגער ארבייטער־ראט מיט א רעדע, אין וועלכער ער ענטוויקעלט זיינע „טעזיסען" פון א סאָציאליסטישער דיקטאטור, וואָס דארף פאר־בייטען די צייטווייליגע דעמאָקראטישע רעגירונג; ער פאָדערט א באלדיגען שלום אויף די פראָנטען, א שלום אָהן אנעקסיעס און קאָנטריבוציעס; ער פאָדערט אז רוסלאנד זאָל אויף זיך נעהמען די איניציאטיוו פון שלום און דערמיט שטעלען איהרע פארבינ־דעטע, די אימפעריאליסטישע רעגירונגען פון דער אנטאנט, פאר א געשעהענעם פאקט.

די כוואליע פון די סאָציאל־פאטריאָטישע שטימונגען, פאר־שטארקט דורך די ערשט אָפּגעהאלטענע ערפאָלגען פון דער רע־וואָלוציע, שטעהט נאָך אָבער זעהר הויך אין רוסלאנד. לענין׳ס ערשטע רעדע אין ארבייטער־ראט איז כמעט א דורכפאל. עס טרעטען געגען איהם שארף ארויס ניט נאָר די מענשעוויקעס און ס. ר.׳ן, נאָר אפילו זיינע אייגענע חברים, זיינע שפּעטערדיגע נאָהענטע מיטארבייטער, ווי סטעקלאָוו, וועלכע אטאקירען איהם אלס פאנטאזיאָר, וואָס וויל אומגליקליך מאכען רוסלאנד.

לענין פאלט אָבער ביי זיך ניט אראָפּ און ווענדעט זיך דירעקט צו די ארבייטער. מיט יעדען טאָג פון דער עקזיסטענץ פון דער צייטווייליגער רעגירונג איז די שטימונג פון די ארבייטער געוואָרען אלץ ערגער און אגרעסיווער. מען האָט געגעבען די ארבייטער די פרייהייט צו ריידען און צו אָרגאניזירען זיך ווי זיי

ווילען, אָבער די רעזולטאַטען פון דער פרייהייט האָבען זיי ניט געזעהן. די אַלטע בורזשואַזע אָרדנונג איז געבליבען, זי איז פאַקטיש נאָך באַפעסטיגט געוואָרען אונטער דעם נייעם רעזשים. סטרייקס און לאָקאַוטס זיינען פאָרגעקומען ווי פריהער. דער יקרות איז געוואַקסען. די בלוט־פאַרגיסונגען אויפ'ן פראָנט האָבען ווייטער אָנגעהאַלטען. די באַלעבאַטים זיינען געבליבען באַלעבאַטים ווי פריהער און אויף יעדער פאָדערונג פון די פויערים און די אַרבייטער וועגען אַ ראַדיקאַלער פארבעסערונג פון זייער לאַגע פלעגט די רעגירונג ענטפערן: „מיר האָבען ניט דאָס רעכט צו טאָן עפּעס, וואַרט אויף דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג". ביי די רוסישע אַרבייטער און פויערים האָט זיך דעמאָלט אויסגעאַרבייט אַ ווערטעל, וואָס האָט אַמבעסטען כאַראַקטעריזירט די געשאַפענע לאַגע: „מען האָט דיר געגעבען פרייהייט פון וואָרט, טאָ שווייג, וואָס דאַרפסטו נאָך מעהר!"...

לענין מיט זיינע חברים האָבען גענומען אויסנוצען אָט די שטימונג פון די אַרבייטער אין לאַנד און אויפ'ן פראָנט. איהם צו הילף איז געקומען דער אויסערן־מיניסטער פון דער צייט־ווייליגער רעגירונג, דער פיהרער פון די קאַדעטען, פּראָפעסאָר פּאַוועל מיליוקאָוו, וועלכער איז פּלוצלונג ארויס מיט אַן ערקלעהרונג, אַז דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד וויל זיך ניט אָפּזאָגען פון דער פאָדערונג פון דער צאַרישער רעגירונג, אַז עס מוז באַקומען אַלס פּרייז פון דער מלחמה קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיט די דאַרדאַנעלען. די דאָזיגע ערקלעהרונג מיליוקאָוו'ס, געמאַכט נאָכדעם ווי דער צענטראַלער אויספיהר־קאָמיטעט פון די אַרבייטער־ראַטען האָט אויסדריקליך אָנגענומען דעם באַשלוס צו פאָדערען „שלום אָהן אַנעקסיעס און קאָנטריבוציעס", האָט צוגעגאָסען בוימעל אויפ'ן פייער. לענין נוצט עס געשיקט אויס אין זיין פּראָפּאַגאַנדע פון „האָס, פאַראַכטונג און אומצוטרוי" צו דער צייטווייליגער רעגירונג. טאָג איין, טאָג אויס וואַרפט ער אין די אַרבייטער־ און סאָלדאַטען־מאַסען דעם לאָזונג: „די קאַפּיטאַליסטישע מיניסטאָרען מוזען ארויס פון דער רעגירונג, ווייל זיי דערלאָזען ניט צו קיין שלום". דער לאָזונג האָט אַן ערפאָלג, די צאָהל פון די באָלשעוויסטישע דעלעגאַטען אין די אַרבייטער־ראַטען וואַקסט שנעל

און לעניז הויבט אָן ווערען אַן ענטשיידענדע פיגור אין די גע־שעהענישען.

אין מאַי 1917 צווינגען די גרויסע ארבייטער־דעמאָנסטראַ־ציעס, אַז מיליוקאָוו זאָל פאַרלאָזען די ציטווייליגע רעגירונג. דעם 3טען—5טען יולי קומט פאָר דער ערשטער ארויסטריט פון דעם פעטראָגראַדער פראָלעטאַריאַט, — דער ערשטער באָלשעוויס־טישער אויפשטאַנד, ווי מען האָט עס דעמאָלט גערופען, — אונ־טער'ן לאָזונג „נידער מיט די קאַפּיטאַליסטישע מיניסטאָרען!" דער אויפשטאַנד פאַלט אָבער דורך און ווערט דערשטיקט אין בלוט. די פּראָוויזאָרישע רעגירונג גיט ארויס א באַפעהל צו אַרעסטירען די אָרגאַניזאַטאָרען פון דעם אויפשטאַנד. עס הויבט זיך אָן אין פעטראָגראַד און איבער גאַנץ רוסלאַנד א געיעג אויף באָלשע־וויקעס. זייערע אָרגאַניזאַציעס ווערען צושטערט, זייערע צייטונ־גען ווערען פארמאַכט, די רעגירונג־אָרגאַנען הויבען אָן א גרויסע פאַרליימדונג־אַגיטאַציע געגען לענינען, באַשולדיגענדיג איהם אַז ער איז א דייטשער אַגענט. לענין און זיינע נאָהענטע חברים מוזען זיך באַהאַלטען כדי אויסצומיידען אַן ארעסט, וואָס האָט זיך געקאָנט ביי די דעמאָלטיגע אומשטענדען ענדיגען פאַר איהם מיט'ן טויט. לענין'ס שונאים האָבען גע'טענה'ט, אַז ער איז אנטלאָפען קיין אויסלאַנד. ס'איז אָבער א פאַקט, אַז ער איז פארבליבען אין פעטראָגראַד און זיך באַהאַלטען אין די ארבייטער־קוואַרטאַלען. די רעגירונג האָט עס געוואוסט און געפיהלט לויט די רעזול־טאַטען פון זיין קאָנספּיראַטיווער טעטיגקייט, אָבער געפינען האָט זי איהם ניט געקאָנט, ווייל די ארבייטער האָבען איהם ניט ארויס־געגעבען. שוין דעמאָלט איז ער געווען דער פּאָפּולערסטער און באַליעבטעסטער צווישען אַלע אַרבייטער־פיהרער אין רוסלאַנד.

באַהאַלטענערהייט האָט ער געוואוינט אין אַן אָרימער אַר־בייטער־דירה אויף מאָיקע. פון דאָרטען, דורכ'ן פענסטער אָדער פון בוידעם האָט ער נאָכגעקוקט די געשעהענישען, פלעגט זיך אָפט צוהערען וועגען וואָס עס ריידען די פאַרבייגעהענדע ארבייטער און געפּרואווט זיך אויפכאַפּען זייערע גרונד־שטימונגען. דאָרטען שמידט ער אויך אויס און ווארפט אין די ארבייטער און פויערים־מאַסען דעם נייעם לאָזונג: „די גאַנצע מאַכט די סאָוויעטען",

דאָס הייסט אַז די סאָוויעטען זאָלען איבערנעהמען די גאַנצע רעגירונגס־מאַכט אין זייערע הענט. אין דערזעלביגער צייט גרייט ער אויף צו דורך זיינע חברים דעם אַפּאַראַט פון דעם קומענדיגען נייעם אויפשטאנד, פון דער נייער רעגירונג־פאָרם, גרייט זיינע נייע טעזיסען וועגען דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע און ארבייט אויף זיין בוך: „די מלוכה און די רעוואָלוציע". דעם דאָזיגען בוך איז איהם ניט געלונגען אינגאַנצען צו פאַרענדיגען. עס האָט אויסגעבראָכען די צווייטע, די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וועלכע האָט איבערגעגעבען „די גאַנצע מאַכט די סאָוויעטען". לענין געהט ווידער ארויס פון זיין באהעלטעניש, און אין דער פאָררעדע צו זיין ניט געענדיגטען בוך זאָגט ער:

„פון דעם קאַפּיטעל „וועגען דער ערפאַהרונג פון די רוסישע רעוואָלוציעס אין די יאָהרען 1905 און 1917" האָב איך באַוויזען אָנצושרייבען נאָר דאָס קעפּעל און מעהר קיין שורה ניט, ווייל ס'האָט „געשטערט" דער פּאָליטישער קריזיס, ער דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע פון 1917. אָבער איבער אזא „שטערונג" קאָן מען זיך בלויז פרעהען... ס'איז אַנגענעהמער און ניצליכער דורכצומאַכען די ערפאהרונג פון דער רעוואָלוציע, איידער צו שרייבען וועגען איהר"...

10. לענין דער פיהרער.

דערצעהלען די פּרטים פון לענין'ס לעבען אין די יאָהרען 1917—1920 איז אַ זעהר לייכטע און אַ זעהר שווערע זאַך. פון איין זייט דערהויבט איהם די ערפאָלגרייכע באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע פון אָקטאָבער 1917 אויפ'ן סאַמע שפּיץ פון די וועלט־געשעהענישען, זי שטעלט איהם אַוועק, אזוי צו זאָגען, אין צענטער פון דער וועלט. זי ציהט צו אַן אַלגעמיינעם אינטערעס צו זיין פּערזענליכקייט, יעדער שריט זיינער ווערט אָפּגעהיט און אויפגעפּאַסט, גאַנצע ביכער ווערען געשריבען וועגען איהם סאי פון זיינע פריינד און פאַרעהרער, סאי פון זיינע שונאים און פאַרלוימדער. מען קאָן זאָגען, אַז קיין שום פּערזענליכקייט אין דער גאַנצער נייעסטער וועלט־געשיכטע און קיין שום רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסט אודאי

ניט, האָט ניט אַרויסגערופען צו זיך אַזאַ גרויסען אינטערעס ביי זיין לעבען ווי לענין פאַר די לעצטע דריי יאָהר.

אָבער פון דער אַנדער זייט איז שרייבען לענין׳ס ביאָגראַפיע פאַר די לעצטע דריי יאָהר איינע פון די שווערסטע זאַכען, ווייל יעדער שטריך פון זיין לעבען, יעדער שריט זיינער איז אויפ׳ן ענגסטען אופן צוזאַמענגעפלאָכטען מיט דער ענטוויקלונג און מיט די געשעהענישען פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע ניט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד. דעם האַס און די ליעבע צו לענין׳ן, דער שאַס אין איהם און דעם רויטען טעראָר, מיט וועלכען די רוסישע אַרבייטער האָבען געענטפערט אויף דעם שאָס, לענין׳ס ראַדיקאַליזם אַלס טעאָרעטיקער און זיין „אָפּאָרטוניזם“*), לענין׳ס שטעלונג צום בריסקער שלום און זיין שטעלונג צו דער אַנטאַנט, — די אַלע זאַכען, זאָג איך, איז שווער, אָפּט אוממעגליך צו פאַרשטעהן, ווען מען זאָל ניט האָבען פאַר די אויגען די גאַנצע געשיכטע פון דער סאָוועטען־מאַכט און פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד פאַר די לעצטע דריי יאָהר. און שרייבען די אַלגעמיינע פּאָליטישע און סאָציאַלע געשיכטע פון די לעצטע דריי יאָהר איז נאָך ניט געקומען די צייט.

נאָך שווערער איז צו שרייבען לענין׳ס ביאָגראַפיע אין די לעצטע דריי יאָהר, ווייל די אויסערליכע געשעהענישען פון זיין לעבען (אויסער דעם אַטענטאַט אויף איהם אין אויגוסט 1918) זיינען זעהר בלאַס אין פאַרגלייך מיט דער טומעלדיגער עפּאָכע אין וועלכער מיר לעבען, אין פאַרגלייך מיט דער גוואַלדיגער איבערקעהרעניש, וואָס לענין שטעהט בראש פון איהר. ווייל לענין איז ניט קיין העלד אין דעם פּאָפּולערען זין פון וואָרט. ער איז אַ קאַבינעט־מענש, אַ דענקער, אַ פּאָליטיקער, אָבער ניט קיין קעמפער אויף די באַריקאַדען. אין זיין ביאָגראַפיע קאָן מען ניט געפינען כמעט קיין איין שטריך, וואָס זאָל אויסזעהן העלדיש, ראָמאַנטיש. ווען דעם צאַר׳ס רעגירונג האָט איהם אַרעסטירט אין יאָהר 1895, איז

---

*) „אונזער אַלטער ליעבער אָפּאָרטוניסט“, האָט איהם בוכאַרין אָנגערופען אויפ׳ן דריטען קאָמוניסטישען צוזאַמענפאָהר אין מאָסקווע, אין אַפּריל 1919.

ער אָפּגעווען זיין טערמין אין סיביר און אַוועק פון דאָרטען אויף אַ פּשוט'ען ניט־ראָמאַנטישען אופן. גערשוני און טראָצקי, און אפילו סטעקלאָוו האָבען עס געמאַכט פיעל ראָמאַנטישער ווען זיי זיינען אנטלאָפען פון סיביר. ווען די עסטרייכישע רעגירונג האָט אַרעס־טירט לענין'ן אין יאָהר 1914, האָט ער זיך באַפרייט אויך אויף אַ זעהר ניט־ראָמאַנטישען אופן: פּשוט אַ דאַנק דער השתדלות פון דער עסטרייכישער סאָצ.־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. וועגען דעם, ווי ער האָט זיך אומגעקעהרט קיין רוסלאַנד נאָך דער מאַרט־רעוואָ־לוציע פון יאָהר 1917, איז דאָך אודאי שוין ניטאָ וואָס צו רעדען: וואָס פאַר אַ שעהנקייט און ראָמאַנטיזם קאָן מען זוכען אין דער רייזע אין אַ פאַר'חתמ'עטען וואַגאָן דורך דייטשלאַנד? און ווען קערענסקי האָט איהם געוואָלט אַרעסטירען נאָך דעם באָלשעוויס־טישען אויפשטאַנד אין פּעטראָגראַד פון יולי 1917, האָט ער זיך פּשוט באַהאַלטען, — און גאָר געפינען אין דעם סמנים פון אַ וועלכען עס איז ראָמאַנטיזם! די גאַנצע צייט פון דער רעוואָלוציע זיצט ער אין זיין קאַבינעט, שרייבט ביכער און „טעזיסען", באַטייליגט זיך אין זעהר פּראָזאַאישע זיצונגען און האָט אינגאַנצען ניט די גאָטס מתנה פון דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער פּראָזע, וואָס מאַכט רעוואָלוציאָנערען פאַר פאָלקס־טריבונען. ראָבעספּיער'ס, דאַנטאָנ'ס, פּרודאָן'ס, לאַסאַל'ס, זשאָרעס' און אפילו קאַרל ליבקנעכט'ס דרשות האָבען פון קינסטלערישען שטאַנדפּונקט אַ סך אַ גרעסערען ווערט ווי לענין'ס טרוקענע, פּראָזאַאישע אַרויסטרעטונגען.

מען דאַרף דאָך באמת ניט האָבען אין זיך קיין שום פונק פון רעוואָלוציאָנערען ראָמאַנטיזם, כדי אָנצוהויבען אַ דרשה אַזוי ווי לענין האָט זי אָנגעהויבען באַלד נאָכדעם, ווי קערענסקי'ס רעגי־רונג איז באַזיגט געוואָרען און לענין, בראש פון דעם ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרען האָט אין אָנהויב נאָיאַבער 1917, געעפענט די ערשטע זיצונג פון דער סאָוועט־רעגירונג אין סמאָלני אינסטי־טוט אין פּעטערבורג, מיט אַזעלכע ווערטער:

„און איצט חברים, לאָמיר איבערגעהן צום טאָג־סדר".

מען דאַרף זיין אינגאַנצען באַרויבט פון יעדען ברעקעל רע־וואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק, כדי אָנצוהויבען די ערשטע טעלעגראַמע, וואָס ער שיקט צום פּעטערבורגער אַרבייטער־ראַט נאָכדעם ווי ער

האָט זיך אויפגעהערט צו ראַנגלען מיט'ן טויט נאָך דעם שאָס פון אויגוסט 1918 מיט די ווערטער: „די געשעפטען אויפ'ן פראָנט געהען גוט, איך צווייפעל ניט אז אויף ווייטער וועלען זיי געהן נאָך בעסער"...

און אויב לענין איז פאַרט די אינטערעסאַנטעסטע פיגור אין דער רוסישער רעוואָלוציע איז דאָס ניט צוליעב זיינע אויסערליכע אייגענשאַפטען, נאָר צוליעב דער רעוואָלוציע גופא און צוליעב זיינע אינערליכע מעלות: דעם פעסטען ווילען און טיפען גלויבען אין דער גרעסטער און געפעהרליכסטער פון אַלע רעוואָלוציס, וואָס זיי־נען ווען עס איז פאָרגעקומען.

די אויסערליכע מאָמענטען פון לענין'ס לעבען זינט אָקטאָבער־נאיאבער 1917, זיינען פאָלגענדע: אין נאיאבער 1917 ווערט ער דער פאָרזיצענדער פון דער סאָוויעט־רעגירונג אין רוסלאנד; אין דעצעמבער פיהרט ער אויס, אז די סאָוועט־רעגירונג זאָל שליסען א וואפענשטילשטאנד מיט דייטשלאנד; אין פעווראל 1918 צווינגט ער די רעגירונג, קעגען דער אָפּאָזיציע פון זיינע נאָהענטסטע פריינד און חברים אָנצונעהמען דעם „שענדליכען בריסקער שלום", וועלכען ער באטראכט בלויז אל „פערעדישקע", א מעגליכקייט פאר דער סאָוועט־רוסלאנד איבערצוכאפּען דעם אָטעם ביז דער סאָציאַליס־טישער רעוואָלוציע, וואָס וועט זיך, לויט זיין חשבון, אין גיכען אָנ־הויבען אין דייטשלאנד און דערנאָך אין גאנץ אייראָפּא; אין מארט 1918 ווערט ער אויסגעקליבען אַלס פאָרזיצענדער פון דעם „דריי־טען קאָמוניסטישען אינטערנאציאָנאַל" אין מאָסקווע; אין אויגוסט 1918 ווערט ער געשאָסען אין מאָסקווע פון דער רעכטער סאָציאַליסטין - רעוואָלוציאָנערין, דאָרא קאפּלאן; אין דעקאבער 1918, ווען ער ווערט אינגאנצען געזונט, הויבט ער אָן צו קעמפען נעגען דעם „רויטען טעראָר" וואָס האָט זיך פארשפרייט איבער רוסלאנד אַלס ענטפער אויף דעם אַטענטאט קעגען איהם; דער יאָהר 1919 געהט ביי איהם אוועק אויף די גרעסטע באמיהונגען איינצושטעלען אַן אינערליכען און אויסערליכען פרידען אין סאָוויעט־רוסלאנד.

און אין דערזעלבער צייט וואקסט זיין פּאָפּולאַריטעט אומגע־הייער. ער ווערט די אנגעזעהענסטע און פּאָפּולערסטע פיגור אין

דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער וועלט. וועגען דעם ווי מען באַציהט זיך צו איהם אין רוסלאַנד, וואו ער איז דער אמת׳ער דיקטאַטאָר מיט׳ן ווילען פון גאַנצען ארבייטער־פאָלק איז איבעריג דאָ צו דערצעהלען. אָבער אויך אין אויסלאַנד וואַקסט זיין פּאָפּולאַריטעט אומגעהייער. אין איטאַליען לאָזט די סאָציאַליסטישע צייטונג „אַוואַנטי" אַרויס א בראָנז־מעדאַל מיט לעניןָ׳ס פּאָרטרעט און מיט דער אויפשריפט: „עקס אָריענטע לוקס" („די ליכט קומט פון מזרח"), און טויזענדער פּראָלעטאַרישע קינדער, וואָס ווערען איצט געבאָרען אין איטאַליען, באַקומען לעניןָ׳ס נאָמען; אין דייטשלאַנד ווערט לעניןָ באַטראַכט אַלס דער אמת׳ער פיהרער פון דער העלדישער ספּאַרטאַקיסטישער באַוועגונג, און זיין אויטאָריטעט דאָרטען דערגעהט אַזוי ווייט, אַז דער אָפיציעלער אָרגאַן פון די בערלינער ספּאַרטאַקיסטען, „די רויטע פאָהן" שרייבט אין דעקאַבער 1919: „נאַכדעם ווי לעניןָ האָט זיך אַרויסגעזאָגט מכח דער פראַגע (מכח דעם אנטייל פון קאָמוניסטען אין פּאַרלאַמענטאַרישע וואַהל־קאַמפּאַניעס) קאָן שוין קיין שום פאַרניפטיגער מענש ניט האָבען קיין אנדער מיינונג וועגען דעם". דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער פראַנצויזישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דער גאַנץ מעסיגער „הומאַניטע", וואָס ווערט אַליין אומאויפהערליך אַטאַקירט פון לעניןָ׳ען, כאַראַקטעריזירט לעניןָ׳ען אַלס זשעני, אַלס שאַפענדען פילאָזאָפישען גייסט און איז באַגייסטערט פון „דער שאַרפקייט פון זיין אויג" און פון דעם „וואונדערליכען גייסט פון דעם דאָזיגען גרויסען רעוואָלוציאָנערען שטאַאטסמאַן". אַפילו בורזשואַזע ענגלישע שרייבער, ווי וויליאַמס, אַרטהור רענסאַם, ראָבינס, פּראָפעסאָר גוד און לינקאָלן איירי דריקען אויס זייער באַגייסטערונג פאַר לעניןָ׳ס פערזענליכקייט, און אַרטהור רענסאַם שרייבט אַפילו, אַז ניט קוקענדיג אויף אַלע פאַרלוימדונגען קעגען דער רוסישער רעוואָלוציע וועט „לעניןָ׳ס בילד פאַרבלייבען אין דער געשיכטע ריין און ווייס ווי די שנעען פון רוסלאַנד".

פון וואַנען נעהמט זיך אָט די גרויסע ווירקונג פון לעניןָ׳ען אַפילו אויף מענשען וואָס ווייסען ווייניג וועגען רוסלאַנד און זיינען אָדער גלייכגילטיג, אָדער שאַרף קעגען דער קאָמוניסטישער באַוועגונג? די ווירקונג ליגט געווים אין דער מאַכט פון זיין פערזענליכ־

קייט, א פערזענליכקייט וואָס האָט דעם כח פון א נביא אָנצו־
שטעקען די ארומיגע מיט זיין שטארקען גלויבען.

אָט וואָס עס דערצעהלט וועגען לענין'ען און זיין ווירקונג מ.
לאנדוי־אלדאנאוו, א שארפער און פארביטערטער געגנער און פאר־
לוימדער פון לענין'ען און פון באָלשעוויזם *):

„לענין איז א גרויסער קענער פון המון. ער איז אָהן צווייפעל
אן ערשט־קלאסיגער געבאָרענער פאָלקס־פיהרער. איך האָב פיעל
מאָל געהאט די געלעגענהייט צו באָאבאכטען די גרויסע ווירקונג
וואָס ער האָט אויף מענשען, אָפטמאָל אפילו אויף אזעלכע, וואָס האָ־
בען לויט זייער טעמפעראמענט, לויט זייערע מיינונגען און סאָציא־
לער שטעלונג ניט געדארפט אזוי לייכט ארונטערפאלען אונטער דער
ווירקונג פון דעם דאָזיגען באָלשעוויסטישען אגיטאטאָר. איך וועל
זיך ערלויבען צו ברייגנען א פאָר ביישפיעלען, וואָס האָבען מיך
באזונדערס איבערראשט. די ביידע ביישפיעלען נעם איך פון דער
צייט פון דעם ערשטען נצחון פון באָלשעוויזם אין יאָהר 1917,
אָבער זיי זיינען אבסאָלוט פארשיידען לויט דער נאטור פון די,
וואָס זיינען אונטערגעפאלען אונטער דער ווירקונג פון לענין'ס
פערזענליכקייט.

„אין ערשטען פאל איז דאָס געווען א פאבריק־ארבייטער אין
פעטראָגראד, א מאן פון א יאָהר פופציג, א האָרעפּאשניק, א פא־
טער פון א פאמיליע, א מענש א רוהיגער, א ווייניג געבילדעטער
און זעהר אן עהרליכער. ער האָט זיך גערעכענט פאר א סאָ־
ציאליסט־רעוואָלוציאָנער. די פאבריק, אין וועלכער ער האָט געאר־
בייט איז געווען אן „אָפּגעשטאנענע", די ארבייטער זיינען דאָרט
געווען ס'רוב פויערים, ס'רוב פון זיי האָט אפילו גאָר ניט געהאט
קיין פּאָליטישע איבערצייגונגען, נאָר אלע האָבען זיך צוגערעכענט
צו סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען אָדער מענשעוויקעס, ווייל דאָס
זיינען געווען די מעסיגסטע פארטייען, צו וועלכע א זעלבסט־אכטענ־
דיגער ארבייטער האָט געקאָנט געהערען. נאָך דער באָלשעוויסטי־
שער איבערקערעניש האָבען די ארבייטער פון דער פאבריק צונויפ־

---

*) „לענין", פון מ. לאנדוי־אלדאנאָוו, א בוך אין פראנצויזיש,
וואָס איז ארויס אין פאריז אין יאָהר 1919.

גערופן אַ מיטינג און האָבן ערקלערט אַז „זיי שליסן זיך אָן אָן דעם נייעם רעזשים". דער ארבייטער, וועגן וועלכן איך האָב אויבן־גערעדט איז באַפּאָלמעכטיגט געוואָרן איבערצוגעבן די רעזאָלוציע לענין'ען. לענין האָט איהם תיכף אויפגענומען, — אַ זאַך וועלכע דער דערמאָנטער ארבייטער האָט געווים ווייניג ער־וואַרט. דער אַלטער דעמאַגאָג (דאָס הייסט לענין, מ. כ.) וועלכער האָט צוליעב „פּעהלען פון צייט" אָפּגעזאָגט זיך אויפצונעהמען אויסלענדישע מיניסטאָרען, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט אויפצונע־מען אַפילו דעם גראַף מירבאַך, דעם אַלמעכטיגען אמבאסאדאָר פון דעם דעמאָלט אַלמעכטיגען דייטשלאַנד... האָט תיכף אויפגענומען דעם אומבאַקאַנטען ארבייטער, וואָס האָט איהם געבראַכט די רעזאָ־לוציע פון דער קליינער אומבאַדייטענדער פאַבריק... און איך האָב געזעהן דעם דאָזיגען ארבייטער שפּעטער, אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט זיך אומגעקעהרט פון לענין'ען. ס'איז געווען גאָר אַן אַנדער מענש, גאָר ניט צו דערקענען. אַ רוהיגער און מיושב'דיגער אין געוועהנליכע צייטען האָט ער איצט גערעדט אַזוי ווי אַ נייער גייסט וואָלט אין איהם אריין: „אָט דאָס איז אַ מענש, — האָט ער גערעדט, — אָט דאָס איז אַ מענש פאַר וועלכען איך בין גרייט אוועקצוגעבען מיין לעבען! איצטער, אַז מיר האָבען איהם וועט זיך אָנהויבען גאָר אַ נײ לעבען!... אה, ווען מיר וואָלטען געהאַט אַזאַ צאַר, ווי ער, מען וואָלט דאַך גאָר קיין רעוואָלוציע ניט גענויטיגט האָבען!"...

די לעצטע פראַזע האָט אפשר ה' לאַנדוי־אַלדאַנאָוו אַליין אויסגעטראַכט, ווייל עס לעגט זיך וועניג אויפ'ן שכל, אַז אַן אַלטער פאַבריק־ארבייטער, מעג זיין פון פריהער אַפילו אַ מעסיגער סאָציאַ־ליסט־רעוואָלוציאָנער, זאָל אין אַזאַ צייט בײנקען נאָך אַ „גוטען צאַר". אָבער דער פאַקט בכלל איז זעהר אַ כאַראַקטעריסטישער, — און נאָך כאַראַקטעריסטישער איז אַ צווייטע געשיכטע, וואָס דער־זעלביגער ה' לאַנדוי־אַלדאַנאָוו דערצעהלט:

עס איז געווען אַ יונגער מאַן פון אַ יאָהר צוואַנציג, אַ זוהן פון אַ זעהר רייכער געבילדעטער פאַמיליע, זעהר אַן אינטעליגענטער און געבילדעטער, פון אַ זעהר קאָמפּליצירטער און אײדעלער נאַטור, אַ טאַלענטפאָלער פּאָעט, אַ שילער פון דער פּאָליטעכנישער שולע,

און לעצטענס פון דער שולע פאר אָפיצירען־ארטילעריסטען. אין דער נאכט נאָך דעם באָלשעוויסטישען אויפשטאנד האָט ער זיך צופעליג געפונען אין זאל פון סמאָלני אינסטיטוט, וואו לענין האָט זיך עפענטליך באוויזען צום ערשטען מאָל נאָך דעם דורכפאל פון דעם באָלשעוויסטישען אויפשטאנד פון חודש יולי. אבער ניט טראָצקי און ניט די אנדערע רעדנער האָבען אויף דעם יונגען־מאַן ניט געמאכט קיין שום איינדרוק. פארקעהרט, לענין, וועלכען דער עולם האָט אויפגענומען מיט אַן אָוואציע, האָט אויף איהם געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק:

„ער האָט ניט געהאלטען, — האָט ער מיר דערנאָך דערצעהלט, — קיין פאָליטישע דרשה; ס'איז געווען אַן אויסגעשריי פון דער נשמה פון א מענשען, וואָס האָט דרייסיג יאָהר געוואַרט אויף דעם מאָמענט. איך האָב געגלויבט, אַז איך הער דעם קול פון זשיראָלאמא סאַוואָנאַראָלאָ"... *)

דער דאָזיגער יונגערמאַן, וואָס איז אַזוי באגייסטערט געוואָרען פון לענינ'ען, איז געווען ניט קיין אַנדערער, ווי לעאָניד קאַנעגיסער, דער פעטערבורגער סטודענט, דער סאָציאָליסט־רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט אין 8 חדשים ארום לויט דעם באפעהל פון זיין פארטיי דערשאָסען דעם באָלשעוויק אוריצקי'ן און איז דערפאר פאר'משפט געוואָרען צום טויט...

צום שלום נאָך א כאראקטעריסטישען ביישפיעל פון דעם ווי לענין קאָן קוקען אין די אויגען דער גרעסטער געפאַהר און ווי ער קאָן אפילו אין דער לעצטער מינוט איינגאנצען איבעראַנדערשען די שטימונגען פון די מאסען. דעם פאַקט דערצעהלט רייםאָנד ראָבינס, דער אָפיציעלער פארטרעטער פון אמעריקאנישען רויטען־קרייץ אין רוסלאנד, וואָס האָט שוין נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקעהרעניש דערפיהלט א גרויסע פערזענליכע פריינדשאפט און צוגעבונדענקייט צו לענינ'ען.

דאָס איז געווען אין פעטערבורג, אין א טאָג, ווען די דייד

*) דזשיראָלאמאָ סאַוואָנאַראָלאָ איז געווען א באריהמטער רעליגיעזער רעפאָרמער פון מיטעלאלטער, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין הארטען קאמף געגען דעם פאבסט און דעם קאַטוילישען גלויבען.

טשען האָבען געהאלטען אין געהן אויף דער שטאָדט. די גאסען זיינען געווען פול מיט מענשען. א גרויסער עולם האָט זיך פאר־זאמעלט אויף נעווסקי פּראָספּעקט. מען האָט געלייענט א גרוי־סען פּלאַקאט, וואָס איז געווען אויפגעקלעפּט אויפ'ן וואנט און מען איז געווען שטארק אויפגערעגט. אויפ'ן פּלאַקאט איז גע־ווען געשריבען:

„לענין איז אנטלאָפען קיין פינלאַנד מיט 30 מיליאָן רובל אין גאָלד פון דער מלוכה־באַנק. די רוסישע רעוואָלוציע איז פארראַטען געוואָרען דורך איהרע פאַלשע פיהרער. אָבער עס בלייבט נאָך א האָפנונג פון דעם הייליגען רוסלאַנד. דער באַ־טיושקא צאַר קומט צוריק. דער גרויספירשט ניקאָלאַי ניקאָלאַ־יעוויטש איילט זיך פון קרים בראש פון 200 טויזענט בראווע, אמת'ע רוסישע סאָלדאטען, וואָס וועלען ראטעווען רוסלאַנד פון די באָלשעוויסטישע פאררעטער."

ראָבינס האָט זיך באַלד אוועקגעלאָזען קיין סמאָלני און איז ארויפגעלאָפען אויף די טרעפּ. אין די קאָרידאָרען זיינען ארומ־געלאָפען צוטומעלטע בעאַמטע און סאָלדאטען, מען האָט געשריען און געלאָפען אהין און צוריק און זיך געגרייט צו עטוואָס אומ־פארמיידליכעס. מאשין־ביקסען זיינען געשטאַנען גרייט. מען האָט אין זיי אריינגעלעגט פּאטראָנען. ראָבינס איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָט פון דאָרטען באטראכט דעם וויבאָרגער ארבייטער־קווארטאַל.

„צוויי גאסען האָבען זיך פון דאָרטען געצויגען צום סמאָלני. זיי זיינען געווען שווארץ פון דעם גרויסען שטראָם ארבייטער, וואָס האָט זיך געגאָסען צו סמאָלני. זיי האָבען געוואָלט פאר־כאפּען סמאָלני, „אָפּפריינען איהם" (פון די פאררעטער) און זיך אוועקלאָזען אויפ'ן פראָנט אנטקעגען די דייטשען. אזוי האָט דער גאנצער עולם געשריען.

ראָבינס האָט זיך דורכגעשטופּט דורך דעם פּאַניש־צושראָקע־נעם עולם אין קאָרידאָר און איז אריין אין לענין'ס פּריוואטען קאַבינעט. ער איז אהין פּשוט אריינגעשטויסען געוואָרען פון דעם עולם, וואָס האָט געשריען און געליארעמט, אז מען זאָל געבען דעם באפעהל צו שיסען. לענין איז געווען אין קאַבינעט, פארנומען

מיט זיין געוועהנליכער ארבייט. ער האָט אויפגענומען טעלעפאָ־
נישע באריכטען פון פראָנט, אויסגעהערט פערזענליכע באריכטען
פון קוריערען, געשריבען באפעהלען און זיי אוועקגעשיקט. ער האָט
געארבייט ווי געוועהנליך, אָהן אַ אָפּשטעל און אָהן איילעניש.
ס'האָט אויסגעזעהן, אז ער ווייסט גאָר ניט פון דעם קריזיס, וואָס
קומט אָן אין דרויסען.

ווען מען האָט ראָבינס'ן ארייננגעשטופּט אין קאבינעט איז
לענין אויפגעשפּרונגען. בלויז אויף איין מאָמענט האָט ער אויס־
געזעהן אויפגערעגט. „ניין, ניין!" האָט ער אויסגעשריען. און
ווידער אַ מאָל שוין מיט אַ בייזער: „ניין, ניין! שיסען גאָר?
מיר וועלען זיך מיט זיי דורכריידען! זאָגט זייערע פיהרער זיי
זאָלען ארייננקומען".

„עמיצער איז ארויסגעגאנגען ארייננרופען זיי און לענין האָט
זיך ווידער פארנומען מיט די באפעהלען און פאראָרדנונגען. די
פיהרער פון דעם המון האָבען אָנגעהויבען ארייננקומען אין לענין'ס
קאבינעט. דאָס זיינען געווען ארבייטער, אין ארבייטער־קליידער,
יעדערער מיט אַ ביקס און באיאָנעט אין האנט, מיט אַ רעוואָל־
ווער ביים גארטעל, — ארבייטער־סאָלדאטען, אויף וועלבע לענין
האָט זיך געמוזט פארלאָזען, — דער באוואפענטער רעוואָלוציאָ־
נערער פּראָלעטאריאט, — דער קערן פון דער קומענדיגער רויטער
ארמיי פון דעם לעניג'שען רוסלאנד. זיי האָבען אָנגעשפּארט
זייערע ביקסען אָן דר'ערד. עמיצער האָט געזאָגט: „אָט זיינען
זיי דאָ". די טיר איז פארשלאָסען געוואָרען.

לענין האָט זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאנגען צו דער
דעלעגאציע:

„חברים, האָט ער געזאָגט, איהר זעהט, איך בין ניט אנט־
לאָפען. חברים, איך האָב געקעמפט פאר דער רעוואָלוציע נאָך
איידער פיעל פון אייך זיינען געבאָרען געוואָרען. איך וועל קעמ־
פען פאר דער רעוואָלוציע, ווען פיעל פון אייך וועלען שוין זיין
טויט. איך שטעה שטענדיג אין סכנה. איהר זיינט אין אַ גרע־
סערער סכנה. לאָמיר זיך אָפּען דורכשמועסען.

ער האָט ארייננגעלעגט די הענט אין די קעשענעס און ארומ־

געהענדיג א פארטראכטער אהין און צוריק האט ער ווייטער גע־רעדט:

„חברים, איך באשולדיג אייך ניט דערפאר, וואס איהר גלויבט ניט שטענדיג אייערע פיהרער. איך וואונדער זיך אפילו, וואס איהר האט אונז ביז איצט אזוי פיעל געטרויט. צווישען די עהרליכע רעוואלוציאנערען הערט מען היינט־צו־טאג צוויי מיינונ־גען. איינע איז א ריכטיגע, די אנדערע — א פאלשע.

„א סך חברים זאגען: „איהר מוזט געהן אויפ'ן פראנט, שלאגען זיך געגען די דייטשען און פאלען אין קאמף, — אין קאמף פאר דער רעוואלוציע". זיי ווילען ניט זאגען, אט די חברים, אז איהר זייט גרייט צו שלאגען זיך פאר עפעס אנדערש ווי די רעוואלוציע. אבער זיי זאגען, — און זיי זיינען גערעכט זאגענדיג דאס, — אז די דייטשען זיינען געגען דער רעוואלוציע. דעריבער זאגען זיי: „געהט און שלאגט זיך געגען די דייטשען". איך אבער מיין ניט אזוי. איך זאג אייך:

„איהר זייט א נייע ארמיי. איהר זייט די איינציגע ארמיי פון דער רעוואלוציע. איהר זייט ערשט איהר אנהויב. וואס וועט פארקומען, אויב איהר וועט זיך נעהמען שלאגען געגען די דייטשען? די אלטע ארמיי שלאגט זיך ניט. בלויז איהר, מיט דער רעוואלוציע אין אייערע הערצער, זייט גרייט צו קעמפען. ווייסט איהר דאך וואס עס וועט זיין דער סוף דערפון: איהר וועט זיך שלאגען און איהר וועט פאלען. און אז די סאלדאטען פון דער רעוואלוציע וועלען זיין טויט, וועט זיך דער צאר אומ־קעהרען צוריק. וואלט דאס אבער געהייסען שטארבען פאר דער רעוואלוציע? חברים, אויב מיר דארפען שוין יא שטארבען, טא לאמיר באמת שטארבען פאר דער רעוואלוציע. לאמיר שטאר־בען דעמאלט, ווען מיר וועלען דורך אונזער טויט קאנען אפהאלטען א נצחון פאר דער רעוואלוציע.

„חברים, מיין מיינונג איז די ריכטיגע. מען דערצעהלט אייך, אז איך בין גרייט צו שליסען א שאנד־פרידען. אמת, איך וועל שליסען א שאנד־פרידען. מען זאגט אייך, אז איך בין גרייט אויפצוגעבען די הויפטשטאדט, פעטראגראד. יא, איך בין גרייט אפצוגעבען אפילו די הייליגע מאסקווע. דאס איז אויך אמת.

איך בין גרייט אוועקצוגעהן אפילו צו דער וואָלגאַ, און הינטער וואָלגאַ, צו יעקאַטערינאַדאַר. אָבער איך וועל דערמיט ראַטעווען די סאָלדאַטען פון דער רעוואָלוציע און איך וועל ראַטעווען די רעוואָלוציע.

„און איצט, חברים, זאָגט וואָס ווילט איהר? איך וועל אייך געבען אַ ספּעציעלען צוג צום פראָנט. איך וועל אייך ניט אָפּ־האַלטען. אָבער איהר וועט מיטנעהמען מיט זיך מיין רעזיגנאַציע. איך האָב אָנגעפיהרט מיט דער רעוואָלוציע און וויל זיך ניט באַ־טייליגען אין דעם מאָרד פון מיין אייגען קינד. זאָגט איצט, וואָס ווילט איהר!"

— „לענינ'ען! לענינ'ען! לענין!" — האָט עס אָנגעהויבען דונערען אין צימער, — חבר לענין! חבר לענין!"

דערמיט האָבען די מאַסען ארויסגעטראָגען זייער אורטייל. און גלייך האָבען די ריכטער אויפגעהויבען זייערע ביקסען און זיינען ארויס פון צימער, דורך די קאָרידאָרען אויפ'ן גאַס צום אויפגערעגטען עולם, הויך אויסשרייענדיג זייער אורטייל:

„חבר לענין! מיר זיינען מיט לענינ'ען!" *)

אַט אזוי זעהט אויס לענין, ווען ער האָט צו טאָן מיט דער רעוואָלוציע, אַט אזוי זעהט ער אויס אַלס פיהרער.

אין זיין רעדע, וואָס זינאָוויעוו האָט געהאַלטען וועגען לע־נינ'ען פאַר'ן פּעטערבורגער ארבייטער־ראַט דעם 16טען סעפּטעמ־בער 1918, האָט ער געזאָגט:

„יעדער ארבייטער האָט געהערט וועגען לענינען און ווייס אַז דאָס איז אַ גראַנדיעזע פיגור אין דער געשיכטע פון דער גאַנ־צער אַלוועלטליכער ארבייטער־באַוועגונג. יעדערער איז אויך אזוי פיעל געוועהנט געוואָרען צום נאָמען „לענין", אַז מען פאַרטראַכט זיך שוין כמעט ניט אויף דער פראַגע וועגען דעם, וואָס חבר לענין האָט אויפגעטאָן פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער און רוסישער אַר־

---

*) „לענין, דער מענש און זיין אויפטו" פון אַלבערט רהיז וויליאמס, מיט אייגדרוקען פון קאַל. רייזמאָנד ראָבינס און אַרטהור רענסאָם. ניו יאָרק 1919.

ביטער־באוועגונג. יעדער פראלעטאריער ווייסט אז לענין, דאס איז דער פיהרער, לענין — דאס איז דער אפאסטאל פון דעם אל־וועלטליכען קאמוניזם.

„. . . אין יאהר 1902 האט דער פארשטארבענער פראפעסאר מאקסים קאוואלעווסקי אין פאריז געזאגט וועגען לענינ׳ען: „וואס פאר א גוטער פראפעסאר עס וואלט ארויסגעקומען פון אט דעם לענינ׳ען“. אין מויל פון פראפעסאר קאוואלעווסקי איז דאס געווען די העכסטע לויב. יא, פון חבר לענין וואלט געקאנט ארויס א גוטער פראפעסאר, נאר ארויסגעקומען איז פון איהם דער פיהרער פון דער ארבייטער־קאמונע, און דאס האט א גרעסערע באדייטונג ווי דער געניאלסטער פראפעסאר“.

און ער האט געענדיגט:

„ארום אלץ וואס לענין שרייבט קאכט שטענדיג א קאמף. קיינער קאן ניט בלייבען גלייכגילטיג צו זיינע ווערק. מען קאן האסען לענינ׳ען, מען קאן איהם ליעב האבען ביז משוגעת, אבער מען קאן צו איהם ניט פארבלייבען נייטראל“.

און דאס איז די ריכטיגסטע כאראקטעריסטיק, די נאהענטסטע צום אמת, וואס א נאהענטער פריינד, וואס האט מיט איהם דורכגעמאכט די לאנגע יאהרען פון קאמף האט געקאנט געבען לענינען.

לעניו אין מאָסקווע

פון משה כין

1. די לעגענדע אַרום לעגינ׳ען

ווער איז ניקאָלאַי לענין?

לויט די פאַרשטעלונגען פון איינע איז דאָס אַ מין ניי־מאָדנער סאָציאַליסטישער קייסער, וואָס האָט זיך באַזעצט ווי ביים טאַטען אין ווינגאַרטען אויף ניקאָלאַי׳ס אָפּגעליידיגטען טראָן; אַן אַוואַנטוריסט, וואָס האָט אויסגענוצט די רעוואָלוציע, כדי זיך פער־זענליך גרויס צו מאַכען; אַ קלוגער, ביטרער קערל, וואָס האָט פאַרשטאַנען ווי אָפּצונאַרען אַ גרויסען טייל פון דעם רוסישען פאָלק און וואָס צווינגט אַרויף זיין הערשאַפט אויף דעם ניט־אָפּגע־נאַרטען טייל מיט די אונמענשליכסטע מיטלען; אַ קאַלטער גזלן, וואָס איז גרייט אומצוברייגען אַ האַלבע וועלט, אַבי צו הערשען איבער דער איבערגעבליבענער צווייטער העלפט; אַן אַגענט פון דייטשען מיליטאַריזם, — כאָטש, ניין, אין דער ווילדער מעשה גלויבט שוין איצט, דאַכט זיך, ניט אַפילו דער גרעסטער נאַר.

אַזוי שטעלט איהם פאַר די פיינדליכע, פאַרקויפטע קאַפּיטאַ־ליסטישע פּרעסע, און די קאַפּיטאַליסטען פון אַלע לענדער מאָהלען פאַר זיך און אַנדערע לענין׳ס פּנים אַלס אַ שרעקענס בילד און לענין׳ס נאָמען אַלס אַ זידעלוואָרט.

פון דער אַנדער זייט הויבט זיך אָן אויסבילדען אַרום לענין׳ען אַ מין רעליגיעז־סאָציאַליסטישע לעגענדע. לענין — דאָס איז די פאַרקערפּערונג פון קאַמף און פּראָטעסט געגען אַלע אומרעכטען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, דער נביא פון דער סאָציאַ־לער רעוואָלוציע. לענין זיצט טאָג און נאַכט און טראַכט נאָר וועגען דעם ווי גיכער צו ברייגען די וועלט־רעוואָלוציע, ער איז מיט טויזענדער געהיימע פעדים פאַרבונדען מיט אַלע רעוואָלוציאָנערען אויף דער גאַנצער וועלט, ער איז דער פּאַפּסט פון סאָציאַליזם. איך בין זיכער, אַז עס געפינען זיך פיעלע, וואָס שטעלען זיך פאַר,

אז לענין עסט גאַר ניט און טרינקט ניט, אז ער שטעהט העכער פון אַלע מענשליכע באַדערפניסען און אז יעדער וואָרט און טריט זיינער איז אַ רעוואָלוציאָנערע ענטפּלעקונג און אַ הייליגער אקט.

פאַר איינע — די פאַרקערפּערונג פון אל־דאָס בייז, דער טייפעל אליין, דער גרעסטער פאַרברעכער אין דער וועלט־געשיכטע; פאַר אנדערע — די פאַרקערפּערונג פון דער רעוואָלוציע, דער מלאך־הגואל, דער וועלט־אויסלייזער, אַ האַלבער גאָט און אַ הייליגער; אָט אַזוי שטעלט מען זיך פאָר לענין'ען אין אויסלאַנד, וואו מען קען איהם ניט.

אָבער אינטערעסאַנט איז, אז ניט אַנדערש שטעלט מען זיך איהם פאָר אויך אין רוסלאַנד און אפילו אין מאָסקווע גופא, וואו מען דאַרף איהם, דאַכט זיך, גוט קענען. שוין זייענדיג אין מאָסקווע איז מיר אויסגעקומען פון פאַרשיעדענע זייטען צו הערען דיזעלבע לעגענדע וועגען לענין דעם שד און לענין דעם מלאך, לענין דעם אויסוואורף און לענין דעם הייליגען, — די לעגענדע מיט וועלכער מיר איז שפּעטער אויסגעקומען ניט איינמאַל צו טרעפען זיך אויסער רוסלאַנד, אויף מיין רייזע קיין אַמעריקא.

אַזוי ווי די גרינדער פון די גרויסע רעליגיעזע באַוועגונגען, איז לענין נאָך פאַר זיין לעבען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ לעגענדע. פאַר'ן רוסישען אַרבייטער און אָרימען פּויער איז ניקאָלאַי לענין ניט דער פּאָליטישער פיהרער און טעאָרעטיקער, נאָר „איליטש" (אַ היימישע פריינדליכע באַצייכנונג נאָכ'ן פאָטער'ס נאָמען) דער פאַרטיידיגער פון אַלע שוואַכע און אונטערדריקטע, דער קעמפער געגען יעדען אומרעכט און פאַרשקלאַפונג. אין פאַרגלייך מיט לענין'ען זיינען אַלע איבריגע טוער פון דער סאָוועטען־רעגירונג, טראָצקי, בוכאַרין, זינאָוויעוו, קאַמענעוו, — שוין ניט צו ריידען וועגען די וועניגער וויכטיגע טוער, — ניט מעהר ווי צופעליגע מענשען, וואָס היינט זיינען זיי דאָ און מאָרגען קאָנען זיי ניט זיין. „איליטש" איז דער איינציגער, דער וואָס שטעהט אויסער יעדען פאַרגלייך און אויסער יעדער קריטיק. ניט זיין וואָרט און ניט זיין טעאָריע און ניט זיינע פּאָליטישע אקטען זיינען דאָס וויכטיגסטע. דאָס וויכטיגסטע איז ער אַליין, דער זיין פּערזענליכקייט,

ער איז דער סימבאָל און די פאַרקערפּערונג פון דער רעוואָלוציע, וואָס איז געקומען אויסקעהרען מיט אַן אייזערנעם בעזים די גאנצע שמוץ און אומרעכט פון דער אַלטער וועלט. ווען די ברייטע מאסען פון די אנהענגער פון דער סאָוועטען־מאכט זיינען אומצופרידען מיט עפּעס אַן אַקט פון דער רעגירונג וועלען זיי באשולדיגען ווער עמען איהר ווילט, נאָר ניט לענין׳ען. „איליטש" האָט געוואוס געוואָלט דאָס בעסטע און „איליטש" וועט נאָך זעהן אויסצופיהרען אז אַלץ זאָל געטאַן ווערען אויפ׳ן בעסטען אופן.

און די בורזשואזיע מיט דער בורזשואזער אינטעליגענץ שיטען נאָך ביז איצט פעך און שוועבעל אויף לענין׳ען, — אין דער שטיל, פאַרשטעהט זיך, אז קיינער זאָל ניט הערען, — און פאַרטרויען אייך בסוד סודות, אז לענין איז אַ מיאוסער מענש, וואָס ווערט רייך פון דער רעוואָלוציע, וואָס לעבט זיך ווי אַ שׂרה בעת האָס פאָלק נעהט אויס פון הונגער, אז איהם אַרט איבערהויפּט ניט פאַר דעם וואוילזיין פון פאָלק און אַז ער האַלט זיך אין ארומקריגען פאַר דער מאכט מיט די איבריגע מאכטהאָבער פון רוסלאַנד...

און די באַצאָהלטע ליגנער פון דער בורזשואזער פּרעסע כאַפּען אויף אָט די שמילע רכילות, צוטראָגען זיי איבער דער גאנצער וועלט מיט נאָך אייגענע אויסגעטראכטע בבא־מעשׂיות און דערפּרע־העמן פון צייט צו צייט זייערע ארויסגעבער און לעזער מיט די נייעס, אַז לענין זיצט פאַרשפּאַרט אין קרעמעל, אז ער האָט מורא צו ווייזען די נאַז פאַר׳ן פאָלק, אַז טראָצקי אָדער פּעטערס האַלטען איהם שוין אַרעסטירט, אָדער אַז ער האָט זיי אַרעסטירט, און אַזוי ווייטער.

און אַנדערש קען דאָס טאַקע ניט זיין. ווייל וואָס עס זאָל ניט זיין דער אמת אין די פאַרשיעדענע פאַרטרעטען, וואָס מען מאָלט פון לענין׳ען איז אָבער איינס קלאָר, אַז ער איז באמת די צענ־טראַלע פיגור פון דער גוואַלדיגער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אין רוסלאַנד און שיט איהרע פונקען איבער דער גאַנצער וועלט, און אז די באַציהונג צו זיין פּערזענליכ־קייט מוז נויטיגערווייזע באַפאַרבט ווערען דורך דער באַציהונג צו דער רוסישער רעוואָלוציע.

2. דער נביא פון דער רעוואָלוציע

איך דערמאָן זיך אַ געשפּרעך וואָס איך האָב געהאַט מיט צוויי און אַ האַלב יאָהר צוריק אין פּעטערבורג, באַלד נאָך מיין אָנקומען אַהין פון אַמעריקאַ, מיט דעם באַקאַנטען אידישען פּובלי־ציסט — לאַצקי־בערטאָלדי. געווען איז דאָס אין מיטען יולי 1917, ווען גאַנץ פּעטערבורג און גאַנץ רוסלאַנד האָט נאָך געקאָכט און ניט געקענט קומען צו זיך פון דער ערשטער פּראָבע פון אַ באַוואַפענטען אויפשטאַנד, וואָס די באָלשעוויקעס האָבען דעם 3טען — 6טען יולי געמאַכט אין פּעטערבורג. ווי באַקאַנט זיינען די לאָזונגען פון דעם דאַמאָלסדיגען אויפשטאַנד געווען: „די גאַנ־צע מאַכט די אַרבייטער־ראַטען". און „תיכּף אָפּשטעלען די מלחמה און שליסען שלום מיט דייטשלאַנד".

שליסען דאַמאָלסט אַ שלום מיט דייטשלאַנד האָט געהייסען אַנערקענען די מיליטערישע מפּלה פון רוסלאַנד און איבערגעבען דער מיליטאַריסטישער דייטשלאַנד אַלע פּאַרצוגען, וואָס זי האָט געוואונען פון איהרע מיליטערישע נצחונות. דער גרעסטער טייל פון די רוסישע מאַסען און באַזונדערס פון דער אינטעליגענץ האָט זיך מיט אַזאַ געדאַנק ניט געקענט איבערבעטען. דער קורס פון פּאַטריאָטיזם איז נאָך געשטאַנען הויך, און אַפילו אַלטע ערפאַה־רענע סאָציאַליסטען און רעוואָלוציאָנערען, ווי למשל, פּלעכאַנאָוו און קראָפּאָטקין, האָבען געהאַלטען, אַז אַ באַלדיגער שלום מיט דייטשלאַנד וואָלט באַדייטען אַ פאַרראַט בנוגע צו רוסלאַנד און צו דער רעוואָלוציע.

און דאַמאָלסט האָב איך זיך געטראָפען מיט בערטאָלדי'ן, וועלכער האָט מיר אַרויסגעזאָגט דעם פאָלגענדען אינטערעסאַנטען און טיעפען געדאַנק:

„אייגענטליך טוען דאָך די באָלשעוויקעס איצט דאָס, וואָס ירמיהו הנביא האָט געטאָן אין ארץ ישראל מיט צוויי און אַ האַלב טויזענד יאָהר צוריק. ירמיהו הנביא האָט דאַמאָלסט געטאָן אַלצ־דינג כדי אַרונטערצורייסען דעם מוט ביי דעם אידישען פאָלק, וואָס האָט געפיהרט אַ פאַרצווייפעלטע מלחמה געגען זיין אייביגען בלוט־טיגען שונא, בבל. ער האָט געפאָדערט, אַז דאָס אידישע פאָלק

זאָל שליסען „א באַלדיגען שלום" מיט בבל און דערמיט אַנערקענען איהר מאכט. א סך אידען האָבען איהם דאַמאָלסט געהאַלטען פאר א פאררעטער און, פון אויבען אויף גענומען, איז דאָך דאָס געווען א פארראט געגען די אָנגענומענע נאַציאָנאַלע אינטערעסען פון אידישען פאָלק. און פון דעסטוועגען קלינגען נאָך ירמיהו הנביא'ס ווערטער ביז איצט און וועלען קלינגען נאָך טויזענדער יאָהרען, ווי דאָס העכסטע און דאָס נאָבעלסטע וואָס א מענש האָט געקענט זאָגען זיין פאָלק. פארוואָס? ווייל ער איז געווען א נביא. און ווייל ביי אונז איז ניטאָ דער מינדסטער צווייפעל אין דעם, אַז זיינע „פּאראזשענטשעסקע אידעען" (די גרייטקייט אַז זיין פאָלק זאָל ליידען אין דער מלחמה א מפּלה) זיינען דיקטירט געוואָרען פון די נאָבעלסטע געפיהלען. אבער שטעלט זיך פאָר, וואָס וואָלט געווען, ווען עס זאָל דאַמאָלסט עקזיסטירען א חשד אָדער עס זאָל זיך דערנאָך ארויסווייזען, אַז ירמיהו הנביא האָט געהאַט דערביי זיינע פערזענליכע צוועקען, אַז ער איז געווען א באַצאָהלטער אָדער פרייוויליגער אַגענט פון דער מיליטאַריסטישער רעגירונג פון בבל. וואָלטען אויך דאַמאָלסט זיינע ווערטער און אידעאַלען איבערגעגאַנגען אין דער אייביגקייט און אַזוי שעהן געקלינגען ביי אונזערע צייטען? דאָס זעלבע איז אויך מיט דער איצטיגער פּאָדערונג פון די באָלשעוויקעס: זיי זיינען אָדער אַגענ־טען פון דייטשלאַנד אָדער נביאים. אָבער... קיין נביאים ווייזען זיך שוין ניט אין אונזערע צייטען און עס איז דאָך א פאקט, אַז לעניז מיט א סך אנדערע באָלשעוויסטישע פיהרער זיינען דאָך גע־קומען קיין רוסלאַנד אין דייטשע וואַגאָנען"...

בערטאָלדי האָט געצווייפעלט צי איז נאָך מעגליך נבואה און די מאָראַלישע הויכקייט פון די נביאים אין אונזער איצטיגער זינדיגער וועלט, און איך האָב אויך געצווייפעלט. און מיר ביידע האָבען דערביי געמאכט א גראָבען טעות, וועלכען עס האָבען אַגב געמאכט צעהנדליגע טויזענדער א חוץ אונז, ווייל דער אמת האָט זיך דאָך ארויסגעוויזען, אַז דער באָלשעוויזם, וועלכער איז געקומען אויף דער פארבלוטיגטער וועלט אין דער צייט פון דער שרעקליכ־סטער וועלט־מלחמה איז געווען א נבואה און דער פיהרער פון באָלשעוויזם, לעניז, איז געווען א נביא, א שלעכטער צי א גוטער,

אָבער אן אמת'ער נביא, ניט קיין פאַלשער. דעם גאַנצען גאַנג פון דער וועלט־מלחמה, איהרע אינעווענינסטע ספּרונזשינגען, ווי זי וועט זיך ענדיגען און ווי דער אימפּעריאַליסטישער שלום וועט אויסזעהן, האָט מיט אַ קלאָרען אויג פון אַ נביא פאַראויסגעזעהן און פאַראויסגעזאָגט לענין און ניט קיין אַנדערער, און ניט קיין איינער פון די גרויסע, פּאַטענטירטע און אַנערקענטע אייראָפּעאישע פּאָליטיקער. ער האָט פאַראויסגעזעהן דעם ווייטערדיגען גאַנג פון דער מענשליכער געשיכטע און לויט זיין פאַראויסזעהן האָט ער געהאַנדעלט, ניט אָפּגעווענדעג זיך אויף אַ רגע ניט רעכטס און ניט לינקס. דאָס איז געווען אַן אמת'ע נבואה, און אין פאַרגלייך מיט איהם זיינען אַלע אַנדערע וועלט־פּאָליטיקער געווען ניט מעהר ווי בלינדע קינדער אָדער פאַלשע נביאים.

איך דערמאָן זיך אָן אַן אַנדער פאַקט, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ זעהר שטאַרקען איינדרוק. אין יאָהר 1918 איז אין מאָסקווע ארויסגעגאַנגען אַ גרויסער בוך פון לענין'ען „פּראָטיוו טעטשעניא" (אנטקעגען דעם שטראָם). אין דעם בוך זיינען צו־נויפגעקליבען געוואָרען די אַרטיקלען, וואָס לענין האָט פון דעם ערשטען טאָג אָן פון דער מלחמה געשריבען אין דער אויסלענדי־שער אונלעגאַלער רוסישער פּרעסע. און אָט האָב איך דאָרט גע־טראָפען אַן אַרטיקעל געשריבען אין אָנהויב פון יאָהר 1915 אונ־טער'ן נאָמען: „וואָס דאַרף אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי טאָן, אויב אַ רעוואָלוציע וועט איהר אינמיטען דער וועלט־מלחמה איבערגע־בען די רעגירונגס־מאַכט אין די הענד". בשעת לענין האָט דעם אַרטיקעל געשריבען האָט זיך דער געדאַנק אַליין וועגען דעם גע־קענט אויסווייזען ניט מעהר ווי אַ ווילדע פאַנטאַזיע פון אַ רע־וואָלוציאָנער, וואָס איז אָפּגעריסען פון דעם רעאַלען לעבען. אָבער אָט דער „פאַנטאַזיאָר" האָט אין דעם אַרטיקעל מיט אַ מערקווירדיגער קלאָרקייט פאַראויסגעזעהן אַלץ וואָס איז שפּעטער פאָרגע־קומען אין רוסלאַנד און האָט אָנגעצייכענט ביז די קלענסטע פּרטים די גאַנצע פּראַקטישע רעגירונגס־פּראָגראַם, די גאַנצע נאַציאָנאַלע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע פּאָליטיק, וואָס אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג וועט אין אַזאַ פאַל מוזען פיהרען. און ווען עס איז געקו־מען דער מאָמענט און דער סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט פון

רוסלאַנד האָט אין מיטען דער וועלט־מלחמה טאַקע באַקומען די רעגירונגס־מאַכט אין זיינע הענד, האָט ער ביז די קלענסטע איינצעלהייטען גענומען דורכפיהרען אין לעבען דאָס פּראָגראַם, וואָס לענין האָט מיט דריי יאָהר פאַר דעם אין זיין „חלום“ אַזוי גענוי און פּראַקטיש אָנגעצייכענט. איז דאָס געווען אַ פאַנטאַזיע? אפשר יאָ. אָבער אַ גרויסע סאָציאַלע פאַנטאַזיע, וואָס ווערט אַזוי פּינקטליך פאַרווירקליכט הערט שוין אויף צו זיין אַ בלויזע פאַנטאַזיע, דאָס איז נבואה און איהר שעפער א י ז אַ נביא...

לענין איז, לויט אַלע זיינע אַנזיכטען און לויט זיין טעטיגקייט, מעהר ווי אַ פּאָליטיקער און מעהר ווי אַ סאָציאַליסטישער פּאָליטיקער. יעדער פיהלט עס און יעדערער באַציהט זיך צו איהם אַזוי און דערפאַר איז און מוז זיין אַזוי גרויס דער אינטערעס צו זיין פּערזענליכקייט. נביאים, אמת'ע נביאים זיינען דאָך אַזוי זעלטען אין אונזערע צייטען, און לענין א י ז דער נביא פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע...

מיט צוואַנציג יאָהר צוריק האָט דער גרויסער סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער און געלערטער, קאַרל קאוטסקי, געפּרופט זיך פאָרשטעלען ווי אַזוי די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט פּאַרקומען און וואָס וועט זיין „אויף מאָרגען נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע“. אָבער דער רוח הנבואה האָט איהם אויסגעפעהלט. ער איז געווען ניט מעהר ווי אַ געלעהרטער, אַ טעאָרעטיקער, האָט ער פּאַרוקט די סאָציאַלע רעוואָלוציע אין „ערגעץ־וואו“ און „ווען עס איז“, האָט מורא געהאַט אַפילו צו טראַכטען ו ו י די רעוואָלוציע וועט פּאַרקומען, האָט שטילערהייט געהאָפט, אַז ס'וועט פּאַרקומען עפּעס אַ מין נס, אַ שפּרונג, אין „רייך פון פרייהייט“ און האָט אונז אויסגעמאָהלט אַ זיסליך־זויערען גן־עדן, וועלכער האָט צו קיינעם ניט אַפּעלירט און קיינעם ניט אָנגעוויזען וואָס מען דאַרף ט אָ ן, כדי די סאָציאַלע רעוואָלוציע זאָל גיכער קומען. ער האָט מורא געהאַט „מקרב צו זיין דעם קץ“... לענין האָט אָבער אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע געקוקט ניט דורך די טריבע ברילען פון אַ חקרן, נאָר מיט'ן קלאָרען „געטליכען“ בליק פון אַ נביא און ווי אַ נביא האָט ער געהאַט דעם מוט און די דרייסטקייט צו פיהרען זיין פאָלק אויף דעם וועג וואָס ער האָט געזעהן.

אט דאס איז דער חלוק צווישען לענין און צווישען אלע אנ־דערע סאציאליסטישע טעארעטיקער און פאליטיקער.

ס'איז דער חלוק צווישען דעם כהן און דעם נביא. אהרן הכהן וואלט קיינמאל ניט געהאט דעם מוט און דעם כח ארויסצו־פיהרען די אידען פון מצרים. משה, דער נביא, האט עס גע־וואגט. ווען דאס פאלק אין מדבר האט זיך פארבענקט נאך'ן אל־טען און געפאדערט א גאט וועלכען זיי זאלען שוין זעהן מיט די אויגען, האט דער כהן אהרן זיי נאכגעגעבען און געמאכט פאר זיי א גאלדענע קאלב, ארום וועלכער זיי האבען ארומגעטאנצט. (אויף אונזער איצטיגען לשון וואלט עס געהייסען א בורזשואז־דעמאקרא־טישע קאנסטיטוציע). משה דער נביא האט אבער צובראכען זיי־נע לוחות, געלאזען אויס'הרג'ענען צעהנדליגער טויזענדער מענ־שען, באשלאסען אז דער גאנצער דור המדבר מוז אומקומען, און האט מיט אן אייזערנער האנד ווייטער געפיהרט זיין פאלק דורך ליידען צו פרייהייט.

אזוי טוט א נביא. אזוי האט געטאן לענין — און זאל די געשיכטע שפעטער אורטיילען, צי דער נביא איז געווען גערעכט, צי האט זיך דער גאנצער עסק געלוינט...

לענין איז א מענש פון איין איינציגער, הערשענדיגער אידעע. די דאזיגע אידעע איז פאר איהם די סאציאלע רעוואלוציע. זי איז פאר איהם ניט דער א ו י ס פ י ה ר פון פאקטען, נאר דער קוואל, דער אויסגאנגס־פונקט, פון וועלכען אלע פאקטען שטראָ־מען. פאר איהם איז קלאר, אז צוויי מאל צוויי איז סאציאלע רעוואלוציע, און דריי מאל דריי איז אויך סאציאלע רעוואלוציע, און טויזענד מאל מיליאן — אויך דאס זעלביגע. ציפערן און צאה־לען דערשרעקען איהם ניט, ווייל דער וועג איז פאר איהם קלאר און דער ציעל אונצווייפעלהאפט. און ווען מען הויבט איהם אן אויסרעכענען פאקטען און צעהלען קרבנות און מאכען חשבונות, זאגט ער מיט א שמייכעל: „וואס פאר א באדייטונג האט עס אין פארגלייך מיט דער סאציאלער רעוואלוציע?" און אז מען פרופט זיך איהם אנשרעקען אדער איינריידען ער זאל זיך א ווילע אפשטעלען, ער זאל אביסעלע פארקירעווען אן א זייט, פארשטעהט ער ניט: „מיר האבען דאך נאך ניט דערפיהרט ביז'ן סוף די סאָ־

ציאַלע רעוואָלוציע. און אַז מען שטעלט פאַר אַיהם אַרויס היילינקייטען, דעם ווערטה פון מענשליכען לעבען, די מאכט פון זיין פאָלק, די גרויסקייט פון זיין פאטערלאנד, וואָס ווערט צוטראָ־טען און צוריסען, טרעט ער רוהיג איבער די דאָזיגע היילינקייט, ווייל זיינע אויגען זיינען געפאנגען פון אַ גרעסערע היילינקייט: פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

דערמאָנט זיך זיין האלטונג בעת דעם שליסען פון בריסקער שלום. גאַנץ רוסלאַנד, און אין איינעם מיט איהר די גאַנצע וועלט, איז געווען אויפגערעגט פון די דייטשע „שלום־תנאים". טראָצקי האָט זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבען אַזאַ „שאַנד־שלום". ראַדעק האָט געפאָדערט אַ וויטערדיגע „רעוואָלוציאָנערע מלחמה". די לינקע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, די איינציגע דאַמאָלס־דיגע אונטערשטיצער פון די באָלשעוויקעס, האָבען געסטראַשעט מיט אַן אויפשטאַנד. קיינער האָט זיך ניט געקאָנט איבערבעטען מיט׳ן געדאַנק פון „נאָכגעבען" דעם דייטשען אימפּעריאַליזם און צוברעקלען דאָס גרויסע רוסלאַנד. און בלויז לענין, דער עכטער דוס, איז געבליבען רוהיג: „מיר מוזען די שלום־באַדינגונגען אָנ־נעמען. ס׳איז ניט אויף אייביג. די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט קומען און וועט זיי סאַי ווי סאַי אָפּשאַפען, און מיר ווילען דערווייל האָבען אַ „פּערעדישקע" (קענען אָפּכאַפּען דעם אָטעם). ער איינער האָט זיין ווילען און גלויבען אַרויפגעצוואונגען אויף אַלעמען, און געדעכט האָט זיך אַרויסגעוויזען ער און ניט קיין אנדערער: דאָס אימפּעריאַליסטישע דייטשלאַנד איז דערוואַר־גען פון דעם צו פעטען ביין פון בריסקער שלום, וואָס עס האָט איינגעשלונגען!...

און אויך איצט איז אין די פראַגען פון דער אויסלענדישער פּאָליטיק, — לענין דער מעסיגסטער צווישען אַלע סאָוויעט־טוער. ער איז גרייט אויף אַלע הנחות, אויף די וויטגעהענדסטע, אַבי צו באַקומען דעם שלום. איז עס דערפאַר, ווייל לענין איז בטבע אַזאַ פּאַסיפיסט, אַ רודף שלום? הויבט זיך ניט אָן. צו לענין׳ען קאָן מען געווי אָנווענדען די ווערטער פון קריטום׳ען: „ניט קיין שלום, נאָר אַ שווערד האָב איך געבראַכט". אָבער ער גלויבט אין אַ העכערען שלום, אין דעם ענדגילטיגען שלום, וואָס די אַלוועלטלי־

כע סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט ברייגגען. ער צווייפעלט ניט אויף קיין רגע, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע מוז קומען, און דערפאַר איז ער אַזוי נאָכגעביג בנוגע צו די, וועלכע ער באַטראַכט אַלס מאָר־גענדיגע אָדער איבערמאָרגענדיגע קאַנדידאַטען פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע: ער איז גרייט זיי צוצוואַרפען אַ ביינדעל, ווייל ער צווייפעלט ניט, אַז זיי וועלען זיך דערמיט דערוואַרגען...

אַט דאָס איז לענין: דער מענש פון איין אידעע, דער נביא פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, דער נביא, וואָס גלויבט אין זיין נבואה.

3. דער „געפאַנגענער" אין מאָסקווער קרעמל

לענין'ען איז זעהר שווער צו זעהן, פונקט אַזוי שווער און אפשר נאָך שווערער ווי אַמאָל ניקאָלאַי דעם לעצטען, אָבער דאָס איז בשום אופן ניט דערפאַר, ווייל ער באַהאַלט זיך פאַר'ן פאָלק און האָט מורא זיך צו באַווייזען פאַר איהם, אַז ער האָט זיך פאַר־שפאַרט אין קרעמל אָדער אימיצער האָט איהם דאָרטען פאַרשפאַרט. די זאַך איז אַ סך פּשוט'ער: לענין איז איינפאַך אַ צו פאַרנומע־נער מענש. ער האָט ניט קיין צייט אַרומצודרעהען זיך אין די גאַסען, כדי צו באַפרידיגען די נייגעריגקייט פון פאַרשידענע לעדיג־געהער. ער האָרעוועט פאַר צעהן, יעדע מינוט איז ביי איהם אַן אויסגערעכענטע, ער איז פאַרנומען אין דער רעגירונג און אין דער פּאַרטיי, אין דעם אַלרוסלענדישען אַרבייטער־ראַט און אין ביוראָ פון דריטען אינטערנאַציאָנאַל. ער איז באַשעפטיגט מיט די טויזענד־פאַכיגע שווערע פּראָבלעמען פון דעם טאָג־טעגליכען לעבען פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק און מיט זיינע וויסענ־שאַפטליכע און פּאָלעמישע אַרבייטען, וועלכע ער לעגט ניט אָפּ אויף קיין רגע; ער אַרבייט פיעל מעהר ווי יעדער אַנדער מענש אין רוסלאַנד און אַריינשפּרינגען צו איהם אין מיטען העלען טאָג, כדי צו דרעהען איהם אַ ספּאָדיק אָדער „שייקען הענדס" און זאָגען „האַו דו יו דו" איז באמת אַן אומעגליכע זאַך.

אָבער ווער עס וויל און דאַרף איהם וועגען אַ וויכטיגען ענין,

קען לענין'ען פּאַרט זעהן. אמת, דאָס קומט אָן ניט גרינג. לענין קען צוליעב זיין ארבייט ניט זיין פּינקטליך אין זיינע אפּאָינט־מענטס מיט מענשען. אַן ארבייטער־דעלעגאַציע, אַ דעלעגאַציע פון פּויערים פון דעם קלענסטען דאָרף אין רוסלאנד געפינט איהם גרינגער. זיי קען ער אויפנעהמען אפילו נאָך האלבע נאכט. פאַר זיי געפינט ער שטענדיג צייט. אָבער אַ פּריוואטער מענש, מעג ער האָבען אפילו די בעסטע רעקאָמענדאציעס, מוז זיך פריהער גוט אָנלויפען און מוז סוף כל סוף צופּאסען זיין אפּאָינטמענט צו דעם זעלטענעם מאָמענט, ווען לענין האָט אַ פּאָר מינוטען פרייע צייט, און דאָס טרעפט זיך גאָר ניט אזוי אָפט.

ווען איך בין געקומען קיין מאָסקווע האָב איך געהאט צו לענין'ען אַ פּערזענליכען בריעף פון דעם פיהרער פון דער אוקראַי־נישער סאָוויעטען־רעגירונג, כריסטיאַן ראַקאָווסקי. צוליעב מעהר זיכערקייט האָב איך זיך נאָך באַזאָרגט מיט אַ באַזונדערער שריפט־ליכער רעקאָמענדאציע פון דעם פאַקטישען פיהרער פון באָלשע־וויסטישען צענטראַל־קאָמיטעט, בוכארינ'ען (מיט וועלכען איך האָב זיך געקענט נאָך פון ניו יאָרק), און דערמיט, האָב איך געמיינט, איז שוין מיין צוגעריטונג צו דער אינטערוויו מיט לענינ'ען פאַר־ענדיגט. איך דאַרף נאָר צוגעהן אין קרעמל צווישען 3 און 4 אַ זייגער, דאמאלס ווען לענין נעהמט אויף באַזוכער אין דעם אר־בייטס־צימער פון די געוועזענע קייזערליכע אפּאַרטאַמענטען, און די ארבייט איז אָפּגעטאָן. האָט זיך אָבער ארויסגעוויזען, אַז עס זאָגט זיך גרינגער ווי עס טוט זיך.

איך בין געקומען אין קרעמל, — דאָס איז געווען אין אָנהויב סעפּטעמבער, — דורכגעגאַנגען דעם טווערסקאָי טויער, וואו עס שטעהט די וואך, באַוויזען מיינע פּאַפּירען, אַלץ גוט, — נאָר וואָס דען? — דורכגעהן אין הויז פון „וציק" (אַלרוסלענדישער צענ־טראַלער אויספיהר־קאָמיטעט פון די סאָוועטען) קאָן איך מיט די פּאַפּירען ניט. איך דאַרף דערצו האָבען אַ ספּעציעלע ערלויבניש פון „וציק". אויף מאָרגען האָב איך זיך מיט דער ערלויבניש באַזאָרגט, ווידער געקומען אין קרעמל, דורכגעלאָזען געוואָרען דורך דעם טויער און אריין אין קאנצעלאַריע פון „וציק", דאָרט באַווי־

זען מיינע פּאַפּירען און רעקאָמענדאַציעס דער סעקרעטאַרשע, אויפגענומען געוואָרען זעהר העפליך. אָפּגעוואַרט אַ שטונדע, ביז מען האָט וועגען מיר געמעלדעט לענין'ען, און באַקומען אַן ענט־פער, אַז איך זאָל קומען אין צוויי טעג אַרום, דאָנערשטאַג, פּונקט האַלב נאָך דריי אַ זייגער. דאָנערשטאַג בין איך, פאַרשטעהט זיך, ווידער געקומען, אָפּגעוואַרט אַ האַלבע שטונדע און דערוואַרט זיך ביז פון לענין'ס צימער איז אַרויס אַ פּויערים־דעלעגאַציע פון וואָל־גער געגענד, וואָס איז, ווי איך האָב זיך דערנאָך דערוואוסט, געקו־מען בעטען לענין'ען, אַז מען זאָל שיקען אין זייער געגענד נאָר אויסגעפּרובירטע קאָמוניסטישע טוער, ווייל די פריהערדיגע טוער האָבען ס'רוב געטויגט אויף כפּרות און האָבען מיט זייערע אומ־געלונגענע פּאָליטישע טריט מיטגעהאָלפען קאָלטשאַק'ס ערשטע גרינגע נצחונות אויף יענער זייט וואָלגא. די פּויערים זיינען אַרויס פון קאַבינעט אין אַ שטימונג ווי מען געהט אַרויס פון קלויסטער: מיט די היטלען אין די הענט, טרעטענדיג אויף די שפּיץ פינגער און מיט אַ צופרידענקייט אויף די פּנים'ער: „איליטש" האָט צו־געזאָגט, און איצט וועט שוין אַלץ זיין בעסער ווי פריהער. איך האָב געפּרובט מיט זיי מאַכען אַ שמועס, אָבער זיי האָבען מיך כמעט ווי ניט געהערט. זיי זיינען געווען אינגאַנצען אונטער'ן איינדרוק פון דעם געשפּרעך וואָס זיי האָבען נאָר וואָס געהאַט מיט לענין'ען. איך האָב מיט אומגעדולד געוואַרט, אַז אָט וועט מען מיך שוין אַריינרופען, אָבער איך האָב געלעבט אין טעות: די סעקרעטאַרשע האָט מיר זעהר העפליך געמאָלדען, אַז אַזוי ווי די פּויערים דעלעגאַציע איז געזעסען ביי לענין'ען מעהר ווי די באַשטימטע צייט, איז ער שוין איצט פאַרנומען און בעט מיך זעהר אַריינצוקומען שבת אין דער זעלבער צייט. בין איך געקומען שבת. אָבער מיר האָט אויך דאָס מאָל ניט געגליקט: לענין איז געווען פאַרנומען אויף אַן עקסטרא זיצונג מיט דער קאָמוניסטישער פראַקציע פון דעם קולטור־צוזאַמענפאָהר פון די פעלקער־מינדער־הייטען, וואָס איז גראַד דאַמאָלסט פאָרגעקומען אין מאָסקווע. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ שאַרפער מיינונגס־פאַרשידענ־הייט אין דער פראַקציע גופא. דער רעכטער טייל איז באַשטאַנען דאַרויף, אַז די קאָמיסאַריאַטען פאַר די נאַציאָנאַלע ענינים זאָלען

פֿאַרבלייבען; און דער לינקער טייל, וועלכער באַקעמפֿט אַלע פֿאָרמען פֿון נאַציאָנאַליזם, איז געווען דערפֿאַר, אַז אַנשטאָט זעלבסטשטענדיגע נאַציאָנאַלע קאָמיסאַרען זאָל מען באַשטימען אינסטרוקטאָרען פֿאַר נאַציאָנאַלע בילדונג ביים אַלגעמיינעם בילדונגס־קאָמיסאַריאַט. און אַזוי ווי ביידע פֿראַקציעס האָבען זיך ניט געקענט אויסגלייכען, און אין דעם באָלשעוויסטישען צענטראַל קאָמיטעט, וועלכער האָט די פֿראַגע באַהאַנדעלט, איז מען אויך ניט געקומען צו קיין אויסגלייך, האָט מען באַשלאָסען, צו באַראַטען זיך פֿערזענליך מיט „איליטש'ען", און ווי ער וועט פּסק'ענען, אַזוי וועט עס בלייבען. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, האָט לעניןֿ געגעבען אַן עצה, אַז די נאַציאָנאַלע קאָמיסאַריאַטען זאָלען דערווייל פֿאַרבלייבען און אַז די פֿראַגע זאָל דיסקוטירט און באַטראַכט ווערען פֿון פּראַקטישען שטאַנדפּונקט ביז דעם צווייטען צוזאַמענפֿאָהר פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען. אַזוי ווי איך האָב זיך מיט דער פֿראַגע אינטערעסירט, בין איך מיט לעניןֿ'ס באַשלוס געבליבען צופֿרידען, אָבער דאָס איז געווען מיין איינציגע טרייסט, ווייל לעניןֿ'ען האָב איך צוליעב דער באַראַטונג ווידער אַמאָל שוין ניט געקענט זעהן.

און אין פֿאַרצווייפֿלונג האָב איך זיך ווידער געווענדעט צו בוכאַרין'ען, וועלכען ס'איז אגב אויך גאָר ניט אַזוי גרינג צו געפֿינען: „וואָס וועט זיין? וועל איך טאַקע מוזען אַוועקפֿאָהרען פֿון מאָסקווע ניט זעהענדיג זיך מיט לעניןֿ'ען?" און ער האָט מיר געגעבען אַן עצה: „זונטאָג 11 אין דער פֿריה קומט פֿאָר אַן עקסטראַ זיצונג פֿון ביוראָ פֿון דריטען אינטערנאַציאָנאַל, זאָל איך אַהין קומען וועל איך דאָרטען טרעפֿען לעניןֿ'ען און אפשר קענען מיט איהם ריידען".

זונטאַג האָב איך שוין די געלעגענהייט ניט געוואָלט דורכלאָזען, און אַזוי ווי פֿון מיין וואוינונג ביז דעם דענעזשני פּערעאולאַק 6, אויף אַרבאַט, וואו די ביוראָ פֿון דריטען אינטערנאַציאָנאַל געפֿינט זיך, איז געווען גאַנץ ווייט און קיין טראַמווייען געהען ניט אום זונטאַג אין מאָסקווע (צוליעב מאַנגעל אין קוילען), האָב איך גענומען אַ דראָשקע (דער דאָזיגער פֿאַרגעניגען קאָסט איצט אין מאָסקווע סך הכל 300 רובעל, אָדער אַ „טראָיאַטשקע", אַ דריירל,

— ווי די איזוואָזטשיקעס זאָגען) און בין צוגעפאָהרען אין ביוראָ. אָפּגעוואַרט דאָרטען אַ שעה צייט, האָב איך זיך דוקא דערוואַרט אויף לענין'ען, דערזעהן איהם ביים אַרויסגעהן פון זיצונגס־צימער (דער זעלבער צימער, אין וועלכען ס'איז דערשאָסען געוואָרען דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר גראף מירבאך, ווען די דייטשע אַמבאַסאַדע האָט זיך דאָרטען געפונען), נאָר האָבען מיט איהם אַ געשפּרעך איז געווען אוממעגליך, ווייל ער האָט זיך געאיילט אויף אַ זיצונג פון ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרען.

דעם זעלביגען אָבענד האָב איך זיך ווידער געזעהן מיט לענין'ען. דאָס איז געווען אויף אַ זיצונג פון אַלרוסלענדישען צוזאַמענפאָהר פון די דרוקער־אַרבייטער. צום צוזאַמענפאָהר זיינען געקומען אַ סך מענשעוויסטישע דעלעגאַטען און די באָלשעוויקעס האָבען מאָביליזירט זייער גאַנצע שווערע אַרטילעריע, בראש מיט לענין'ען, בוכאַרינ'ען און לונאַטשאַרסקי'ן (וועלכער איז עקסטרא געקומען פון פעטראָגראַד) כדי צו באַהערשען דעם צוזאַמענפאָהר. לענין האָט דאָרט געמוזט האַלטען אַ רעדע, און איך האָב איהם געטראָפען, ווען ער איז אַראָפּ פון דער ביהנע און זיך ווידער געאיילט ערגעץ צו פאָהרען, ענטפערענדיג וואו מיט אַ שמייכעל, וואו מיט אַ פּאָר ווערטער אויף די פאַרשידענע באַגריסונגען און פראַגען, מיט וועלכע די דעלעגאַטען האָבען איהם באַוואָרפען. וועגען האָבען מיט איהם אַ געשפּרעך, האָט, פאַרשטעהט זיך, גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין, אָבער איין זאַך האָב איך יאָ געפועל'ט: ער האָט זיך פאַר מיר ענטשולדיגט פאַר זיין געצוואונגענער ניט פּינקטליכקייט און מיר געבעטען אַריינצופאָהרען צו איהם דינסטאָג מיטאָגצייט, אין זיין דאַטשע אין קליאַזמע. „דאָרט האָט ער געזאָגט — וועלען מיר ביים עסען קאָנען דורכשמועסען זיך אַביסעל". לויט מיינע פריהערדיגע ערפאַהרונגען, האָב איך, אמת, געהאַט ווייניג האָפנונגען, אַז איך וועל איהם אויך דאָס מאָל טרעפען, אָבער איך האָב, פאַרשטעהט זיך, קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, און דינסטאָג אין דער פריה בין איך מיט אַ פּאָר שעה פאַר דער באַשטימטער צייט שוין געווען אין קליאַזמע, וואו איך האָב געגען אַלע מיינע ערוואַרטונגען ענדליך געטראָפען לענין'ען און געהאַט מיט איהם מיין לאַנג ערוואַרטעטען געשפּרעך.

4. לעניז'ם אָרט לעבען

קליאזמע איז אַ דאַטשע־שטעדטעל, וואָס געפינט זיך דרייפערטל שעה רייזע מיט'ן באַהן פון מאָסקווע. דאָס איז ווייט ניט דער שענסטער און בעסטער דאַטשע־אָרט ארום מאָסקווע. געוועהנליך וואוינט דאָרטען די מיטעלע בורזשואזיע און די ניט־רייכע אינטעליגענץ. איצט, ווען די סאָוויעטען־רעגירונג האָט נאַציאָנאליזירט אַלע דאַטשע ערטער, האָט זיך די לאַגע דאָרטען ווייניג געביטען. בלויז די גרעסטע האָטעלען ווערען פארוואלטעט פון דער רעגירונג און זיינען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין סאנאַטאָריעס און קינדער־היימען. די קלענערע דאַטשעס זיינען ווי פריהער פארבליבען אונטער דער פאַרוואַלטונג פון זייערע אייגענטימער, נאָר די פרייזען אויף זיי זיינען געפיקסט געוואָרען, אַז זיי זאָלען ניט צו הויך שטייגען. לעניז מיט זיין פרוי פאַרנעמען איינע פון אָט די קלענערע דאַטשעס, וואָס געפינען זיך אָן אַ זייט פון דער הויפט־גאַס, און איך גלויב, אַז ער צאָהלט פאַר איהר פונקט ווי יעדער איינער פון אונז וואָלט געמוזט צאָהלען.

ניט וועלענדיג צו לאַנג זוכען לעניז'ם דאַטשע, האָב איך גע־פרעגט ביים ערשטען דאַטשניק, וועלכען איך האָב אָנגעטראָפען, וואו לעניז'ם דאַטשע געפינט זיך. ער האָט ניט געוואוסט. פונקט אזוי האָט וועגען דעם גאָר ניט געוואוסט אויך אַ צווייטער און אַ דריטער דאַטשניק. משמעות, אַז לעניז'ם אנוועזענהייט אויף דער דאַטשע און זיין לעבען דאָרטען ציהט צו זיך ניט צו קיין באזונדערע אויפמערקזאַמקייט. ענדליך האָב איך אַ פרעג געטאָן ביי אַן ארבייטער, וואָס איז געגאַנגען פון באַהן, וואו איליטש'עס דאַטשע געפינט זיך. ער האָט שוין דוקא געוואוסט און האָט זיך אַפילו אָרויסגערופען מיר צו באַגלייטען אַהינצו.

די דאַטשע, ווי שוין געזאָגט, געפינט זיך אין אַ זייטיג געסעל, אַ נידעריגער צוים פון פאָרענט, עטליכע ביימער און דאָן אין הינטערגרונד אַ צוויי־שטאָקיגע הילצערנע הייזעל. פאַר'ן טיר עטליכע בלומען־בייטען. א גרויסע ווערענדע פון פאָרענט מיט אַ פשוט'ען הילצערנעם טיש און צוויי הילצערנע בענק ביי די זויטען. ווען איך האָב זיך אַ פּאָר מאָל ארומגעדרעהט ארום הויז,

האָט מיך אָפּגעשטעלט אַ באוואפענטער מיליצאַנט און מיך גע־פרעגט וועמען איך דאַרף דאָרט.

— איך וויל זיך זעהן מיט לענין'ען.

— ער איז איצט ניטאָ אין דער היים. קיינער איז דאָ איצט ניטאָ.

— איך וויים, איך האָב אָפּגעמאכט זיך צו טרעפען דאָ מיט איהם מיטאגצייט.

— וואָס־זשע טוט איהר דאָ איצט ?

— איך האָב מורא געהאַט איהם פאַרשפּעטיגען. ס'איז אַזוי שווער צו טרעפען זיך מיט איהם.

דעם מיליצאַנט'ס פּנים האָט אויפגעלייכט:

— יאַ, איליטש איז זעהר אַ פאַרנומענער מענש. אפילו אָפּ־רוהען אויף דער דאַטשע האָט ער קיין צייט ניט. און איהר מוזט מיר ענטשולדיגען וואָס איך האָב אייך געפרעגט וועגען אייער ארומ־געהן דאָ. מען קען קיינמאָל ניט וויסען ווער עס דרעהט זיך דאָ ארום.

איך האָב זיך צושמועסט מיט דעם מיליצאַנט און זיך דער־וואוסט, אַז אייגענטליך איז ער גאָר ניט קיין מיליצאַנט, נאָר אַן ארבייטער פון די פּוטילאָווער זאַוואָדען ביי פּעטערבורג. ער און נאָך אייניגע פון די פּעטערבורגער און מאָסקווער ארבייטער האָבען זיך אָרגאַניזירט אין אַ מין לייבוואַך, וואָס היט אָפּ לענין'ס הויז און לענין'ס פּערזאָן. ווער עס ווייסט דעם האַס פון די רוסישע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען צו די פיהרער פון דער סאָוויעטען־רעגי־רונג און באַזונדערס צו לענין'ען און טראָצקי'ן, דער פאַרשטעהט גרינג ווי נויטיג אַזאַ זאַך איז. אָהן איהר וואָלטען שוין לאַנג פאָרגעקומען נייע אַנפאַלען אויף לענין'ען, און די אויסלענדישע סאָוויעטען־פיינדליכע פּרעסע וואָלט שוין אפשר לאַנג געהאַט די מעגליכקייט צו באַריכטען, אַז „האָט רוסישע פאָלק האָט זיך נוקם געווען אָן דעם מאַכט־פאַרכאַפּער לענין'ען“...

פון מיין ווייטערדיגען שמועס מיט דעם היטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז לענין וואָלט אייגענטליך געקענט פאַרנעהמען אַ פּיעל בעסערע דאַטשע, נאָר ער האָט עס אַליין ניט געוואָלט, ווייל ער ווייס ווי די בורזשואַזיע קוקט נאָך יעדען טריט און שריט זיי־

נעם און איז גרייט אַלצדינג אויסצוטייטשען אין דעם ערגסטען זינען. אמת, איהם אינטערעסירט די גוטע מיינונג פון דער בור־זשואזיע ווי דער פאַר־אַ־יאָהריגער שנעע, אָבער געבען איהר שטאָף פאַר רכילות וויל ער פונדעסטוועגען ניט און זאָגט זיך דערפאַר קאַטעגאָריש אָפּ פון אַלע פּריווילעגיעס, וואָס וואָלטען איהם, אַלס דעם פאָרזיצענדער פון דעם ראַט פון די פאָלקס־מאַסען, געקאָנט פאַרלייכטערען דאָס לעבען.

— אָבער לענין איז דאָך אַ קראַנקער מענש. די קויל, וואָס מען האָט אין איהם אריינגעשאָסען (אין יולי 1918) זיצט דאָך נאָך ביי איהם אין זייט. וואָלט ער דען ניט געקענט וואוינען אין איינע פון די רעגירונגס־סאַנאַטאָריעס ? — האָב איך אַ פרעג געטאָן.

— יאָ, ס׳איז טאַקע אמת. די קויל איז ניט ארויסגענומען, אָבער קיין שלעכטע רעזולטאַטען ברענגט זי, גאָט צו דאַנקען, ניט און איליטש האַלט זיך זעהר גוט אויף די פיס מיט זיין קויל אין זייט. אין אַ סאַנאַטאָריע אָבער וויל ער ניט לעבען, ווייל זיי זיינען באַשטימט אויסשליסליך פאַר שווינדזיכטיגע.

און רעדענדיג אַזוי וועגען לענין׳ען האָט מיר דער היטער שוין אגב דערצעהלט אַ אינטערעסאַנטע געשיכטע וועגען לענין׳ס פרוי, די באַקאַנטע פּעדאַגאָגישע שרייבערין און לעהרערין קרופּ־סקאַיאַ

אין זומער פון 1918 איז זי נאָך׳ן אַטענטאַט אויף לענין׳ן קראַנק געוואָרען. אייגענטליך איז דאָס ניט געווען קיין ספּעציעלע קראַנקהייט, נאָר אַ פאָלשטענדיגע אויסגעמאַטערטקייט און אָפּגע־צערטקייט. זי האָט געדאַרפט מעהר און בעסערע שפּייז, מילך, פּוטער, אייער, וועלכע זי האָט ביי זיך אין דער היים ניט געקענט האָבען, — ווייל די אַלע פּראָדוקטען, ווי אויך ווייס־ברויט, בעסערע פלייש און אנדערע נאַרהאַפטע שפּייזען געהען איצט אויסשליסליך פאַר די קינדער־שולען, קינדער־היימען, שפּיטאָלען און סאַנאַטאָ־ריעס, — און אוועקגעהען אין אַ שפּיטאָל אָדער סאַנאַטאָריע האָט זי ניט געוואָלט, ווייל זי האָט זיך ניט געפיהלט באַרעכטיגט דערצו. אַזוי ווי זי האָט זיך אָבער געמוזט ערהאָלען, ווייל אנדערש איז זי באמת געווען אין סכנה געפעהרליך קראַנק צו ווערען, האָבען איהרע פריינד קוים איהר איינגערעדט אָנצונעמען אַ פּלאַץ אַלס

לעהרערין און אויפזעהערין אין א קינדער־היים אויף א דאטשע־ארט הינטער מאסקווא, און דארט האט זי באקומען בעסערע שפייז אלס פרייז פאר איהר ארבייט.

פון דער זייט קאן זיך אזא האנדלונג פון לעגין'ען און זיין פרוי אויסווייזען צו שטייף, צו געקינצעלט, צו אויסגערעכענט אויף א באשטימטען עפעקט. איך ווייס ניט צי איז דאס אזוי. איך גלויב, אז ניט לעגין, ניט זיין פרוי, וועלכע איז שטענדיג געווען א פאלקס־לעהרערין, דארפען זיך ניט אויספיינען מיט קיין ארימען און מאטעריעל־באגרענעצטען לעבען. זיי זיינען דערצו שוין צו־געוועהנט פון לאנגע יאהרען. אבער אפילו ווען זיי זאלען אומיסטען, נאר כדי לייט זאלען ניט האבען וואס צו פלאפלען, לעבען אזוי ווי זיי לעבען, וואלט עס אויך געווען ניט מעהר ווי נאטירליך: איינער פון די גיפטיגסטע מיטלען אין די הענט פון דער קאנטר־רעוואלוציע איז ביכולת אויף דער רוסישער רעוואלוציע און אויף איהרע פיהרער, און —

„צעזאר'ס פרוי מוז שטעהן העכער פון יעדען פארדאכט".

פון סטאנציע האט זיך דערהערט א פייף. דער מיטאג־צוג פון מאסקווע איז אנגעקומען, און לויט מיין חשבון האט לעגין מיט איהם געדארפט אנקומען. אין א פערטעל שעה ארום בין איך אריין צו איהם אין הויז. אין הויז איז געווען בלויז לעגין'ס פרוי. ווי זי האט מיר ערקלערט, וועט לעגין אנקומען אין א האל־בע שעה ארום אין אן אטאמאביל. וועגען מיין באזוך האט איהר לעגין שוין פריהער געזאגט. זי האט מיך איינגעלאדען אויף מי־טאג און זיך ענטשולדיגט, וואס זי מוז ארויסגעהן אין קיך. לאנג איז זי דארט ניט געווען, ווייל אז ס'איז ניטא קיין סך צו קאכען, נעמט דאס צוגרייטען צום קאכען ניט לאנג. מיר זיינען ארויס אויף דער וועראנדע און פארבונדען א געשפרעך. איך האב איהר דערצעהלט ווי איך יאג זיך נאך לעגין'ען און קען איהם אלץ ניט טרעפען אין א פרייער מינוט. זי האט געשמייכעלט: „איך וואלט זיך אין דעם פרט אויך געמענט באקלאגען". איך האב איהר באמערקט, אז לעגין ארבייט זיך געוויס איבער, און אז דאס

מוז דאָך פאַר איהם זיין פשוט געפעהרליך אין דעם איצטיגען צושטאנד, ווען ער טראָגט זיך ארום מיט א קויל אין א זייט.

איהר סימפּאַטיש, ווי פון דער נאַטור פאַרזאָרגט פּנים, האָט זיך אביסעל פאַרוואָלקענט:

„יא, ער ארבייט איבער די כוחות, אָבער ער ליידט ניט דער־פון. ער געפינט א פרייד אין זיין ארבייט, און דאָס, זאָגט ער, גיט איהם צו נייע כחות".

און אין א ווײַלע ארום מיט א שמייכעל:

„איהר געדענקט דאָך ווי די פעטערבורגער ארבייטער האָ־בען פאַר־א־יאָהרען, נאָך'ן אַטענטאַט אויף איהם, אָנגענומען א רעזאָלוציע, אז זיי פאָדערען פון איהם, אז ער זאָל צוליעב דעם ארבייטער־קלאַס בלייבען לעבען. האָט ער דאָך זיי געמוזט פאָל־גען, און גלויבט אַז ער האָט צו פאַרדאַנקען זיין לעבען אָט דער רעזאָלוציע זייערער".

זיין פרוי, קרופּסקאַיאַ, איז פון א יאָהר 45, מיטעל־הויך גע־וואַקסען. ביי בעסערע ערנעהרונג־אומשטענדען וואָלט זי געהאַט א נויגונג צו ווערען דיק. איהר פּנים איז אַזאַ טיפּישער פּנים פון אַן אַלטער רוסישער אינטעליגענטקע, פון א לעהרערקע, און די אויגען, האַלב שמייכעלדיגע, האַלב פאַרזאָרגטע, — איך וואָלט זאָגען אזעלכע טיפּיש־אידישע, ווען איך וואָלט ניט געהערט, אַז זי איז א געבאָרענע א רוסישע. די „אידישע פאַרזאָרגטקייט פון איהרע אויגען" שטאַמט אפשר פון די לאַנגע גלות־יאָהרען פון דער פּאָליטישער עמיגראַציע און פון טעגליכע זאָרגען פון די לעצטע פּאַר יאָהר. ווי שוין אויבען דערמאָנט, איז פרוי קרופּסקאַיאַ א באַקאַנטע לעהרערין און שרייבערין איבער פּעדאַגאָגישע ענינים. באַזונדערס אינטערעסירט זי, פאַרשטעהט זיך, די פראַגע וועגען דער נייער, סאָציאַליסטישער ארבייטס־שול. אויב איך האָב קיין טעות נים, איז זי איצט די פאַרוואַלטערין פון די מאָסקווער פאָלקס־שולען. זי האָט גאָר אויפגעלעבט, איהר פּנים איז, דאַכט זיך, אינגער געוואָרען, און די אויגען האָבען אויפגעלויכטען, ווען איך האָב אין געשפּרעך באַריהרט די ארבייטס־שולען. דאָ האָב איך ביי איהר דערפיהלט ניט נאָר אַן אינטערעס צו דעם ענין, נאָר אויך

אן אמביציע צו שאפען און צו ווייזען אז עס ווערט געשאפען עט־וואס נייעס.

אין מיטען פון אונזער געשפרעך איז לעניז אנגעקומען אויף אן אטאמאביל, אין באגלייטונג פון זיין סעקרעטערין. איך מוז זאגען דעם אמת: ווען איך וואלט איהם פריהער קיינמאל ניט געזעהן, ווען איך וואלט זיין פנים צום ערשטען מאל באגעגנט, וואלט מיין פערזענליכער איינדרוק ניט געווען פון גאר די בעסטע.

מיט א יאהר צעהן צוריק האב איך איינמאל צופעליג געזעהן לעניז'ען אין וויען. דאמאלסט האט ער מיר מיט זיין ווי אבגע־האקטער פיגור, וואס האט א נייגונג צו דיקקייט, מיט זיינע שטיי־פע געזיכטסציגע אהן א שמייכעל, מיט זיינע דיקע באקען און קליי־נע, קאלטע אויגען, געמאכט אן איינדרוק פון א גוי'אישען קצב. איצט זעהט ער אויס אנדערש. דאס ניט דערעסען, די קויל אין זייט און די זעהר אנגעשטרענגטע ארבייט האבען פון איהם פאר־טריבען יעדען סימן פון דיקקייט. ער איז דאריבער ווי העכער געווארען. די שיטערע האר אויפ'ן קאפ מאכען זיין שטערן העכער און דער אביסעל אפגעצערטער פנים — די אויגען גרעסער און טיעפער. אבער דאך איז זיך שווער פארצושטעלען ביים ערשטען בליק, אז דאס איז דאס פנים פון דעם מאדערנעם רוסישען סא־ציאליסטישען הייליגען. ווייל ערשטענס, איז זיין פנים ניכער טאטעריש, איידער רוסיש, באזונדערס די קליינע, כמעט כינעזיש־געשטעלטע אויגען. און צווייטענס, דערמאנט דער שמייכעל, וואס שלענגעלט זיך איצט זעהר אפט אויף זיין פנים, — אזוי אפט, אז מיר שיינט, אז ס'איז אפט א שמייכעל, וואס פארדעקט פשוט פי־זישע ליידען, — אט דער שמייכעל האט אין זיך צופיעל מעפיס־טאפעלישעס, אום צו שפיעלען אויף א פנים פון א הייליגען תם. נאר די אויגען לעניז'ס רופען ארוים אויפמערקזאמקייט און ציהען צו. דאס זיינען אויגען וואס בויערען דורך. קאלטע, רוהיגע, און דאך ברענענדיגע. אויגען פון א פאנאטיקער אדער פון א נביא. זיי ווילען דאכט זיך, רוהיג צוזעהן ווי א גאנצע וועלט געהט אונטער, ווייל זיי זעהען הינטער דעם אונטערגאנג א נייע וועלט, וואס האלט אין געבוירען ווערען.

לענין האָט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש און מיר געבעטען זיך זעצען לעבען איהם.

— וואַרט איהר שוין לאַנג?

— שוין אַ פּאָר שעה. איך האָב זיך שוין שיער מיאש געווען איך צו טרעפען.

— נו, זעהט איהר, אַ מענש דאַרף זיך קיינמאָל ניט מיאש זיין. שפּאַרט מען זיך איין, דערגרייכט מען פּאָרט וואָס מען וויל. איך האָב געהערט איהר פאָהרט איצט אין אמעריקא?

— יאָ, און דערפאַר טאַקע האָב איך זיך מיט אייך געוואָלט זעהן פאַר'ן אָפּפאָהרען.

— פאָהרט גיכער, — האָט מיר לענין געזאָגט מיט אַ שמייכעל, — אַז ניט, ווער ווייסט צי וועט איהר אַזוי גרינג דערפאָהרען.

— וואָס, גלויבט איהר, אַז די וועלט־רעוואָלוציע וועט מיך טרעפען אויפ'ן וועג?

— נו, אפשר די וועלט־רעוואָלוציע גופא ניט, אָבער איהרע פאָראויסגעהער — זיכער. דורך וואַנען רעכענט איהר פאָהרען?

— דורך פּוילען און דייטשלאַנד.

5. די אומפאַרמיידליכע רעוואָלוציע.

— נו, וועט איהר אָט די פאָראויסגעהער פון דער רעוואָלוציע טאַקע דאָרטען טרעפען. פּוילען געפינט זיך שוין אין פּראָצעס פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, און דייטשלאַנד נאָך אפשר מעהר ווי פּוילען. די לאַגע איז בלויז פאַרפלאָנטערט געוואָרען צוליעב דייטשלאַנד'ס אונערוואַרטעט גרויסער מפּלה און פּוילען'ס אונערוואַרטעט גרויסער אויפלעבונג. אין ביידע לענדער איז מען באַר'שיכור'ט. אין דייטשלאַנד פון דער אויסערליך צו גרויסער מפּלה, אין פּוילען פון דעם „נצחון", וואָס האָט איבערשטייגט אַלע זייערע האָפנונגען. דאָס שטערט אויף אַ צייט דער רעגעלמעסיגער ענטוויקלונג פון דער רעוואָלוציאָנערער אידעאָלאָגיע. און דערצו נאָך דער שרעק און די פולע אבהענגיגקייט פון דער אנטאַנט. סאַי פּוילען, סאַי דייטשלאַנד גלויבט, אַז זיי לעבען איצט בלויז מיט'ן חסד פון דער אנטאַנט. אָבער זיי באַמערקען גאָר ניט, אַז דאָס איז אַן אייזערנער ריעז אויף ליימענע פיס, וואָס האַלטען שוין אין

איבערברעכען זיך. דער נצחון פון דער אנטאנט איז ערגער ווי דער נצחון פון פירוס. דער דאָזיגער פאַרצייטיגער קריגס־פיה־רער האָט נאָך איינעם פון זיינע נצחונות געזאָגט: נאָך איין אזא נצחון און איך בלייבט אָהן אַן ארמיי. די אנטאנט מוז דאָס זאָ־גען שוין נאָך איהר איצטיגען נצחון: די אנטאנט רעגירונגען פאַר־לירען אלץ מעהר דעם באָדען אונטער די פיס אפילו ביי זיך אין דער היים.

— האָט איהר שוין ידיעות, אַז די רעוואָלוציאָנערע באַוועג־גונג איז דאָרט אזוי שטארק געוואָרען? — האָב איך געפרעגט טיילווייז אויס אינטערעס צו דעם וואָס לענין וועט מיר ענטפערן, טיילווייז וויל איך האָב די לעצטע צוויי יאָהר, וואָס איך בין געווען אין רוסלאַנד, ניט געזעהן כמעט קיין איין אויסלענדישע צייטונג און געהאט זעהר אַ ניט־קלאָרען באַגריף וועגען דעם וואָס קומט פאָר.

— דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען דעם ווי שטארק די רעוואָ־לוציאָנערע באַוועגונג איז דאָרט אין דעם איצטיגען מאָמענט, נאָר ווי שטארק זי מוז ווערען אין דער גאָר נאָהענסטער צייט. און שטארק וועט זי מוזען ווערען אין אַלע לענדער, יעדער טאָג מאכט זי שטארקער, און אין די אַזוי גערופענע זיעגרייכע לענדער אפשר נאָך שטאַרקער ווי אין די באַזיעגטע.

— אייער מיינונג איז גראד דער היפוך פון דעם וואָס אונזערע מענשעוויקעס זאָגען, אַז די רעוואָלוציעס האָבען געקאָנט פאָרקו־מען נאָר אין די באַזיעגטע לענדער אַלס רעזולטאט פון די מילי־טערישע מפּלות, און אַז אין די זיגרייכע לענדער איז דאָס פאָלק צופיעל צופרידען מיט די מיליטערישע זיעגען אַז עס זאָל מאַכען רעוואָלוציעס.

— אָה, אונזערע מענשעוויקעס, — האָט לענין ביי דעם וואָרט זיך אַ קרים געטאָן, אזוי ווי ער וואָלט דערפיהלט אַ ניט־גוטקייט, — אונזערע מענשעוויקעס, זיי זיינען איבערהויפּט גרויסע חכמים אויף צו טרעפען וואָס עס איז שוין געווען („זאדנים אומאם קרעפּקי"). אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע האָבען זיי פאַרלאָ־רען ניט נאָר זייער רעוואָלוציאָנערקייט, נאָר אפילו די ברעקלאָך פון עקאָנאָמישען וויסען, מיט וועלכע זיי פלעגען זיך שטענדיג באַריה־מען. ווי קען מען רעדען וועגען באַזיגטע לענדער און וועגען זיעג־

רייכע, ווען אַלע זיינען אין דער מלחמה באזיגט געוואָרען, ווען די „געווינער" האָבען אין דער מלחמה פארלאָרען אפשר מעהר ווי די וואָס האָבען זי פארשפּיעלט. נעהמט צום ביישפּיעל פראנקרייך...

— אָבער זעהט איהר דאָך, אז אין פראנקרייך מערקט זיך דערוייל ניט קיין שום אָפענע רעוואָלוציאָנערע באוועגונג.

— איהר באמערקט ניט, מיר באמערקען ניט, אָבער זיי דאַר־מען פיהלען עס שוין, און דערפאר נעהמט די פראנצויזישע רעגי־רונג אזא רעאקציאָנערען קורס, זי וויל אָבקעהרען די רעגירונגס־שיף מיט געוואַלט פון דעם שטראָם אין וועלכען די אָנקומענדע רעוואָלוציע פארציהט זי. פראנקרייך, איטאַליען און ענגלאנד און אפילו אמעריקא, שוין ניט רעדענדיג וועגען די אַלע ניי־געשאפענע לענדער און מלוכה'לעך, זיינען אויסגעצעהרט, די יסודות פון זייער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג זיינען אונטערגעהאקט, בנוגע צו אויס־לאנד איז שין יעדע פון זיי, — אויסער אמעריקא — באנקראָט, און דער אינעווענינגסטער באנקראָט וועט לאנג אויף זיך ניט לאָזען ווארטען.

— רעכענט איהר, אז די ענטשעדיגונגען (קאָנטריבוציעס), וואָס די זיעגרייכע לענדער וועלען באקומען פון די באזיעגטע וועלען זיי ניט ראטעווען פון באנקראָט?

לענין האָט א שמייכעל געטאָן:

— איך זעה אז איהר שטעלט מיר א פראגע אויף וועלכער איהר ווייסט אליין דעם ענטפער, נאָר כדי צו ערפילען די פליכט פון אַן אינטערוויוער. אָבער עס מוז דאָך קלאָר זיין אפילו פאַר א בלינדען: אויב די אנטאַנט וועט דערשטיקען דייטשלאנד וועט זי פון איהר קיין ענטשעדיגונג ניט באקומען. אויב אָבער זי וויל דייטשלאנד ניט דערשטיקען קען זי ביי איהר ערשט ניט באקומען כמעט גאָר נישט. און בכלל, ווי קען מען דאָ רעדען וועגען ענטשע־דיגונגען, ווען אַלע מלחמה־לענדער האָבען פארשווענדט אין קריעג ניט נאָר זייער אייגענעם נאַציאָנאַלען אייגענטום. נור אפילו דעם אייגענטום פון זייערע קינדער און אייניקלעך. וואָס קען מען שוין דאָ ענטשעדיגען? דער איינציגער אויסוועג פאַר דער גאנצער וועלט ניט פארשקלאפט צו ווערען צו א הויפען אמע־ריקאנישע מיליאַרדערען איז צו ערקלערען זיך באנקראָט, אָבער

די דאָזיגע אונפאַרמיידליכע באַנקראָט־ערקלערונג איז דאָך שוין פאַר זיך אַליין אַ רעוואָלוציע, וואָס קען בשום אופן ניט דורכגע־פיהרט ווערען אויף אַ פרידליכען, פּאַרלאַמענטאַרישען אופן.

— וואָס דענקט איהר וועגען אַמעריקאַ? — האָב איך אַ פּרעג געטאָן לענין'ען.

— וואָס איך דענק איז אין דעם געגעבענעם פאַל געוויס ווע־ניגער וויכטיג ווי דאָס וואָס די מאַכטהאַבער פון אַמעריקאַ אַליין דענקען, און אַז זייער גאַנצע איצטיגע אינערליכע פּאָליטיק ווערט געפיהרט אַזוי, ווי זיי וואָלטען געזעהן ביי זיך אויפ'ן שוועל דעם גייסט פון דער רעוואָלוציע, דאָס איז דאָך קלאָר פאַר יעדען.

און מיט אַ בייסענדיגען שמייכעל האָט ער צוגעגעבען:

— אייערע אַמעריקאַנער ווייסען אויסגעצייכענט דעם קונץ פון אַדווערטייזען. און די אָנקומענדע אַמעריקאַנער רעוואָלוציע אַדווערטייזען זיי אַזוי ווי זי אַליין וואָלט עס פאַר זיך קיינמאָל ניט געקענט טאָן.

אונזער געשפּרעך איז איבערגעריסען געוואָרען דורך פרוי קרופּסקאַיאַ, וועלכע האָט געגרייט צום טיש און אַריינגעטראָגען דעם מיטאָג. איך ווייס ניט צי אַ סך פון די בורזשואַזע „דעמאָ־קראַטען", וואָס פאַרשפּרייטען רכילות און פייערען מיט אַ הייליגען צאָרן געגען לענין'ס „אויטאָקראַטיע" וואָלטען שטאַרק צופרי־דען געבליבען מיט אַזאַ מיטאָג: אַ שטיקעל וואַבלע (געטרי־קענטע, געזאַלצענע פיש), אַ טעלער אָנגעשניטענע שוואַרצע ברויט, אַ סוף פון געטריקענטע גרינס און אַ שטיקעל פליישׁ מיט אַ פּאָר עפּעל צום פאַרבייסען. אין איינינגע בורזשואַזע הייזער, וואו איך פלעג אַריינגעהן אין מאָסקווע, און וואו מ'האָט געגעסען פיעל בע־סער און רייכער, האָט מען זיך ניט אויפגעהערט צו ענטשולדיגען פאַר מיר איבער דעם „אָרימען מאָלצייט", און געגאָסען ביי יעדער לעפעל פעך און שוועבעל אויף די באָלשעוויקעס, פאַר וואָס זיי „הונגערען אויס דאָס לאַנד". איך שטעל זיך פאָר וואָס מען וואָלט דאָרט געזאָגט, ווען מען וואָלט יעדען טאָג געצוואונגען געווען צו עסען אַזאַ מיטאַג ווי דער, מיט וועלכען מ'איז מיך מכבד געווען

ביי לענין'ען אויף דער דאַמשע. נאָר ניט דאָס בין איך אויסען.

דער מיטאָג האָט צו לאַנג ניט פאַרנומען און אונזער געשפּרעך האָט זיך ווידער אָנגעהויבען. פרוי קרופּסקאַיאַ האָט מיך געפרעגט וועגען דער שפּייז־לאַגע אין דער „רייכער אוקראַינאַ", פון וואַנען איך בין ערשט געקומען. איך האָב דערצעהלט, אַז דאָרט, באַזונדערס אין קיעוו, איז די לאַגע די לעצטע צייט אין דעם פּרט געוועזען ניט פיעל בעסער ווי אין מאָסקווא. ברויט האָט דאָרט געקאָסט, שוואַרצע — 40 רובעל א פונט און ווייסערע — 65 רובעל; פליייש — 80 רובעל א פונט, פּוטער — 300 רובעל, צוקער — 75 רובעל, און אַזוי יעדע זאַך.

6. די דאָגמאַטיקער פון דער רעוואָלוציע.

לענין האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. — דיזעלבע געשיכטע וואָס אויף דער וואָלגע. מיר קענען ניט קריגען די פּאַסענדע מענשען און אָרגאַניזאַטאָרען פאַר'ן נאַרקאָמפּראָד (נאַראָדני קאָמיסאַריאַט פּראָדאָוואָלסטוויא—דער פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר ערנעהרונג). אומעטום מאַכען זיי דעם זעלביגען טעות און ווענדען אָן בנוגע צו אוקראַינאַ אָדער וואָלגע דיזעלבע מיטלען, ווי מיר זיינען געצוואונגען אָנצואווענדען אין דער ברויט־אָרימער מאָסקווע אָדער פּעטערבורג.

דער געשפּרעך איז אַריבער אויף אוקראַינאַ. איך האָב דערצעהלט לענין'ען וועגען די פעהלערען, וועלכע די אוקראַינער סאָוועטען־רעגירונג האָט געמאַכט אין אוקראַינאַ אין פריהלינג און זומער פון יאָהר 1919, וואו זי האָט זיך אבסאָלוט ניט גערעכענט מיט דער פּסיכאָלאָגיע און די פאַרלאַנגען פון די אוקראַינער פּויערים און געפיהרט דאָס לאַנד אַזוי ווי עס וואָלט געווען א געוועהנליכע רוסישע פּראָווינץ, ווי אין די אַלטע צייטען.

— יאָ, דאָס איז דאָך די צרה מיט א סך פון אונזערע קאָמיסאַרען, — האָט זיך לענין אָפּגערופען, — זיי קענען ניט טראַכטען פאַר זיך אַליין, זיי טראַכטען און ארבייטען לויט פאַרטיגע פאָרמולען, און פּרואווען זיך ניט צופּאַסען צו די אָרטיגע אומשטענדען. דער ליאַרעם פון די אוקראַינער שאָוויניסטען, אַז אוקראַינע איז א זעלבסטשטענדיגע לאַנד, וואָס האָט ניט קיין שום שייכות מיט רוס־

לאנד, האָט זיי אזוי אָנגעשראָקען, אַז זיי ווילען זיך גאָר ניט רעכענען מיט די אוקראַינישע באַזונדערקייטען און פארגעסען, אַז דער עקאָנאָמישער צושטאנד פון אוקראינע און די ראָלע פון דעם דאָרטיגען פויערטום איז גאָר אַן אַנדערע, ווי אין מאָסקווער ראיאָן. זיי פארגעסען, אַז סאָציאַליזם מיינט ניט שערען אַלעמען אונטער איין שערעל („סטריטש ווסיעך ו'סקאָבקו"), נאָר אַרויסרופען דעם מאקסימום ענערגיע און זעלבסטטעטיגקייט ביי די מאַסען, שטיי־צענדיג זיך אויף די שוין עקזיסטירענדע עקאָנאָמישע גרונדלאַגען. און דערצו האָבען מיר נאָך אַזוי ווייניג ערפאהרענע מענשען, אַז אויסקלייבען די בעסטע צו שיקען קיין אוקראינע קענען מיר ניט...

איך האָב אָנגעוויזען לענין'ען, אַז ווען פיאטאקאָוו (דער פיהר־רער פון דעם לינקען פליגעל פון דער קאָמוניסטישער פארטיי אין אוקראינא) און בוכאַרין (דער פיהרער פון דעם לינקען פליגעל פון דער קאָמוניסטישער פארטיי אין רוסלאנד) וואָלטען דאָס געהערט, וואָלט דאָ זיי ווידער געגעבען א מעגליכקייט אָנצורופען לענין'ען „אונזער אַלטער אָפּאָרטוניסט", ווי זיי האָבען דאָס שוין געטאָן אויף דעם דריטען צוזאַמענפאָהר פון דער קאָמוניסטישער פארטיי אין מאָסקווע אין אפריל 1919.

— אָה, איך וויים עס, — האָט לענין מיט א שמייכעל געענט־פערט, — און איך באַהאַלט ניט פון זיי מיינע מיינונגען. אָבער איך בין ניט קיין אָפּאָרטוניסט, איך בין בלויז אַ מאַרקסיסט, און אַ מאַרקסיסט קען ניט זיין קיין דאָגמאַטיקער. די מעלה פון אונזער פארטיי — האָט לענין מיט א מעהר אויפגעלעבטען קול צוגעגעבען און אין זיינע אויגען האָט זיך אָנגעצונדען א פייערל — איז, וואָס זי איז דורך און דורך אַ מאַרקסיסטישע און ניט קיין דאָגמאַטישע. זי טעאָרעטיזירט ניט וועגען דער רעוואָלוציע און וועגען איהרע „אייביגע ווערטהען", זי מאכט די רעוואָלוציע, זי שאפט זי, און שאפענדיג קריטיקירט זי שטענדיג זיך אַליין און ווארפט אָפּ די „ווערטהען", וואָס ווייזען זיך ארויס א שטערונג אין וועג. איהר געדענקט דאָך וואָס מארקס האָט געזאָגט: „די פּראָלעטאַ־רישע רעוואָלוציע צייכענט זיך אויס דערמיט, וואָס זי קוקט זיך שטענדיג אַרום אויף דעם דורכגעגאנגענעם וועג, קריטיקירט זיך אַליין און איז גרייט יעדעם מאָל אָנצוהויבען דעם וועג פון דאָס

ניי". און מיר געדיינקען אויך גוט א צווייטע צואה פון מארקס'ן, אז „איין גוטער רעוואָלוציאָנערער שריט איז בעסער פון צעהן גוטע רעוואָלוציאָנערע טעאָריעס". מיר זיינען, פארשטעהט זיך, ניט קיין פיינד פון טעאָריעס, און פון דעם פראקטיציזם פון דער אנגלאָ־זאקסישער ארבייטער באוועגונג האָבען מיר קיינמאָל ניט געהאלטען, אָבער מיר זיינען שטענדיג גרייט צו קאָרעגירען אונזערע טעאָריעס דורך דאָס לעבען און קיין שום טעאָריע איז אונז ניט צו טייער, אז מיר זאָלען זיך פון איהר אָפּזאָגען צוליעב דעם ערפאָלג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע".

איך האָב אָנגעוויזען לענין'ען אויף דער גרויסער סימפּאַטיע צום באָלשעוויזם און צו דער סאָוועטען־סיסטעם, וואָס ווייזט זיך אַלץ מעהר און מעהר ארויס אין דער אויסלענדישער ארבייטער באוועגונג און האָב איהם געפרעגט, אויב ער גלויבט, אז די סאָציאַלע רעוואָלוציע מוז אומעטום אָננעמען די פאָרמע פון א ראטען־סיסטעם, ווי זי האָט אָנגענומען אין רוסלאנד.

7. די סאָוועטען סיסטעם אויסער רוסלאַנד.

דארויף האָט לענין געענטפערט:

— איך האָב שוין ניט איינמאָל ערקלערט, סיי אין מיינע שריפטען, סיי אויף דעם לעצטען צוזאמענפאָהר פון דער קאָמוניסטישער פארטיי, אז איך מיין דאָס בשום אופן ניט. די פאָרמען פון דער רעוואָלוציע און די אנשטאַלטען, וועלכע זי שאפט און דורך וועלכע זי ווירקט, הענגען אָפּ פון די עקאָנאָמישע אומשטענדען, ביי וועלכע די רעוואָלוציע הויבט זיך אָן און ענטוויקעלט זיך. אין רוסלאנד האָט זיך די סאָוועטען־סיסטעם ארויסגעוויזען פאר דער בעסטער. אין מערב אייראָפּא אָדער אין אמעריקא, וואו די עקאָנאָמישע אומשטענדען זיינען אנדערע, קענען געשאפען ווערען אנדערע רעוואָלוציאָנערע אנשטאַלטען. די אנשטאַלטען זיינען ניט קיין אידעאַל און ניט קיין צוועק פאר זיך, זיי זיינען בלויז א מיטעל און א רעזולטאט פון די געגעבענע אומשטענדען. דאָרט, וואו עס עקזיסטירען אַלטע דעמאָקראטישע אנשטאַלטען, קענען אָט די אנשטאַלטען אויך פארוואנדעלט ווערען אין א שטיץ־פונקט פון דער רעוואָלוציע. פארשטעהט זיך — האָט לענין צוגעגעבען מיט א

בייסענדיגען שמייכעל, — אויב מען זאָל אויף זיי ניט קוקען מענשעוויסטיש־קרעטיניסטיש, דאָס הייסט, אויב מען זאָל זיי ניט צוגעבען קיין באַדייטונג פון אייביגע ווערטהען.

ווי איך האָב זיך שפּעטער, פון די געשפּרעכען מיט אנדערע קאָמוניסטישע פיהרער איבערציינגט, שטעהט דער לינקער פליגעל פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין רוסלאַנד אויך אויף דעמ־זעלביגען שטאַנדפּונקט און דאָס איז טאַקע געווען די סיבה, פאַר־וואָס די ביוראָ פון דריטען אינטערנאַציאָנאַל האָט ארויסגעגעבען איהר באַקאַנטען סעפּטעמבער־אויפרוף צו די מערב־אייראָפּעאישע לינקע סאָציאַליסטען, אַז זיי זאָלען אויסנוצען די פּאַרלאַמענטאַרי־שע וואהל־קאַמפּאַניעס און זיך אָפּזאָגען פון דער באָיקאָט־טאַקטיק, וועלכע איינינע עקסטרעם־לינקע גרופּען האָבען דאָרט אָנגעהויבען צו פּראָפּאַגאַנדירען.

— די הויפּט זאַך איז—האָט לענין פאַרענדיגט זיין געדאַנק— אַז מען מוז שטענדיג האַלטען אין אויג דעם טיעפען אונטערשיעד צווישען אַ רעוואָלוציע, וואָס האַלט ערשט אין קומען, ווי אין מערב אייראָפּאַ און אין אמעריקאַ, און אַ רעוואָלוציע, וואָס האָט שוין גע־זיעגט, ווי אין רוסלאַנד. אַ רעוואָלוציע, וואָס האָט שוין געזיעגט, שאַפט, פאַרשטעהט זיך, אַנדערע קאַמף־מיטלען, ווי אַ רעוואָלוציע, וואָס שטורעמט ערשט די פיינדליכע פּאָזיציעס....

דער געשפּרעך איז ווידער אַריבער אויף אוקראַינאַ און אויף דער מפּלה, וואָס די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט דאָרט געהאַט, ווען זי האָט נאָך אַ האַלבען יאָהר הערשען געמוזט אָפּרייניגען כמעט גאַנץ אוקראַינאַ.

8. נאַציאָנאַליזם און די סאָציאַלע רעוואָלוציע

— דער נאַציאָנאַליזם — האָט לענין געזאָגט, — האָט זיך ארויסגעוויזען פאַר'ן שטאַרקסטען שונא פון דער סאָציאַלער רעוואָ־לוציע. עס איז אַ פאַקט, אַז דער נאַציאָנאַליזם וואָס פאַרשטאַרקט און איז אייגענטליך דער הויפּט מאָמענט פון יעדער בורזשואַזער רעוואָלוציע, שוואַכט אָפּ און צומישט אַלע באַגריפען, ווען ער מישט זיך אריין אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. אבער פונקט ווי דער נאַציאָנאַליזם איז אַ געפאַהר, ווען מען רעכענט זיך מיט

איהם צופיעל, אזוי ווערט ער א סכנה, ווען מען רעכענט זיך מיט איהם גארניט. נאַציאָנאַלע געפיהלען זיינען דער אויסדרוק פון אן עקאָנאָמישער ענטוויקלונג און מען מוז זיך מיט זיי זעהר פארזיכטיג באגעהן. די פארטרעטער פון דער ראטען־מאכט אין די פארשידענע אָפּגעריסענע טיילען פון דער געוועזענער רוסי־שער אימפעריע זיינען אָבער אָפּט זעהר ניט פארזיכטיג און מיינען אז דערמיט וואָס זיי וועלען זיך מיט די נאַציאָנאַלע געפיהלען פון דער אָרטיגער באפעלקערונג גאָר ניט רעכענען, וועלען זיי דערמיט פארטרייבען דעם גייסט פון דעם נאַציאָנאַליזם. זיי פאלען אבער דערביי אָפּט אריין אין א צווייטען עקסטרעם, דערמיט וואָס זיי גיבען די שונאים די ניט גאר אומבאגרינדעטע מעגליכקייט צו מאָהלען זיי פאר דער באפעלקערונג אלס גרויס־רוסישע נאַציאָנאַ־ליסטען. איך האָב עס אויף אונזער דריטען צוזאמענפאהר אָפּען אָנגעוויזען אונזערע חברים פון דער קאָמוניסטישער פארטיי אין אוקראַינא.

— וואָס איז, נאָך אייער מיינונג — האָב איך געפרעגט — די גרעסטע פראָבלעם וואָס שטעהט פאר דער סאָוועטען־מאכט אין רוסלאנד?

— די גרעסטע און די שווערסטע פראָבלעם, וואָס שטעהט פאר דער סאָוועטען־מאכט אין רוסלאנד, איז דער פויער. פאר דעם פויער איז דער שפרונג אין דער סאָציאליסטישער ארדנונג פיעל שווערער ווי פאר דעם ארבייטער, אפשר אפילו שווערער ווי פאר דער בורזשואזיע. מיר מוזען אויף דעם פויער ווירקען אי מיט גוטען, אי מיט בייזען. מיר מוזען איהם ווייזען, אז די סאָוועטען־רעגירונג איז די איינציגע וואָס קען אפהיטען זיינע איצטיגע אינטערעסען, אזוי לאנג ווי מיר קענען איהם נאָך ניט איבערצייגען, אז זי איז די איינציגע, וואָס קען אפהיטען אויך זיינע צוקונפטס־אינטערעסען. אזוי לאנג ווי מיר קענען איהם נאָך ניט מאכען פאר קיין זיכערען איבערגעבענעם פריינד פון דער סאָציאלער רעוואָלוציע מוזען מיר ווענינסטענס געווינען זיין פריינדליכע נייטראליטעט.

— און דאָס האָפּט איהר צו דערגרייכען?...

— מיט גוטען און מיט בייזען. מיט גוטען, — דורך ער־

ציהונג, ערציהונג און ערציהונג, דורך באפרידיגען אלע זיינע אינ־טערעסען אויף וויפיעל זיי ווידערשפרעכען ניט דער פראלעטארי־שער דיקטאטור און דער סאציאליזאציע פון דער געזעלשאפט. אין דעם פרט האבען מיר שוין זעהר פיעל דערגרייכט אין סאוועטען־רוסלאנד, און וועלען נאך מעהר דערגרייכען, ווען דער פרא־צעס פון אויסגראבען א תהום צווישען דעם רייכען פויער און דעם ארימען, וואס קומט איצט פאר גאנץ שנעל, וועט פארגעהן געגנוג ווייט. און וואו מיר קענען ניט דערגרייכען אונזער צוועק מיט גוטען, מוזען מיר ווירקען מיט בייזען, ווי יעדע מלוכה, וואס האט דעם צוואנג אין איהרע הענד. מיר מוזען ווייזען דעם פויער, אז די רעגירונג פון די ארבייטער איז א פעסטע רעגירונג, וואס האט פיינט צו מאכען שפאס און אז זי קען צווינגען איהם, ווי יעדען בירגער פון לאנד, די ארבייטער איינגעשלאסען, מקריב צו זיין זייערע פריוואט און גרופען אינטערעסען און פריווילעגיעס פאר דעם וואוילזיין פון דער גאנצער געזעלשאפט.

9. קאמוניסטען געגען סאציאליסטען.

איך האב געפרעגט לענין'ען וועגען זיינע לעצטע אטאקעס אויף דעם „רענעגאט קאוטסקי", און אויף די אנדערע מערב אייראפעאישע לינקע סאציאליסטען, וועלכע ער האט אנגעריפען ביי פארשיעדענע געלעגענהייטען, מינדליך און שריפטליך און זיי באשולדיגט אז זיי זיינען לאקייען פון דער בורזשואזיע, נאכשלע־פער פון דער רעאקציע א. ז. וו.

— דענקט איהר ניט, אז מיט אזעלכע שארפע אטאקעס טרייבט איהר זיי גיכער אפ פון יעדער פארשטענדיגונג מיט די אידעאלען פון דער קאמוניסטישער פארטיי, איידער איהר אי־בערציינגט זיי?

ביי דער פראגע האט זיך לענין צום ערשטען מאל אין גע־שפרעך הארציג צולאכט אויפ'ן קול:

— אה, איך וויס, מיינע אטאקעס שמעקען זיי ניט און זייערע פיין־שמעקענדיגע געפיהלען זיינען פארלעצט און באליי־דיגט. אבער אויב זיי האלטען זיך נאך אלץ פאר שילער פון

מאַרקס'ען, ווי זיי באַריהמען זיך צו זיין, דאַרפען זיי זיך דער־מאָנען, אַז אונזער גרויסער לעהרער האָט אויך ניט באַהאַנדעלט זיינע אידעען־געגנער מיט קיין זיידענע הענטשקעס און האָט ניט געזשאַלעוועט פאַר זיי קיין שאַרפע כאַראַקטעריסטיקעס. ער האָט ניט געהאַלטען פון דער בורזשואזער מאָראַל פון פאַרגילטען די פּיל און זאָגען איין זאַך, ווען ער טראַכט עפּעס אַנדערש, און מאַרקס איז דאָך געווען אין א גינסטיגערער לאַגע ווי מיר. ער האָט גערעדט וועגען טעאָרעטישע חלוקי־דעות און וועגען קליינע טאַקטישע אונטערשיידען, בשעת מיר געפינען זיך אין סאַמע ברען פון פּראַקטישען קאַמף, ארומגערינגעלט פון א גאַנצע וועלט גאַר ניט טעאָרעטישע שונאים. אין דעם איצטיגען מאָמענט מוז יעדער אמת'ער און אויפריכטיגער סאָציאַליסט באַשליסען: אהין אָדער אהער, פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אָדער געגען איהר. קיין דריטער אויסוועג איז ניטאָ. ווער עס איז ניט מיט אונז איז באַ־וואוסטזיניג אָדער אומבאַוואוסטזיניג מיט אונזערע שונאים, דאָס הייסט א רענעגאַט און א לאַקעי, ווען ער איז באַוואוסטזיניג געגען אונז אָדער א נאָכשלעפּער פון דער רעאַקציע, ווען ער לעגט אונז אומבאַוואוסטזיניג שטיינער אויפ'ן וועג.

ביים געזעגענען זיך האָב איך געפרעגט לענין'ען:

— וואָס זאָל איך אין אייער נאָמען איבערגעבען דער אויס־לענדישער עפענטליכער מיינונג וועגען דער לאַגע און די אויסזיכ־טען פון דער סאָוועטען־רוסלאַנד?

לענין האָט ווידער געשמייכעלט.

— דערצעהלט וואָס איהר האָט געזעהן אין רוסלאַנד פאַר דער גאַנצער צייט וואָס איהר זייט דאָ געווען.

— אַלץ וואָס איך האָב געזעהן?

— אַלצדינג, וואָס איהר האָט געזעהן. מיר האָבען ניט וואָס צו באַהאַלטען. מיר האָבען זיך ניט פאַר וואָס צו שעהמען. מיר האָבען ניט אויף וואָס חרטה צו האָבען. אונזערע דורכפאַלען זיי־נען פאַר דער אַלוועלטליכער סאָציאַלער רעוואָלוציע פּונקט אַזוי וויכטיג, ווי אונזערע נצחונות און דערגרייכונגען. אויב אימיצער קען ערגעץ אַנדערש טאָן בעסער ווי מיר, זאָל ער טאָן. זאָל ער

זיך לערנען פון אונזערע דורכפאלען און נצחונות. דערצעהלט אלץ, מיר האָבען גאָר ניט וואס צו באהאלטען.

דערמיט האָט זיך אונזער געשפרעך געענדיגט. איך האָב זיך געזעגענט מיט לענין׳ען און מיט זיין פרוי, און אין א האלבע שעה ארום, שפאצירענדיג ארום זיין הויז, האָב איך געזעהן, ווי א רייהע מענשען האָבען אהין געאיילט פונ׳ם וואָגזאל: לענין האָט ווידער געהאט עפּעס א זיצונג...

צעהן מאָנאַטען מיט לעניג׳ען

נאָך אַלבערט רהייס וויליאַמס

אין פארקירצטער איבערזעצונג — פון ה. ראָזענפעלד.

1. לענין אין דער פאַנטאַזיע און דער אמת'ער לענין.

אַ מאָדנע באַשעפעניש איז די מענשליכע פאַנטאַזיע. אַ גרויסען מענשען מאָלט זי מיט אַ ריזיג־גרויסען גוף, מיט אַן אויסערגעוועהנליך שעהנעם און איינדרוקספולען פנים, וואָס זאָל אפילו ניט זיין אַ האָר עהנליך צו אַ פּראָסטען בשר ודם. זי איז איהם מזכה מיט טויזענדער אַנדערע מעלות, וואָס קיין בן אדם האָט ניט. אַזאַ שפיצעל טוט אונז אָפּ אונזער פאַנטאַזיע בעת מיר טראַכטען וועגען לענינען. זי מאָלט איהם מיט די שענסטע פאַרבען. ווען מיר באַגעגענען איהם אָבער פנים אל פנים ווערען מיר מסוכן ענטוישט. אַ קורץ־געוויקסיגער מענש און אַ פעסט־געבויטער מיט אַ שפיציג בערדעל — זעהט לענין אויס ווי אַן איינפאַכער פּראָווינציעלער סוחר אָדער באַנקיר. אַפילו מיט זיין רעדען און האַלטונג מאַכט ער אויך, צום ערשטען מאָל ניט קיין אַנדער איינדרוק. אָט איז אַ בילד:

דאָס קאַנאָנען־קראַכען פון דער קריעגס־שיף „אַראָרא" דונערט אַרויס איבער פּעטראָגראַד דעם פאַל פון דעם קערענסקי־רעזשים. עס צוטראָגט די בשורה פון דעם געבורט פון אַ נייער אָרדנונג. מאַסען סאָלדאַטען, פּויערים און אַרבייטער, פאַר'שיכור'ט פון דעם נצחון איבער דער קערענסקי־רעגירונג, שפּאַרען זיך אַריין אין סמאָלני אינסטיטוט מיט טומעל, מיט רעש, מיט רעוואָלוציאָנערע ליעדער און רעוואָלוציאָנערע אויסרופען. דאָרט, אין סמאָלני אינסטיטוט, ווערט אָפּגעהאַלטען דער אַל־רוסישער קאָנגרעס פון אַרבייטער פּויערים און סאָלדאַטען. דער פּאָרזיצענדער רופט אויס: „חבר לענין האָט דאָס וואָרט". אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטען, אַן אמת'ער שטורם ברעכט אויס אין זאַל. לענין הויבט זיך אויף פון זיין אָרט, און רוהיג, געלאַסען געהט ער צו צו דער רעדנער טריבונע, באַרוהיגט דעם עולם און פאַנגט אָן זיין רעדע אָהן הקדמות, אָהן פראַזען:

„חברים, איצטער וועלען מיר איבערגעהן צו דער פראגע וועגען גרינדען א סאציאליסטישע רעגירונג".

און ער היצט זיך ניט און קאכט זיך ניט, אקוראט ווי דאס וואלט מעהר ניט געווען ווי א פשוט'ע געשעפטס-פארהאנדלונג. קען מען ניט ענטוישט ווערען פון אזא טרוקענהייט?

ביסלעכווייז אבער ווערט ביי אייך אט דער ערשטער איינדרוק צושוואומען. סוף כל סוף פארגעסט איהר איהם אין גאנצען און לענין ערשיינט פאר אייך אין זיין גאנצער גרויס. ער ערשיינט פאר אייך אלס דער גרויסער און שטרענגער ארגאניזאטאר, אלס דער טעארעטיקער און פראקטישסטער רעוואלוציאנערער פיהרער פון דער גרויסער רוסישער רעוואלוציע.

זעלבסטפארשטענדליך, אז פאר זיינע פאליטישע געגנער, פאר דער בורזשואזיע און איהרע משרתים איז לענין וואס אין דער קארט: אן אייזערנער פויסט, א טיראן, א דיקטאטאר און וואס ניט. די רעכטע סאציאליסטען-רעוואלוציאנערען פלעגען טאקע זאגען: „דער אלטער צאר ניקאלאי איז ארא פ און דער נייער צאר ניקאלאי לענין איז ארויף אויפ'ן בענקעל". מיט חוזק פלעגען זיי אויסשרייען: „עס לעבע דער נייער צאר ניקאלאי דער דריטער!"

ווי זיי האבען זיך דאס ארויפגעווארפען אויף דעם שפאסיגען אינצידענט מיט'ן פויער, וואס האט פאסירט ביי א שמחה'לע, וואס מ'האט געפראוועט לכבוד דעם זיעג איבער דעם קערענסקי-רעזשים. די פויערים דעלעגאטען האבען דעמאלט, מיט זייערע שטימען איבערגעוואויגען דעם נצחון אויף דער זייט פון דער סאוועטען רעגירונג. ווי געוועהנליך, זיינען די ראש המדברים געווען אינטעליגענטען. האבען זיך אין זאל דערהערט קולות: „זאלען די פויערים-דעלעגאטען רעדען פאר זיך אליין". אן אלטער פויער מיט א רויט געזיכט, א גרויער בארד און בלישצענדע אויגעלעך, אויסגעפוצט אין זיין לייוונטענער אויסגענעהטער העמד, האט זיך אויפגעהויבען און צוגעגאנגען צו דער פלאטפארם. גערעדט האט ער אויף זיין דארפישען דיאלעקט:

„חברים, ווי גליקליך בין איך היינט געווען, ווען איך בין אהער געקומען מיט פאהנען און מוזיק! איך האב ניט געפיהלט די ערד אונטער זיך, עס האט מיך פשוט אונטערגעטראגען אין דער לופטען.

איך אַליין בין אַ פינסטערער מענש, און האָב אָפּגעפינסטערט אַלע מיינע יאָהרען אין אַ ווייט־פאַרוואָרפען דאָרף. איהר האָט אונז אַנטפּלעקט דאָס ליכט. מיר פאַרשטעהען דאָס נאָך ניט אין גאַנצען, און דערפאַר האָט מען מיך אַהער געשיקט, איך זאָל אַביסעל מעהר געוואָהר ווערען. אָבער חברים, מיר זיינען אַלע איבערגליקליך מיט אָט די נייע צייטען. אַמאָל זיינען די טשינאָווניקעס געווען רוצחים און פּלעגען אונז שלאָגען מכות רצח, היינט זיינען זיי עדעל און גוט. אַמאָל האָבען מיר נור געקענט פון דרויסען ארייַנקוקען אין די פּאַלאַצען, היינט געהען מיר גלייך אריין אינעווייניג. אַמאָל פלעגען מיר זיך נאַר אָנהערען מיט מעשיות וועגען צאַר, היינט זאָגט מען מיר, אַז איך וועל קאָנען אָפּגעבען „שלום עליכם" דעם צאַר לענינען אַליין. גאָט זאָל איהם געבען לאַנגע יאָהר!"

דער עולם האָט אויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער. מבולבל פון דעם געלעכטער און פון די אַפּלאָדיסמענטען האָט דער פויער אָפּ־געהאקט זיין רעדע אין מיטען און זיך אַוועקגעזעצט. אויף מאָרגען האָט מען איהם פאָרגעשטעלט פאַר לענינען, און ער, אָט דער פויער, איז שפּעטער אויך געווען דער פאָרשטעהער פון די פויערים אין ברעסט־ליטאָווסק ביי די פרידענס פאַרהאַנדלונגען.

אין די טעג פון יענעם תהו ובהו, האָט מען געמוזט האָבען אַן אייזערנעם ווילען און אַן אייזערנע ענערגיע איינצופיהרען אָרד־נונג. לענין איז געווען דער ריכטיגער מענש אין זיין פּלאַץ. אין'ם גרעסטען טומעל האָט ער קיין מאָל זיין קאָפּ ניט פאַרלאָרען. ער האָט שטענדיג געוואוסט ווי איין און ווי אויס.

אָט איז אַ פאַל: עס קומט צו לענינען אַן ארבייטער דעלעגאַ־ציע. די ארבייטער ווילען מען זאָל נאַציאָנאַליזירען זייער פאַבריק.

„גוט", זאָגט לענין, און נעהמט ארויס אַ בלאַנק. „עס איז גאַנץ פּשוט. פאַר מיר איז דאָס די גרינגסטע זאַך. אָט אויף דעם לעדיגען פּלאַץ שרייב איך אַן דעם נאָמען פון דער פאַבריק, אָט דאָ חתמ'ע איך זיך אונטער, און דאָרטען שרייבט זיך אונטער דער קאָמיסאַר".

די ארבייטער זיינען אויף דעם זיבעטען הימעל פאַר נחת.

„זעהר גוט", זאָגען זיי.

„ווייסט איהר אָבער, קינדערלעך", זאָגט לענין ווייטער, „אַז

איידער איך חתמ'ע זיך דארף איך אייך שטעלען א פאר פראגען: ראשית, צו ווייסט איהר וואו איהר קענט קריגען די רויהע מאטע־ריאלען פאר אייער פאבריק?

זאגען די ארבייטער: זיי ווייסען ניט.

„קענט איהר פיהרען די ביכער און אלע חשבונות פון אייער פאבריק? און האט איהר שוין אן אייגענע מעטאדע אנצוהאלטען די וויטערע פראדוקציאן?"

די ארבייטער האבען מודה געווען, אז זיי זוכען ניט אן צו ווייסען מכח אזעלכע קלייניגקייטען.

„חברים", זאגט ווייטער לענין, „האט איהר שוין א מארק, וואו איהר זאלט קענען פארקויפען אייערע פראדוקטען?"

„ניין", ענטפערען זיי.

„איהר זעהט אליין, חברים, אז איהר קענט נאך איצטער ניט איבערנעהמען די פאבריק. איהר פאהרט צוריק א היים, באטראכט אט די אלע פראגען גענוי. אין אנפאנג וועט אייך אנקומען אביסעל שווערלאך אלעס אליין אויסצוארבייטען. נור איהר וועט זיך די תורה אויסלערנען. אין עטליכע חדשים ארום קומט צוריק, און דע־מאלט וועלען מיר קענען נאציאנאליזירען אייער פאבריק.

2. לענין שטרענג מיט זיך ווי מיט אנדערע.

לענין איז ניט נור א ותרן אויף יענעם. אין זיין פערזענלי־כען לעבען איז ער צו זיך געווען אזוי שטרענג ווי צו יענעם. די איינציגע מאכלים אין סמאלני אינסטיטוט זיינען געווען בארשטש און קאשע, שווארצער ברויט און טיי. לענין איז דא ניט געווען קיין יוצא מן הכלל. און ווען אלע אנדערע רעוואלוציאנערען פלעגען ארבייטען 12 און 15 שעה א מעת לעת פלעגט לענין אפזיצען ביי זיין געטרייע פרוי טראגט איהם צו פון צייט צו צייט א גלאז טיש, פארטיעפט אין זיין ארבייט, און פארגעסט אפילו עסען. נור זיין געטרייע פרוי טראגט איהם, פון צייט צו צייט, צו א גלאז טיי און צווינגט איהם אויסצוטרינקען. און ווען עס האט אויסגע־פעהלט צוקער פאר אלעמען, איז לענין ניט געווען קיין גרעסערער מיוחס. אפילו א געלעגער אויף אויסצורוהען זיך האט לענין קיין בעסערען ניט געהאט פון די סאלדאטען און שיק־איינגלאך. אויסגע־

מאַטערט פון דעם שווערען טאָג ארבייט, פלעגט ער און זיין פאַמי־ליע זיך אַ וואָרף טאָן אויף די האַרטע אייזערנע „נאַרעס“ אין אַ צימער, גרויס ווי אַ קאַזאַרמע. אָפטמאָל זיינען זיי די עטליכע שטונדען איבערגעשלאָפען אין די קליידער. געטאָן דאָס האָט לענין ניט ווייל ער איז אַ פּרינציפּיעלער אַסקעט, חלילה, ער האָט דאָ נור פּראַקטיש דורכגעפיהרט די נייע קאָמוניסטישע איינפיהרונגען.

לויט אָט די איינפיהרונגען זיינען אַלעמענס שכירות אויסגע־גלייכט געוואָרען: דער דורכשניטליכער ארבייטער באַקומט אַזעלכע שכירות ווי אַ קאָמיסאַר און ווי דער פּרעמיער אליין. די מאַקסימום־שכירות זיינען אין אנפאַנג געווען זעקס הונדערט רובעל אַ מאָנאַט, שפּעטער האָט מען אָט דעם מאַקסימום געהעכערט. איצטער קריגט דער רוסישער פּרעמיער עטוואָס ווייניגער פון צוויי הונדערט דאָלער אַ חודש, אין אַמעריקאַנער געלד.

אַפילו בעת לענין האָט זיך געראַנגעלט מיט׳ן טויט, נאָכדעם ווי מען האָט אויף איהם געשאָסען,*) — אַפילו דעמאָלט האָט ער אייך ניט אָפּגעטראָטען אויף אַ האָר פון׳ם קאָמוניסטישע „שלחן ערוך“. די דאָקטוירים האָבען איהם פאַרזאָגט, למה״ש, עסען גע־ווייסע שפּייזען. די שפּייזען האָט מען אָבער נור געקענט קריגען ביי די ספּעקולאַנטען, אי דאָס האָט מען פאַר זיי געדאַרפט אָפּצאָהלען אַ שלל מיט געלד. לענין האָט קאַטעגאָריש זיך ענטזאָגט דאָס צו

---

*) געשאָסען געוואָרען איז לענין אין אויגוסט 1918, פון דער ס־ר׳אָווקע דאָראַ קאַפּלאַן, וועלכע האָט דערמיט אויסגעפיהרט דעם באַ־פעהל פון דער רעכטער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. איבער אַ חדש צייט האָט זיך לענין דעמאָלט געראַנגעלט מיט׳ן טויט ביז ער איז געזונט געוואָרען. די ערשטע ידיעה, וואָס לענין האָט וועגען זיך פּערזענליך געגעבען נאָכדעם ווי ער איז אַרויס פון טויט־געפאַהר איז געווען אַ טעלעגראַמע צום פּעטערבורגער ארבייטער־ראַט, וואָס זינאָוויעוו האָט פאָרגעלייענט דעם 16טען סעפּטעמבער. די טעלעגראַמע באַהאַנדעלט די איגערליכע און אויסערליכע לאַגע פון סאָוועטען־רוסלאַנד, צייכענט אָן די פראַגען וואָס שטעהען אויפ׳ן טאָג־סדר פון דער סאָוועטען־מאַכט און ענדיגט זיך מיט די ווערטער: „די לאַגע אויפ׳ן פראָנט איז איצט גוט, איך צווייפעל ניט, אַז זי וועט ווערען נאָך בעסער“. לענין איז מיט די דאָזיגע ווערטער ווידער איבערגעגאַנגען פון טויט־סכנה צום טאָג־סדר פון טאָג־טעגליכען לעבען, ווי ס׳וואָלט גאָרניט פּאַסירט... (מ. כ.)

טאָן. ער איז ניט קיין גרעסערער מיוחס פון אַן אַנדערען. עס האָבען ניט געהאָלפען, ניט די ווארנונגען פון זיינע דאָקטוירים, ניט דאָס געבעט פון זיין פרוי.

וואָס ס'איז אָבער ניט געלונגען מיט די טייערע שפייזען, האָט זיך איינגעגעבען מיט פשוט'ען ברויט. די „פּאָרציע" ברויט, וואָס לענין האָט באַקומען אויף זיין שפּייז־קאַרטע מיט אַלעמען צוגלייך, פלעגט ער האַלטען אין אַ שופלאַד פון זיין שרייב־טיש. האָט מען שוין געוואוסט ביז ער איז אויף אַ מינוט אַרויס פון זיין צימער און מען האָט, אין דער צייט, אַהין זיך אַריינגעכאַפּט און צוגעלעגט צו זיין געוועהנליכער פּאָרציע נאָך אַ שטיקעל ברויט. פאַרטיעפט אין זיין אַרבייט, שטרעקט לענין אויס זיין האַנד פון צייט צו צייט, נעהמט אַ ביסען ברויט פון שופלאַד און עסט. אַט אַזוי האָט ער קיינמאָל ניט באַמערקט אַז זיין ברויט וואַקסט דאָרטען און האָט געזונדיגט...

קורץ, דער גאַנצער עלענד, הונגער און נויט, וואָס זיינען געקומען אויפ'ן רוסישען פאָלק מיט דער וועלט־מלחמה און מיט דער רעוואָלוציע ווערען געטיילט חלק כחלק צווישען פאָלק און זיינע פיהרער.

אַט דאָ ליגט דער סוד פון דעם פאָלקס צוטרויען צו לענינען און צו דער סאָוועטען רעגירונג. דער מיינער, דער פאַבריק־אַרבייטער, דער פויער, דער אינזשעניר, דער סאָלדאַט — אַלע הונגערען, אַלע פריהרען, אַלע געהען קריעה־בליעה, אַלע ליידען און זיינען אונצופרידען. ווייסען זיי אָבער, אַז אַט די צרות פאַלען ניט אויף זייערע קעפּ אַליין, נור עס ליידען דאָך צוזאַמען מיט זיי אויך די גרעסטע פיהרער זייערע. קריגט דען לענין מעהר ברויט פון דעם מיינער, פאַבריק־אַרבייטער אָדער אינזשעניר? און איז דען לענין'ס לעבען אין אַ קלענערער סכנה ווי דאָס לעבען פון אַן איינפאַכען סאָלדאַט? דער אמת איז, אַז איבער די קעפּ פון די סאָוועט־קאָמיסאַרען שוועבט דער טויט אַרום פונקט אַזוי ווי איבער'ן קאָפּ פון אַן איינפאַכען סאָלדאַט.

אין דעם באַריכט פון דער אַמעריקאַנער מיסיע קיין רוסלאַנד זאָגט הערר בוליט:

„אויף לענינען קוקט מען איצטער אין רוסלאַנד ווי אויף אַ

נביא. זיין בילד צוזאַמען, געוועהנליך, מיט׳ן בילד פון קארל מארקס הענגט אומעטום. ווען איך בין געקומען צו לענינען אין קרעמל, האָב איך געמוזט איבערוואַרטען ביז אַ דעלעגאַציע פון פויערים איז אַרויס פון זיין צימער. זיי האָבען געהערט ביי זיך אין דאָרף אַז חבר לענין הונגערט. האָבען זיי אָנגעלאָדען אויף זייערע וועגענער אַכט הונדערט פוד מעהל און האָבען זיך געשלעפּט הונדערטער מיילען מיט דער מתנה פון זייער דאָרף צו חבר לענינען. פאַר אַט דער דעלעגאַציע פון פויערים איז געקומען אַן אַנדערע. יענע האָבען זיך דערוואוסט, אַז חבר לענין פריהרט, ער ארבייט אין אַ קאַלטען צימער. האָבען זיי איהם געבראַכט אַלס מתנה אַן אויווען מיט גענוג האָלץ אויף דריי מאָנאַטען צו באַהייצען זיין צימער. לענין איז דער איינציגער פיהרער וואָס קריגט אַזעלכע מתנות. ער ניט זיי באַלד איבער דעם אַלגעמיינעם פאָנד".

אַט אַזוי ווערט באַשאַפען דער צוטרויען און עס ווערט פאַרשטאַרקט די ליעבע פון׳ם פאָלק צו די סאָוועטען-פיהרער בכלל, און צו לענינען בפרט.

איז דען אַ חידוש, וואָס די פיהרער פון די קאָמוניסטען אין רוסלאַנד האָבען געוואוסט יעדען מינדסטען געפיהל פון די מאַסען? האָבען באַמערקט די קלענסטע באַוועגונג אין׳ם לאַנד? זיי זיינען דאָך אַזוי ענג צוזאַמענגעבונדען מיט׳ן פאָלק.

3. פאַרוואָס דאָס פאָלק גלויבט אין לענינ׳ען.

לענין דאַרף ניט אַרויסשיקען קיין קאָמיסיעס איבער רוסלאַנד, כדי געוואָהר ווערען וועגען דעם סענטימענט פון די מאַסען אָדער צו שטודירען די פּסיכאָלאָגיע פון׳ם פאָלק.*) אַ מענש וואָס הונגערט אַליין, — קען אויסגעפונדען די שטימונגען פון הונגעריגע. לענין הונגערט און פריהרט צוזאַמען מיט׳ן פאָלק, פיהלט ער ווי דאָס

*) פון אָנהויב פון יאָהר 1919 האָט דער ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרען (די רעגירונג פון סאָוועטען-רוסלאַנד) יא אָנגעהויבען אַרויסצושיקען אַזעלכע קאָמיסיעס איבער׳ן לאַנד. אין די קאָמיסיעס זיינען אריין אַלע באַדייטענדסטע טוער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פון דעם מאָסקווער און פעטערבורגער ארבייטער-ראַט און פון צענטראַלען אויספיר-קאָמיטעט פון די ראַטען. די אויפגאַבע פון די קאָמיסאַרען, וואָס האַלטען אין איין אַרומפאָהרען איבער גאַנץ רוסלאַנד און דרינגען אריין

פאָלק פיהלט, דענקט ער ווי דאָס פאָלק דענקט, און דריקט אויס דעם פאָלקס פארלאנגען.

די קאָמוניסטען זאָגען: „מיר האָבען ניט באשאפען די סאָוועטען. זיי זיינען ענטשטאנען אליין אין'ם לעבען פון'ם פאָלק. מיר האָבען ניט אויסגעזויגען פון פינגער קיין פראָגראמען. מיר האָבען ניט ארויפגעצוואונגען, אויף דעם פאָלק זיי, אָט די פּאָגראָמען. מיר האָבען פשוט גענומען אונזער פראָגראם פון'ם לעבען, דירעקט פון'ם פאָלק. דאָס פאָלק האָט געפאָדערט: „די ערד פאַר די פויערים", „די פאַבריקען פאַר די ארבייטער", און „שלום פאַר דער גאנצער וועלט", האָבען מיר אָט די לאָזונגען אָנגעשריבען אויף אונזערע פאָהנען און מיר האָבען דערפאַר מנצח געווען. דער סוד פון אונזער כח ליגט דערין, וואָס מיר פארשטעהען דאָס פאָלק. באמת דארפען מיר גאָר ניט פארשטעהען דאָס פאָלק. מיר אליין זיינען דאָס פאָלק". אזא מין ערקלערונג איז דער ריינער אמת בנוגע צו דעם דורכשניטליכען פיהרער. אָט די פיהרער זיינען טאקע דאָס בלוט און פלייש פון'ם פאָלק.

א גוואלדיגער כח ליגט אין אָט דער קאָמוניסטישער פראקטיק פון די סאָוועטען פיהרער. אָט דער כח האָט געשפּיעלט און שפּיעלט נאָך איצטער א גרויסע ראָלע אין'ם ענגען בונד צווישען פאָלק און זיינע פיהרער. אויסער רוסלאנד באמערקט מען אָט דעם דעם כח ניט. לענין האָט אָבער איהם קיינמאָל ניט אונטערשעצט. ער גלויבט אז די קאָמוניסטישע פראקטיק איז איינער פון די עקרים אין דער סאָוועטען־סיסטעם. לענין זאָגט אין זיין בוך „דער שטאאט און די רעוואָלוציע", אז די פראקטיק פון'ם קאָמוניזם איז דער ריכטיגער וועג פון א פראָלעטארישען שטאאטסמאן. אמת, דער וועג איז פול מיט שטיינער און דערנער, און זעהר ווייניגע פיהרער קענען זיך אויף איהם פארנעהמען.

אין די פארוואָרפענסטע ווינקלען, איז אָפּצושאַפען די חסרונות פון דער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע, באַזייטיגען די בעאַמטע און טוער, וואָס טויגען ניט און באקאָמפען זיך מיט די אמת'ע שטימונגען און וואונשען פון דער באַפעלקערונג. די קאָמיסיעס שאַפען די דירעקטע פסיכאָלאָגישע פאַר־בינדונג צווישען דער סאָוועטישער רעגירונג און צווישען דער באַ־פעלקערונג. (מ. ב.)

4. לעגין דער טוער און רעדנער.

וואו ליגט דער סוד פון לעגין׳ס ענערגיע? ער ארבייט ביי טאָג און ביי נאכט, און וואו א וויכטיגע פארזאמלונג איז ער דאָ אויף דער פלאטפאָרם. שטענדיג איז ער טיעף. ווען ער צוגלידערט א פראגע לאָזט ער א האָר, דאכט זיך, ניט דורך, קומט צום תמצית פון דער זאך, און גלייך האָט ער די רפואה פאר דער מכה, און באלד צושיקט ער זיינע צוהערער צו טאָן, וואס מען באדארף. וואָס פאר א כח שמידט צו די מאסען צו אָט דעם, דאכט זיך, טרוקענעם רעדנער? צו זיינע רעדעס מוז מען שטענדיג אנשטרענגען דעם מח. זיי זיינען שטענדיג געווען דער היפוך פון קערענסקי׳ס רעדעס. קערענסקי איז א ראָמאנטישע פיגור. זיינע רעדעס זיינען צוגעפּע־פערט מיט שעהנע מליצות, בילדער ווערטלעך. ער איז א קינסטלער און אָראטאָר. נאָכ׳ן שכל נאָך האָט קערענסקי געזאָלט אריבערציהען אויף זיין זייט די „אונוויסענדע רוסען“, נור די „אונוויסענדע רוסען“ האָבען זייערע פּיס ניט פארפלאָנטערט אין דער נעטץ פון קערענ־סקי׳ס פראזען. אויסגעהערט האָבען זיי זיינע דרשות, און טאקע פון זיי אוועק צו לעגינ׳ען, צו זיין לאָגיק, צו זיין געמאָסטענעם און געוואויגענעם געדאנק.

אין דעבאטען איז לעגין באמת א קינסטלער. קיהל אָבער דער־לאנגט ביז׳ן ביין ווי מיט א שארפען מעסער. אָלגין זאָגט: „לעגין ענטפערט ניט קיין אָפּאָנענט. ער פאלמעסט איהם. ער איז שארף ווי א חלף. זיין געדאנק ארבייט דערביי מיט א וואונדערבארער חריפות. ער לאָזט ניט דורך זיין „קוצי של יוד“. איז ער ניט איינ־שטימיג מיט א געדאנק פיהרט ער פון איהם אויס די אומגעלומ־פערטסטע שלוסען. דערביי איז ער יענעם מבטל כעפרא דארעה. ער מאכט איהם, דעם אָפּאָנענט צו שאנד און צו שפּאָט. ער שמייסט איהם אָפּ. ער, לעגין, ווירקט אויף אייך אזוי, אז איהר פאנגט אָן צו קוקען אויף זיין קרבן ווי אויף אַן עם הארץ, יוי אויף א שוטה, א חוצפה׳ניק. זיין לאָגיק טראָגט אייך אוועק אין איהר שטראָם מיט א מורא׳דיגער קראפט. איהר גאפט פון זיין אינטעלעקטועלער ליידענשאפט“.

פון צייט צו צייט ווארפט לעגין אריין אין זיינע ארגומענטען א „געווירצעל“, א בייסענדען פארגלייך, ווי, למשל: „חבר קארע־

לין׳ס גריבלעניש דערמאָנט מיך אָן׳ם גלייכוועדטעל, אז איין טפּוש קען פרעגען מעהר קשיות ווי צעהן חכמים קענען ענטפערען״. אָפט ברייננט ער אלס אילוסטראציע א קאָמיש בילד פון דער נייער אָרדנונג: „א פויערטע געהט צום פּריץ אין וואלד אריין קלייבען שפּענער, אָדער האָלץ, מיט א סאָלדאט ביי דער זייט, איהר צו פּאר־טיידיגען, אָפּהיטען זי, קיינער זאָל איהר ניט באַפאַלען״.

לענין איז ביז א געוויסען גראד צוריקגעהאלטען. ספּעציעל אויף גרויסע מאַסען־פּאַרזאמלונגען קומט איהם אָן שווער ביז ער צו־וויגט זיך. מיט דער צייט אָבער ווערט ער רוהיגער און פאנגט אָן צו רעדען קלאָר און גלאַט. און דעמאָלט רעדט ער שוין אָהן אויסער־ליכע אנשטרענגונג, מיט ברען און לעבעדיגקייט.

אַמאָל, אונטער אויסערגעוועהנליכע אומשטענדען, ספּעציעל ווען מען דאַרף עפּעס א ווארעם וואָרט, — גראד דעמאָלט איז לענין ניט דער מענש צו ריידען. אָט איז א פאַל:

א פינסטערע קאַלטע דעצעמבער נאַכט. אויפ׳ן מיכאַילאָווסקען מאַניעזש קלייבען זיך צוזאַמען רויטע גוואַרדייצעס, אַרעם געקליי־דעט, שלעכט באוואפענט. זיי שטעלען דאָס צוזאַמען די ערשטע אבטיילונג פון דער רויטער ארמיי, וואָס דאַרף אָפּגעהן צום פראָנט. דער הויף ווערט באַלויכטען פון ברענענדע פּאַקעלען. די פינסטער־ניש צוקריכט זיך, אין די ווינקעלעך ווערט געדיכטער איבער די קעפּ. די סאָלדאַטען טאנצען אונטער צו דערוואַרעמען זיך די פיס, פּלעסקען כדי צו פאַרטרייבען די קעלט און פאַנגען אָן צו זינגען היימישע און רעוואָלוציאָנערע ליעדער: ווילען אַפּנים פאַרטרייבען דעם אומעט...

לענין קומט אָן. דער עולם נעהמט איהם אויף גאַנץ לעבעדיג. ער קריכט ארויף אויף א הויכען וואָגען און פאנגט אָן צו רעדען. עס ווערט אָבער קיינעם ניט וואַרעמער פון זיין ריידען. אויסגעדראָ־שענע געדאנקען, די ווערטער ציהען זיך ווי פון פּעך... יא, אמת, ס׳איז דאָ א תירוץ: ער, לענין, איז צופיעל אויסגעמוטשעט, צופיעל געארבייט. אָבער דאָ האָט לענין באַגעגענט א זעהר וויכטיגע פּאַ־סירונג מיט א ניט־געלונגענער רעדע.

א ניט־געלונגענע רעדע איז טאַקע שלעכט, אָבער אַזוי שלעכט איז עס ניט ווי שטעהן אונטער קוילען. דאָך געטראָפען האָט די שי־

סעריי גראַד ווען לענין איז אויף זיין אַטאַמאָביל אַפּגעפאָהרען פון אַט דער פאַרזאַמלונג. אַ פּאָר גאַסען ווייטער האָט אימיצער זיך פאַר׳גנב׳עט און אויסגעשאָסען אויף איהם. דריי קוילען האָבען זורכגעשניטען די לופט, אָבער קיין איין שאָס האָט לענינען ניט געטראָפען. פּלאַטטען, דער שווערדישער דעלעגאַט צום דריטען אינ־טערנאַציאָנאַל, וואָס איז גראַד געפאָהרען מיט לענינען איז פאַר־וואונדעט געוואָרען.

5. לענין׳ס לעבען איז שטענדיג אין געפאַהר.

די סכנה פון׳ם טויט הענגט, פאַרשטעהט זיך, איבער די קעפּ פון אַלע באָלשעוויסטישע פיהרער. לענין אָבער איז געווען און איז אין דער גרעסטער סכנה. ווייל אין זיין אַקטיווען מח ווערען אויסגע־אַרבייט אַלע פּלענער פאַר דער נייער וועלט, אַלע פּלענער פאַר דער פאַרניכטונג פון דער בורזשואַזיע. און עס איז גאָר קיין חדוש ניט וואָס די פרומע בורזשואַזיע האַלט אין איין גאָט בעטען אַלע טאָג, אַלע רגע, אויף לענין׳ס טויט.

די בורזשואַזיע קומט ניט אָפּ מיט תפלות. זי אַרבייט מעשים. זי אָרגאַניזירט אַטענטאַטען און אויב זי קען זיי, אַט די אַטענ־טאַטען, ניט דורכפיהרען איז דאָס זיכער ניט איהר שולד.

לענין האָט זיך דער בורזשואַזיע געשטעלט ווי אַ ביין אין גאָר־גל בשעת זי, די בורזשואַזיע, איז געזעסען אַרום אַ פול־געדעקטען טיש מיט אַלערליי גוטע מאכלים. אין דער צייט פון דער מלחמה האָט זי אָנגעפיהרט אַ לעבעדיגען קאָנטראַבאַנדע־מסחר מיט דייטש־לאַנד, און פשוט מיט לאָפּעטעס האָט זי גאָלד געשאַרט. פּלוצלינג, ווי אַ דונער אין מיטען העלען טאָג, זיינען געקומען די באָלשעווי־קעס. איין קלייניגקייט האָבען זיי געוואָלט: אָפּשטעלען די מלחמה. זיי האָבען זיך גאָר ניט געוואָלט אַריינלאָזען אין קיין ויכוחים אפילו. ס׳איז אַזעלכע ווילדע משוגעים זיינען זיי. מיט אַמאָל האָט זיך זיי פאַרוואָלט אָפּשטעלען ספּעקולאַציעס, פּראָפיטירונג, אַלעס. נו, דאַרף מען ניט מיט אַזעלכע שקצים לערנען בלק? הענגען דאַרף מען זיי! שיסען! און זיי שיטען מיליאָנען כדי אומצוברענגען לע־נינען און די אַנדערע פיהרער פון די באָלשעוויקעס.

ווייסט לענין פון דער געפאַהר? געוויס ווייסט ער. נור ווען

קימערט די געפאהר ווען עס האנדעלט זיך וועגען דער נייער סאָ־ציאַליסטישער געזעלשאפט. און אזוי שפּאַצירט לענין דורך די גע־פעהרליכסטע פּלעצער רוהיג, געלאַסען, ווי ניט איהם מיינט מען דאָ. ניט פון איין פּלאן פון די היימישע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען און אויסלענדישע אימפּעריאַליסטען אומצובריינגען לענינען האָט זיך אויסגעלאָזען א טייך. נור ענדע אויגוסט 1918 איז זיי שיער ניט גע־לונגען איהם אָפּצוראַמען פון וועג.

דאָס איז געוועזען ביי א פאַרזאַמלונג פון מיכעלזאָן'ס פאבריק־ארבייטער. לענין האָט דאָרט גערעדט צו די 15 טויזענד ארבייטער. ווען ער האָט זיך, נאָך זיין רעדע, א לאָז געטאָן צו זיין אָטאָמאָביל, האָט עפּעס א מיידעל מיט א פּאַפּיער אין האנד, ווי מיט א פּעטיציע, איהם, לענינען, פאַרשטעלט דעם וועג. לענין האָט אויס־געשטרעקט זיין האנד נאָך דער פּעטיציע. אין דער רגע האָט דאָרא קאַפּלאַן אויף איהם דריי מאָל אויסגעשאָסען. צוויי קוילען האָבען איהם געטראָפען. ער איז אומגעפאלען אויפ'ן טראָטואַר. מען האָט איהם גלייך אויפגעהויבען, אריינגעזעצט אין זיין אָטאָ־מאָביל און אוועקגעפיהרט אין קרעמל. פון זיינע וואונדען האָט דאָס בלוט גערונען מיט סכנות נפשות. לענין האָט זיך אָבער ניט געלאָזט ארויפטראָגען אויף די טרעפּ. אליין איז ער אריין אין קרעמל. די סכנה איז געוועזען פיעל גרעסער ווי ער האָט באַגריפען אין אנפאנג. וואָכען און וואָכען איז ער געווען א האָר פון'ם טויט. דאָס ביסעלע כח וואָס איז איהם אָבער געבליבען האָט ער פאַרנוצט אין קאמף נעגען דער נקמה־כוואַליע, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט איבער'ן לאנד.

דאָס איז געוועזען די כוואַליע פון'ם רויטען טעראָר, וואָס האָט זיך מיט א מורא'דיגער קראַפט א שפּאַר געטאָן איבער'ן גאַנצען לאנד. אָט אזוי האָט דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט פון רוס־לאנד געענטפערט דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע אויף איהרע מעשים תעתועים, פאַר דעם אַטענטאַט אויף לענינען.

א היבשע צאָהל קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען האָבען מיט זייער לעבען באַצאָהלט פאַר זייערע חטאים און ספּעציעל פאַר'ן פאַרזוך אויף לענין'ס לעבען. דער צאָרן פון פאָלק האָט זיך מורא'דיג צו־פלאַקערט. הונדערטער און הונדערטער קרבנות וואָלטען נאָך געמוזט

געוועזן אומקומען, כדי צו שטילען אָט דעם צאָרן. לעניג האָט זיך אָבער מיט אַלע זיינע קרעפטען געשטעלט געגען אָט דעם נקמה־געפיהל. אין אָט דעם טומעל איז לעניג זיכער געוועזן דער רוהיגסטער מענש איבער גאַנץ רוסלאַנד *).

6. זיין באַנעהמען זיך אין קהל און פּריוואַט.

שטענדיג האָט לעניג זיך קאָנטראָלירט און איז געוועזן דער רוהיגסטער אומעטום. מענשען פלעגען זיך קאָכען, היצען, פון דער הויט שפּרינגען ווי משוגעים. לעניג איז געבליבען רוהיג.

ווער ס׳האָט ניט געזעהן די היסטאָרישע זיצונג פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, דער קען גאָר קיין באַגריף ניט האָבען ווי ווייט מענשען קענען זיך קאָכען. די דעלעגאַטען שרייען, גוואַלדעווען, קלאַפּען מיט די קולאַקעס אין די טישלעך. אין דעם טומעל רייסען זיך די רעדנער פון אַלע עקען פון׳ם זאַל, סטראַשען, רופען צום קאַמף און אַ צוויי טויזענד קעפּיגער עולם זינגט מיט באַנומענע קולות דעם אינטערנאַציאָנאַל, דעם נייעם רעוואָלוציאָנערען מאַרש. אַ גהינום! וואָס ווייטער אין דער נאַכט אַלץ געדיכטער ווערען די וואָלקענס. דער שטורם איז נאָהענט. אָט ברעכט ער אויס. אַלע נערוועז זיינען אָנגעשטרענגט ביז צום פּלאַצען. און לעניג זיצט זיך רוהיג, געלאַסען, קאַלט. מען זעהט, אַז עס נודיעט איהם די גאַנצע קאָכעניש.

און ווירקליך דער גאַנצער טומעל האָט איהם דערעסען, און ער איז גאָר אַנדרעמעלט געוואָרען. ער האָט אָנגעשפּאַרט זיין קאָפּ אויף דער האַנד און געדרימעלט. אַרום האָט געקאָכט און געטומעלט.

*) דער אָנפאַל אויף לעניגען האָט אויפגערודערט די גאַנצע ארבייטער־באַפעלקערונג אין רוסלאַנד און אוקראַינע. אַפילו די געגנער פון די באָלשעוויקעס צווישען די ארבייטער האָבען באַקלאָגט דעם אָנפאַל אויף איהם און געזוכט נקמה צו נעמען אָן די פיהרער פון דעם אָנפאַל. דער פּעטראָגראַדער ארבייטער־ראַט האָט דעמאָלט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע: „לעניג, דער פיהרער פון פּראָלעטאַריאַט, טאָר ניט שטאַרבען. ער מוז בלייבען לעבען צוליעב דער סאָציאַלער רעוואָלוציע״. און לעניג האָט „געפאָלגט״ און געבליבען לעבען. אין פאַל, אויב ער וואָלט געשטאָרבען פון זיינע וואונדען, וואָלט די נקמה פון דעם רוסישען ארבייטער־קלאַס אָן דער בורזשואַזיע און איהרע מיטהעלפער געווען אַ

לענין האָט זיך אַ פּאָר מאָל אויסגעכאַפּט, אַ קוק געטאָן אויפ׳ן עולם און ווייטער געדרימעלט. *)

אין׳ם קאָפּ פון די גרעסטע דעבאַטען, בעת זיינע אָפּאָנענטען גרייפען איהם אָן אַם שטאַרקסטען, זיצט לענין רוהיג און ערנסט. און ווען זיין אָפּאָנענט טרעפט, ווי מען זאָגט, אין סאַמע פּינטעל אריין, טוט דאָס איהם ווילד הנאה. נאָך זיין רעדע אויפ׳ן 4טען קאָנגרעס, האָט לענין זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן טריבונאַל אויסצוהערען די רעדעס פון פינף אָפּאָנענטען. ווען אימיצער פון זיי האָבען איהם אָנגעגריפען כדבאי, האָט זיך אַ צופרידענער שמייכעל צוגאָסען אויף זיין פּנים, און ער האָט אַפּלאָדירט מיט אַלעמען צוגלייך. האָט אָבער אַן אָפּאָנענט ארויסגעשטעלט אַ שוואַכען פונקט האָט לענין איראָניש אַ שמייכעל געטאָן און צוגעפּלעסקעט מיט די נעגעל פון די גראָבע פינגער.

שרעקליכע, ווייל דער באַשלוס אויסצו׳הרג׳ענען זיי פאר דער אָרגאַניזאַציע פון דעם אָנפאַל אויף לענינ׳ען איז געווען אַ פעסטער ניט נאָר ביי די אָרגאַניזירטע קאָמוניסטען, נאָר אַפילו נאָך מעהר ביי די ניט־אָרגאַניזירטע ארבייטער, וואָס האָבען פון דעם גאַנצען באַלשעוויזם פאַרשטאַנען בלויז איין זאַך: אַז ס׳איז דאָ אַ לענין אויף דער וועלט... (מ. נ.)

*) די אַנטיבאָלשעוויסטישע ציטונגען אין רוסלאַנד האָבען דערמאָלט איבערגעגעבען אַלס אַ פאַקט, אַז לענין האָט ניט בלויז „אָנגעשפאַרט זיך און אַנדרעמעלט געוואָרען״, נאָר אַז ער האָט זיך פּשוט אויסגעצויגען אין דער גאַנצער לענג אויף דר׳ערד ביים ארייננגאַנג אין לאָזשע, האָט פריהער שטיל געלאַכט פון דעם טומעל, וואָס קומט פאָר אין זאַל פון דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג און דערנאָך איז ער גאָר אַנשלאָפען געוואָרען. עס קאָן זיין, אַז ער האָט דערמיט געוואָלט דעמאָנסטרירען זיין גרינגשעצונג פאַר דער „גרינדונג־פאַרזאמלונג״ און עס איז אויך מעגליך, אַז ער האָט זיך שוין פּשוט ניט געקענט האַלטען אויף די פיס, ווייל ווי בוכאַרין האָט מיר איבערגעגעבען, האָבען די באַראַטונגען פון קאָמוניסטישען צענטראַל־קאָמיטעט אונטער׳ן פאָרזיץ פון לענינ׳ען וועגען דער פראגע וואָס מען זאָל טאָן מיט דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג, געדויערט מעהר ווי צוויי מעת־לעת נאָכאַנאַנד. בעת לענין איז געשלאָפען אין לאָזשע פון גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָט אַ טייל פון צ. ק. פון די קאָמוניסטען געשלאָפען אין אַ זייטיגען צימער פון טאַורישען פאַלאַץ. זייער ארבייט איז שוין געווען אָפּגעטאָן, און זיי האָבען געוואוסט, אַז מען וועט זיי דעם רעזולטאַט אָנזאָגען. (מ. נ.)

ווי שטרענג לענין איז אין געזעלשאַפטליכען לעבען, איז ער אָבער אין פּריוואַטען לעבען א גאַנץ צוגעלאָזענער מענש. אויף דעם זאָגען עדות ניט נור זיינע פריינד נור אויך זיינע פּאָליטישע געגנער. ווילקאָקס, אַן אַנטי־באָלשעוויק, דערצעהלט, אַז אַן ענגלישער סוחר האָט זיך אַמאָל געווענדעט צו לענינען מיט א בקשה צו ראַטעווען זיין פאַמיליע פון א זעהר קריטישער לאַגע. דער סוחר איז פּשוט נשתומם געוואָרען פון לענין'ס פריינדליכע מאַנירען, פון זיין גרייטקייט און וויליגקייט איהם ארויסצוהעלפען מיט וואָס נור ער קאָן. ער, דער סוחר, האָט געמיינט אַז לענין איז טאַקע באמת „א בלוטדורשטיגער טיראַן", ווי די גאַלע בורזשואזיע פּרעסע צושמירט דאָס.

הגם לענין איז אַזוי צוגעלאָזען און פריינדליך, האָט ער דאָך פיינט אוועקצו'פּטר'ן זיין צייט מיט גלאַט פּלוידערזעק. אין זיין וואָרט־צימער הענגט פּאָלגענדער נאָטיץ:

„באַזוכער ווערען אויפגעפאָדערט צו נעהמען אין אנבאַטראַכט,
אַז זיי וועלען דאָ ריידען צו א מענשען, וואָס איז מסוכן פאַרנומען.
ער בעט זיי אויסצודריקען זייערע פאַרלאַנגען קורץ און שאַרף".

אמת, עס איז טאַקע שווער געווען צו־קומען צו לענינען, איז מען שוין אָבער צו איהם צוגעקומען האָט ער זיך איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען. בורזשואַזע שרייבער און קאָרעספּאָנדענטען האָט לענין ניט געקענט סובל זיין, קיין צייט ניט געוואָלט פּטר'ן אויף זיי. צווישען אָט די שרייבער איז אָבער געווען איינער מיט גרויסע „זכות אבות": א סאָציאַליסט, וואָס האָט אַמאָל אין 1905 געקעמפט אויף די מאָסקווער באַריקאַדען, איצטער אָבער איז ער א גאַנצער מאַכער, דענקט, אַז קיינער איז ניט זיין גלייכען: ער איז קאָרעספּאָנדענט פון אַן ענגלישען צייטונגס־סינדיקאַט און פון פּלעכאַנאָוו'ס „יעדינסטווא". צוליעב זיין אַמאָליגער טעטיגקייט איז איהם געלינגען צוקומען צו לענינען. אויפ'ן זיבעטען הימעל האָט ער זיך געפיהלט פון אָט דעם גליק. ער איז אוועק צו לענינען אין א זעהר געהויבענער שטימונג. צוריק אָבער איז ער געקומען ווי אַן אָפּגעשמיסענער... פאַרוואָס? אָט דערצעהלט דער קאָרעספּאָנדענט אַליין:

„ווען איך בין צו לענינען געקומען האָב איך זיך עפּעס ארויסגעכאַפּט מיט א וואָרט וועגען מיין אַמאָליגער טעטיגקייט נאָך אין

דער רעוואָלוציע פון 1905. לענין האָט זיך אויפגעהויבען, גלייך צוגעקומען צו מיר זעהר נאָהענט און אַ זאָג געטאָן: „יא, חבר, אָבער וואָס טוט איהר איצט פאַר דער היינטיגער רעוואָלוציע?“ זיינע אויגען האָבען מיך דורכגענומען דורך און דורך. איך האָב גערעדט פון מיין טעטיגקייט אַמאָל, אויף די מאָסקווער באַריקאַדען און זיך אביסעל אָפּגערוקט צוריק. לענין אָבער האָט זיך נאָך אַמאָל אַ רוק געטאָן צו מיר, געקוקט מיר גלייך אין די אויגען, אויף אַ רגע מיך ניט אָפּגעלאָזט און נאָך אַמאָל געפרעגט: „אָבער, חבר, וואָס טוט איהר איצט פאַר אָט דער רעוואָלוציע?“ זיין בליק איז געווען אַזוי דורכדרינגענד ווי אַן עקס-שטראַהל, אַקוראַט ווי ער וואָלט געזעהן אַלע מיינע מעשים פאַר די לעצטע צעהן יאָהר. אָט דעם בליק זיינעם האָב איך ניט געקענט אויסהאַלטען. איך האָב געמוזט אַראָפּלאָזען מיינע אויגען ווי אַ קינד, וואָס האָט זיך פאַרזינדיגט און איך האָב געפּרואווט רעדען, און ניט געקענט. איך האָב געמוזט אוועקגעהן“.

אין עטליכע טעג אַרום איז אָט דערזעלביגער קאָרעספּאָנדענט געוואָרען טאַקע אַן אמת׳ער רעוואָלוציאָנער, און אָנגעפאַנגען צו אַרבייטען פאַר דער סאָוועטען רעגירונג.

7. לענין האָט פיינט ליגענס און פאַנטאַזיעס.

אַ מאָדנער מענש, אָט דער לענין. ער האָט פיינט בלאָפס, פראַזען און נאָך אַזעלכע אויסגעטראָטענע וועגען פון דעם געוועהנליכען פּאָליטישען שטאַאַטסמאַן. ער איז רוסיש אָפענהערציג. ווען ער רעדט פאַר דער יוגענד, ווען ער רופט די קרעפּטיגסטע זיהן פון רוסלאַנד אין דער רויטער אַרמיי — לעגט ער זיי ניט קיין פויגעלעך אין בוזים. ער זאָגט זיי: „חברים, דער ציעל, פאַר וועלכען די באָלשעוויקעס קעמפען, איז נאָך זעהר ווייט — ווייטער נאָך ווי איהר קענט פאַנטאַזירען. דער וועג צום ציעל איז פול מיט דערנער, פול מיט שטיינער. קיין האָניג וועלען מיר אויף דעם וועג ניט לעקען. מיר קויפען זיך אַלץ מעהר שונאים. אויף דעם וועג וועלען מיר נאָך מעהר הונגערן. ניטאָ דאָ קיין איין קלינגענדיגע פראַזע. קאַלטע דבורים!

לענין איז אָפענהערציג מיט יעדען, אפילו מיט אַ פּאָליטישען

שונא זייגעם. אַן ענגלענדער דערצעהלט וועגען לענין'ס באַציהונגען צו איהם. דאַס זיינען לענין'ס ווערטער: „פּערזענליך האָב איך צו דיר גאָרנים. פּאָליטיש ביסטו מיין שונא, און איך וועל ניט דורכלאָזען קיין געלעגענהייט אַ תל צו מאַכען פון דיר. דיין רעגירונג טוט דאָס זעלביגע בנוגע צו מיר. און איצטער לאָמיר זעהן ווי ווייט מיר קענען ביידע געהן צוזאַמען."

לענין קען קיינעם ניט אָפּנאַרען, זיך אַליין אודאי ניט. דערפון נעהמט זיך טאַקע, וואָס ער איז אַזוי טיעף־וויסענשאַפטליך, וואָס ער פליהט ניט אין די וואָלקענס, וואָס ער בויט אַלעס אויף דער פעלזען־האַרטקייט פון פאַקטען.

עפּעס אַזוי ווי זיין מח וואָלט זיין אַ צענטראַלע סטאַנציע, וואו עס קומען זיך צונויף אינפאָרמאַציאָנס־דראָטען פון אַלע ווינקעלאַך פון לעבען פון יעדען שפּעלטעלע. און אַלע פאַקטען זיינען ביי איהם אָפּגעוואויגען און אָפּגעמאָסטען, סאָרטירט און איבערגעקליבען. און קומט לענין צו צו אַ פראַגע, האַלט ער אין איין האַנד אַלע פאַקטען פאַר, און אין דער צווייטער — אַלע פאַקטען געגען, ווי אין אַ מאַטעמאַטישער פּראָבלעם. און ווילען מיר זוכען אַן אַנדער פאַקט, וואָס לענין האָט אפשר אויסגעלאָזען, וועלען מיר ניט געפינען. לענין לאָזט גאָר ניט דורך.

און פונקט ווי ער קעמפּפט געגען פוסטער פּראַזען־שיסעריי פון רעכטס, קעמפּפט ער, לענין, געגען פייערדיגע רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען פון לינקס. ער שפּעט אָפּ פון די לינקע, פון זייער סענטימענטאַליזם. נאָר פאַקטען, די ווירקליכקייט איז זיין חיונה.

בעת די דייטשען האָבען זיך אַ שפּאַר געטאָן אויף פּעטראָגראַד, איז סמאָלני פארפלייצט געוואָרען מיט טעלעגראַמען פון אַלע עקען פונ'ם לאַנד. איבעראַל איז מען פשוט נבהל ומשתומם געוואָרען פון די דייטשען, אַלע זיינען געווען להרוג ולאבד אויף זיי. געענדיגט האָבען זיך אַלע טעלעגראַמען מיט אַזעלכע ווערטער, ווי: „עס לעבע דער אומבאַזיעגבאַרער רוסישער פּראָלעטאַריאַט!", „טויט צו די אימפּעריאַליסטישע גזלנים!", „מיט אונזער לעצטען טראָפּען בלוט וועלען מיר פאַרטיידיגען די הויפּטשטאָדט פון דער רעוואָלוציע!"

לענין האָט די אַלע טעלעגראַמען איבערגעלייענט און צושיקט טעלעגראַמען צו אַלע סאָוועטן. אין די טעלעגראַמען האָט ער זיי געבעטען צו זיין אַזוי פריינדליך און ניט שיקען קיין רעוואָלוציאָנערע פּראַזען קיין פּעטראָגראַד, נאָר סאָלדאַטען; למעה"ש איהם מודיע זיין די ריכטיגע צאָהל וואָלונטירען וואָס זיי האָבען, און גלייך צושיקען אַ גענויען באַריכט וועגען די וואַפען, אַמוניציע און שפּייז, וואָס זיי פאַרמאָגען.

אין דעם טומעל האָט אַלעם געשיינט צו זיין זעהר ביטער. די אַלטע אַרמיי וויל מעהר ניט קעמפּפען. קיין נייע איז נאָך דערוויילע אין ערגעץ ניטאָ, אויסער אויפ'ן פּאַפּיער. פּסקאָוו האָט מען איבערגעגעבען דעם שונא אפילו אָהן אַ ווידערשטאַנד. און דער שונא רוקט זיך אַלץ נעהנטער און נעהנטער. שלום איז לענין'ס בעסטע רפואה פאַר אָט דער מכה. די סאָוועטען זעהען דאָס אָבער נאָך ניט איין. אַלע ווילען קעמפּפען, אַלעם מקריב זיין אַבי דעם שונא צו פאַרטרייבען. זיי קענען דאָס אָבער ניט טאָן. שיסען זיי מיט פראַזען. פאַרלירען זיי זיך אין גאַנצען אין אָט דעם תהו ובהו.

און דאָ קומט לענין, אָהן פראַזען. ער טוט. ער לאָזט ניט דורך קיין איין געלעגענהייט צו מאָביליזירען אַלע קרעפטען פאַר דער פאַרטיידיגונג פון פּעטראָגראַד. ער שיקט אַוועק אַן אויטאָמאָביל מיט רויטע גוואַרדייצעס צו דער פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג. ער הייסט צו זיך ברענגען פון דאָרט עטליכע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע גענעראַלען, וואָס זיינען דאָרט פאַרשפּאַרט.

באַלד האָט מען די גענעראַלען געבראַכט. לענין שלאָגט זיי פאָר אויסצואַרבייטען אַ פּלאַן פאַר דער פאַרטיידיגונג פון פּעטראָגראַד. די גענעראַלען זיינען מסכים דערצו.

„אָט דאָס זיינען אונזערע קרעפטען", זאָגט לענין און ווייזט אָן אויף דער מאַפּע וואו עס געפינען זיך די סאָלדאַטען פון דער רויטער אַרמיי, דער רעזערוו און די אַמוניציע. „און אָט זיינען די לעצטע באַריכטען מכח דער צאָהל און קראַפט פונ'ם שונא. און טאָמער וועט איהר נאָך עפּעס דאַרפען וועט איהר מוחל זיין און דאָס הייסען זיך ברענגען".

די גענעראַלען האָבען זיך אַוועקגעזעצט און דעם גאַנצען טאָג

געאַרבייט. פאַרנאַכט ערשט טראַגען זיי זייער פּלאַן צו לענינען. „וועט שוין איצטער דער פּרעמיער זיין אַזוי גוט און אונז ער־לויבען איבערצובייטען אונזער קוואַרטיר?“

„עס טוט מיר זעהר לייד“, ענטפערט לענין. „אַן אַנדערס מאָל, ניט איצטער. אייער קוואַרטיר איז טאַקע ניט אַזוי פויגעל־דיג, אָבער איין מעלה אַ גוטע האָט זי: זי איז זיכער.“ די גע־נעראַלען האָט מען צוריק אָפּגעשיקט אין דער פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג.

8. לענין דער נביא און שטאַאַטסמאַן.

קיין נסים טרעפען זיך ניט אויף דער וועלט היינטיגע צייטען. לענין איז ניט קיין „רוח־הקודש“־מענש. זיין קראַפט פאַראויסצו־זעהן זאַכען און פּאַסירונגען איז אויך ניט קיין שוואַרצקינצלע־רישע. ער איז פשוט אַן אונגעהייער־פעהיגער מענש, זיין מח זאַפּט איין טויזענדער און טויזענדער פאַקטען, און ער קען אָט די פאַקטען אויסנוצען. אָט די פעהיגקייט ווייזט לענין אויף אַרויס אין זיין בוך, „די ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם“. די ערקלעהרונג, וואָס ער מאַכט אין אָט דעם בוך, אַז האַלב פון די רוסישע פּויערים זיינען פּראָלעטאַריזירט און זיינען פשוט׳ע לוין־שקלאַפען מיט שטיקלאַך לאַנד, — אָט די ערקלעהרונג גראָבט זיך אונטער און צושטערט דעם עקאָנאָמישען געדאַנק פון היינטיגער צייט. דאָס איז ניט קיין ערקלעהרונג גלאַט אין דער וועלט אריין. די ער־קלעהרונג שפּאַרט זיך אָן אויף וויסענשאַפטליכע אויספאָרשונגען, אויף סטאַטיסטיק געזאַמעלט פון די זעמסטוואָס פאַר די לעצטע יאָהרען.

איז דען אַ חדוש, וואָס לענין׳ס רעפּוטאַציע וואַקסט און וואַקסט, אַז וואָס ער זאָל ניט זאָגען ווערט מקוים?

וויפיעל מאָל האָט מען לענין׳ס פאָרשלאָגען און מיינונגען נידערגעשטימט אין דער פּאַרטיי גופא? שפּעטער אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז לענין איז געווען גערעכט. בנוגע צו טאַקטיק־פראַגען האָט מען זיך מסוכן געאַמפּערט געגען לענינען. דאָס לעבען האָט אָבער שטענדיג באַוויזען, אַז לענין איז געווען גערעכט. אַזעלכע פּראָמינענטע באָלשעוויקעס ווי קאַמעניעוו און זי־

נאָוויעוו האָבען באין אופן ניט געגלויבט, אז די נאָוועמבער־רעוואָלוציע זאָל זיך איינגעבען. לענין האָט אָבער געזאָגט: „עס איז אונמעגליך, די רעוואָלוציע זאָל דורכפאַלען." לענין איז גע־ווען גערעכט. די באָלשעוויקעס האָבען נאָר א פינטעל געטאָן מיט'ן אויג, און די מאכט איז אריין צו זיי אין די הענט. קיינער איז ניט געווען מעהר ערשטוינט פונ'ם נצחון ווי די באָלשעוויקעס אליין.

אנדערע באָלשעוויסטישע פיהרער האָבען אפילו צוגעגעבען, אז מען קען די מאכט יאָ ארייננקריגען, אָבער זיי האָבען ניט גע־גלויבט, מען זאָל זי קענען אָנהאַלטען. לענין האָט אָבער געזאָגט: „יעדער טאָג וועט אונז ברענגען פרישען כח". און ער איז ווידער אמאָל געבליבען גערעכט. נאָך א צוויי־יאָהריגען קאמפף מיט שונאים ארום־און־ארום זיגען די סאָוועטען־חילות אויף אלע פראָנטען.

בעת טראָצקי האָט זיך געוואָרפען אויף אלע זייטען און באין אופן ניט געוואָלט אונטערשרייבען זיך אויפ'ן שלום־אָפמאך, האָט לענין איהם געוואָרענט: „שפּיעל זיך ניט מיט פייער. שרייב זיך אונטער אויף דעם שלום־אָפּמאַך, וואָס די דייטשען גיבען איצטער. שפּעטער וועט נאָך ערגער זיין. די דייטשען וועלען אונז צווינגען זיך אונטערצושרייבען אויף ערגערע תנאים". ווער איז געווען גערעכט? ווידער אמאָל לענין. רוסלאַנד איז געצוואונגען געווען אונטערצושרייבען דעם ברעסט־ליטאָווסקער באנדיטען־שלום.

נאָך אין פריהלינג פון 1918, ווען די גאנצע וועלט האָט בא־טראכט א רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד אלס אַן אומזין, ווען די דייטשע ארמייען האָבען געטריבען פון אלע פונקטען די אליאירטע סאָלדאטען אין פראנקרייך, האָט לענין, שוין דעמאָלט, אין א געשפרעך מיט אלבערט רהיז וויליאמס געזאָגט: „די דייטשע קרוין וועט זיך מעהר פון א יאָהר ניט האַלטען. דאָס איז אזוי קלאָר ווי 2 מאָל 2 איז פיער". אין ניין מאָנאטען ארום איז דער דייטשער קייזער שוין נעלם געוואָרען פון דייטשלאַנד, אנטלאָפען פון זיין אייגען פאָלק.

אין אפריל, 1918, האָט לענין גערעדט מיט אלבערט רהייז וויליאמס. זאָגט איהם לענין: „אויב איהר פאָהרט באלד

ניט צוריק קיין אַמעריקאַ, וועט איך נאָך אין סיביר באַגעגענען אַן אַמעריקאַנער ארמיי". וויליאַמס איז איבערראַשט געוואָרען. אין מאָסקווע האָט מען רעמאָלט זעהר שטאַרק געגלויבט, אַז אַמעריקאַ וועט דעם האַלז שטרעקען פאַר רוסלאַנד. זאָגט איהם וויליאַמס: „עס איז אונמעגליך. רייטאַנד ראָבינס גלויבט, אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג וועט אין גיכען אָפיציעל אַנערקענען די סאָוועטען."

„אמת טאַקי", זאָגט לענין, „אָבער ראָבינס שטעלט מיט זיך פאַר די ליבעראַלע בורזשואַזיע פון אַמעריקאַ. זי, די ליבעראַלע בורזשואַזיע, באַשטימט אָבער ניט די אַמעריקאַנער פּאָליטיק. זי איז אין די הענט פון דער פינאַנץ־בורזשואַזיע. אָט די פינאַנץ־בורזשואַזיע וויל קאָנטראָלירען סיביר. און אַמעריקאַ וועט שיקען אַן ארמיי קיין סיביר צו ערובערען דאָרט דעם קאָנטראָל."

וויליאַמס האָט באַין אופן טאַקי ניט געוואָלט צולאָזען דעם געדאַנק. אָבער פאָהרענדיג אהיים, קיין אַמעריקאַ, האָט ער אין וולאַדיוואסטאָק באַגעגענט אַמעריקאַנער מאַטראָסען און סאָלדאַ־טען. דאָרט איז שוין געווען לעבעדיג. רעאַקציאָנערען, טשעכען, ענגלענדער, יאַפּאַנעזער און אַנדערע אַליאירטע סאָלדאַטען האָבען אַרונטערגעריסען אומעטום די פאָהנען פון דער סאָוועטען־רעפּובליק און אויף זייער אָרט אַרויפגעצויגען די פאָהן פון דער אַלטער זעלבסטהערשונג.

וואָס מען זאָל ניט זאָגען וועגען לענין'ס נביאות איין זאַך איז זיכער: זיי זיינען זעהר אינטערעסאַנט. אָט איז דער תמצית פון נאַורא'ס אַן אינטערוויו מיט לענינען:

„מכּה דער צוקונפט פון דער וועלט?" זאָגט לענין, „איך בין ניט קיין נביא. איין זאַך איז אָבער זיכער: דער קאַפּיטאַליסטי־שער שטאַאט, וואָס ענגלאַנד שפּיגעלט אָב בעסטען אָפּ, האַלט ביים שטאַרבען. די אַלטע אָרדנונג איז פאַר'משפּט צום טויט. די עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וואָס די מלחמה האָט באַשאַפען שטופען די וועלט צו דער נייער אָרדנונג. די מענשליכע ענטוויקלונג פיהרט אופאַרמיידליך צום סאָציאַליזם."

„ווער וואָלט געגלויבט מיט עטליכע יאָהר צוריק, אַז אין אַמע־ריקאַ זאָל מעגליך זיין צו נאַציאָנאַליזירען די אייזענבאַהנען? מיר האָבען אויך געזעהן, אַז די אַמעריקאַנער רעפּובליק האָט אויפגע־

קויפט אלע תבואות פון לאנד, כדי דער שטאאט זאל זיך מיט די תבואות באנוצען לויט זיין רצון. און וואס מען האט אמאל געגען שטאאט ניט גערעדט האט עס דאך ניט אפגעהאלטען אט די ענט־ וויקלונג. אמת, מען מוז באשאפען נייע קאנטראל־מיטלען, כדי אויסצובעסערען די פעהלערען. אבער יעדער פארזוך אפצוהאלטען דעם שטאאט, ניט דערלאזען איהם צו ווערען דער אמת׳ר בעל־ הבית אין לאנד איז ארויסגעווארפענע ארבייט. ווייל דאס אונ־ פארמיידליכע קומט און עס שפארט זיך אריין דורך זיין אינערלי־ כער קראפט. מען זאגט, אז דעם טעם פון צימעס פיהלט מען ערשט ווען מען צוקייעט איהם. זאגט אייך וואס איהר ווילט, אלע נאציאנען אבער וועלען מוזען פארזוכען פון׳ם סאציאליסטישען צי־ מעס, און טאקי עסען אלץ מעהר און מעהר.

„אין קורצען, די ערפאהרונג באווייזט אונז, אז יעדע מענש־ ליכע גרופע שפארט זיך אלץ נעהנטער צום סאציאליזם, יעדע גרו־ פע אויף איהר אייגענעם שטייגער. אפילו די לעטטען געהען צום סאציאליזם אויף אן אנדער וועג ווי די רוסען. עס וועלען זיין א סך פארשידענארטיגקייטען, א סך אפווענדונגען אבער זיי זיינען מעהר ניט ווי פארשידענע פאזען פון א רעוואלוציע מיט דעמזעל־ ביגען ציעל. וועט נור א סאציאליסטישע ארדנונג איינגעפיהרט ווערען אין דייטשלאנד אדער אין פראנקרייך וועלען זיי ניט האבען אזוי פיעל צרות מיט איהר ווי מיר אין רוסלאנד. ווייל אין מערב וועט דער סאציאליזם שוין האבען די אויסשטאטונג, די ארגאניזא־ ציאנען, אלערליי אינטעלעקטועלע פארברייטונגען און מאטעריאלען, וואס פעהלען אין רוסלאנד.“

9. לענין שעצט הויך טאלאנט און פעהיגקייט.

די בורזשואזע פארקויפטע פרעסע זאל קענען לענינען דער־ טרינקען אין א לעפעל וואסער וואלט זי דאס זיכער געטאן. אונטער דער ערד גראבט זי אויס אלערליי בלבולים אויף איהם. „לענין?“— שיפעט זי ארויס, „ער איז דאך בטבע אן אריסטאקראט. ער שפעט דאך אפ און מאכט חוזק פון די ברייטע מאסען. ער גלויבט ניט אין זייער ארענטליכקייט. ער גלויבט ניט אין זייערע פעהיגקייטען זיך איבערצוגעבען צו א אידעאל. ער אליין זאגט דאך, אדער

אפשר האָט ער געזאָגט אין אַן אַנדער גלגול, אַז די אַרבייטער־מאַסען זיינען מעהר ניט פעהיג ווי צו ענטוויקלען אַ פּראָפעסיאָ־נעלע באַוועגונג, צו קעמפען געגען באַלעבאָס, אַנפיהרען קליינליכע סטרייקס, קעמפען פאַר דעם 8־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג א. אַז. וו. די גרעסטע ראָלע שפּיעלט די אינטעליגענץ. אינטעליגענטען זייַ־נען קעפּ, זיינען — אידעאַליסטען, זיי קעמפען פאַר עטוואָס העכ־כערעס ווי ברויט מיט ציבעלע...״

עס איז אמת, די סאָוועטען־רעגירונג און לענין ווייזען אַרוים אין זייער טעטיגקייט און אין זייערע געזעצען, אַז זיי שעצען זעהר הויך מחות, חכמה. אויף יעדען געביעט זוכט לענין דעם ספּעציאַ־ליסט. אין קריעגס־פיהרונג וועט לענין זיך אַן עצה האַלטען מיט גענעראַלען אפילו פון צאַר׳ס רעזשים. קאַרל מאַרקס, דער דייטש, איז ביי איהם אַן אויטאָריטעט אין רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק, טיילאָר, דער אַמעריקאַנער איז ביי איהם אַן אויטאָריטעט אין אינ־דוסטריעלער פּראָדוקטיוויטעט. ער זוכט די הילף פון דעם געאיב־טען אינזשעניר און געניטען בעל חשבון און בכלל פון׳ם ספּעציאַ־ליסט אין יעדען געביעט. ער גלויבט טאַקע אַז די סאָוועטען־סיס־טעם וועט ווי א מאַגנעט צוציהען די בעסטע, די ענערגישסטע, די פעהיגסטע מענשען פון דער גאַנצער וועלט. ער גלויבט, אַז אַט די אַלע ספּעציאַליסטען וועלען אונטער דער סאָוועטען סיסטעם האָבען א וויטער׳ן שוואונג, א ברייטערען קרייז פאַר׳ן שאַפענדען גייסט זייערן, ווי אונטער יעדער אַנדער סיסטעם.

ער, לענין, זאָגט, אַז האַרימאַן איז אויסגעמוטשעט געוואָרען ניט אַזוי דורך די שוועריגקייטען אַנצופיהרען מיט די גרויסע אייַ־זענבאַהנען, ווי דורך דער שווערער פּראָבלעם צו פינאַנסירען זיי, פּשוט מיט דער פּראָבלעם צו קריגען געלד פאַר זיי. אונטער דער סאָוועטען־סיסטעם, וואָלט א האַרימאַן ניט געדאַרפט אוועק׳פטר׳ן זיינע קרעפטען און ענערגיע אויף פינאַנסירען, ער וואָלט זיין גאַנ־צע ענערגיע, זיינע אַלע כוחות אַנגעווענדעט אויף דער זאַך צו וועל־כער ער איז באַרופען—צו פאַרוואַלטונג. ווייל אונטער דער סאָוועט־סיסטעם קריעגט דער הויפּט אַדמיניסטראַטאָר אַזוי פיעל עקאָנאָ־מישע מאַכט, ווי, למשל, אונזערער א קאָנגרעסמאַן — פּאָליטישע

מאכט. מען גיט איהם איבער אלע נאטירליכע אוצרות פון רוס־לאנד צו טאָן מיט זיי וואָס ער קען. און א חוץ אָט די נאטירליכע אוצרות פארמאָגט אויך רוסלאנד א לעבעדיגען, ענטוזיאסטישען ארבייטער־קלאַס.

אָט די לעצטע מעלה איז אין ערגיץ, אין קיין לאנד ניטאָ. אומעטום פארדינגט זיך דער ארבייטער נור צוליעב די שכירות. די פאַרוואַלטונג האָט שטענדיג צרות, אָפטע סכסוכים מיט די אר־בייטער. דאָס שטערט אין א גרויסער מאָס דעם ערפאָלג און דעם וואוקס פון די אונטערנעהמונגען. אונטער דער סאָוועטען־סיסטעם זייגען אָט די קרעפטען אין גאנצען פריי פון סכסוכים און קענען זייער ענערגיע איינגאנצען אָבגעבען צו דער פראָדוקציאָן, צו פאר־גרעסערען די פּראָדוקציאָן. לענין גלויבט אין׳ם גרויסען ערפאָלג פון די סאָוועטען, ווייל זיי רופען ארויס די ענטוזיאסטישע שאַ־פונגס־ענערגיע אין די מאסען און אין דער זעלביגער צייט באפרייען זיי די קעפּ פון די גאונים צו שאַפען, וואָס זייער בארוף איז.

לענין שאַצט אָב ריכטיג די אלע סאָציאַלע קרעפטען פון דער געזעלשאַפט, גיט אָב יעדען סאָציאַלען עלעמענט זיין פּלאַץ. די אינטעליגענץ האָט איהר פלאַץ פאר דער רעוואָלוציע און נאָכדעם. פריהער, אלס אגיטאטאָרס, האָבען די אינטעליגענטען געהאָלפען שאַפען, ארויסרופען די רעוואָלוציע. און איצטער, אלס ספּעציאַ־ליסטען, וועלען זיי מיט זייערע טעכנישע פעהיגקייטען, אויסהעל־פען, אז די רעוואָלוציע זאָל זיך באפעסטיגען און האָבען א קיום.

לענין האלט אין „עולם ומלואו", פון אמעריקאנער ספּעציאַליס־טען־טעכניקער ,אינזשינירען, פאַרוואַלטער. ער האָט זעהר גע־וואָלט קריגען 5 טויזענד אזעלכע אמעריקאנער ספּעציאַליסטען. ער וואָלט זיי באצאָהלט די העכסטע שכירות. מען האָט ניט איין מאָל אויפגעוואָרפען, אז ער איז עפּעס צופיעל גענייגט צו אמערי־קא. זיינע שונאים פאַלען טאקי גאנץ אָפט אויף איהם אָן, רופען איהם : „אגענט פון וואָל סטריט". אין היציגע דעבאטען האָבען די עקסטרעם־לינקע איהם ניט איינמאָל אזוי גערופען.

באמת אָבער, איז דער אמעריקאנער קאפיטאליזם ביי לענינען ניט געווען ווענינער טריפה ווי דער קאפיטאליזם פון אן אנדער נאציאָן. אמעריקא איז אָבער פון רוסלאנד ווייט. קיין דירעקטע

סכנה פאַר די סאָוועטן איז אַמעריקא דעמאָלט ניט געווען. און די סחורות און ספּעציאַליסטן, וואָס רוסלאַנד דאַרף פאַרמאָגט דאָך אַמעריקאַ. „איז דאָס דאָך אין די אינטערעסן פון ביידע לענדער, רוסלאַנד און אַמעריקאַ, צו לעבן בשלום. ניט אַזוי?“ פלעגט לענין פרעגן.

„מעג דען אַ קאָמוניסטישער שטאַט האַנדלען מיט אַ קאַפּי־טאַליסטישען? קענען דען אָט די צוויי פאַרשידענע שטאַאַטס־פאָרמען עקזיסטירען אין איינער און דערזעלבער צייט?“ האָט מען געפרעגט לענין׳ען.

„זיכער“, ענטפערט לענין. „מיר נויטיגען זיך אין ספּעציאַ־ליסטען־טעכניקער און אין וויסענשאַפטס־מענער. מיר דאַרפען פאַרשידענע אינדוסטריעלע פּראָדוקטען, און מיר אליין קענען באין אופן ניט ענטוויקלען אונזערע אונגעהייערע קולטור אוצרות. אונטער אַזעלכע אומשטענדען מוזען מיר צוגעבען, אַז אונזערע פּרינציפּען קענען ניט אַנגעווענדעט ווערען אויסער אונזערע גרעני־צען. עס מעג טאַקי זיין ניט אַנגענעהם, אָבער מיר מוזען מיט פרעמדע לענדער זיך פאַרבינדען, אויסער אונזער לאַנד הערשען אַנדערע פּרינציפּען. און מיר זיינען גרייט צו צאָהלען פּראָצענט פאַר אונזערע אויסלענדישע הלואות. טאַ־מער וועט אונז אויספּעהלען מזומן געלד אין אונזער מסחר, זיינען מיר גרייט צו צאָהלען מיט תבואות, מיט נאַפט און מיט רויהע מאַטעריאַלען, אין וועלכע מיר זיינען רייך.

„מיר האָבען באַשלאָסען אָוועקצוגעבען וועלדער און מינען, אַלס קאָנצעסיעס צו די בירגער פון די אַליאירטע לענדער מיט׳ן תנאי, אַז די הויפּט פּרינציפּען פון די רוסישע סאָוועטען זאָלען ניט באַריהרט ווערען. נאָך מעהר, מיר וועלען אפילו איינגעהן — פאַרשטעהט זיך, ניט מיט אונזער גוטען ווילען, נור על פי נויט — אָבצוגעבען צו איינינע פון די אַליאירטע מעכטע שטיקער טעריטאָריע פון דער אַלטער רוסישער אימפּעריע. מיר ווייסן, אַז די ענגלישע, יאַפּאַנעזער און אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטען האָבען גרויס חשק, גאַרען נאָך אַזעלכע קאָנצעסיעס.

„מיר האָבען שוין באַשטעלט אַן אינטערנאַציאָנאַלע אַסאָציאַ־

ציע אויגפצובויען די גרויסע צפון־אייזענבאהן־ליניע. האָט איהר שוין דערפון געהערט? זי וועט זיך ציהען אויף 3 טויזענד ווערסט, פון סאָראָקאָ נעבען דעם אנעגא־פלוס, דורך קאטלאס און וועט דורכשניידען די אוראלער בערג ביז׳ן טייך אָבי. אונגעהייערע שטרעקעס פון וואלד וואָס שטעהען דאָ נאָך פון „ששת ימי בראשית״ אויף א שטח פון 8 מיליאָן העקטארס לאַנד מיט פיעלע פארשיעדענע מינען, נאָך ניט קיין עקספּלואטירטע, וועלען אריינפאלען אין די הענד פון אָט דער אסאָציאציע, אָט די קאָנצעסיעס זיינען אויף א משך פון 80 יאָהר. קיין שווערע באַדינגונגען האָבען מיר דער קאָמפּאַניע ניט געשטעלט. די איינציגע זאך וואָס מיר פאָדערען איז אָפּצוהיטען די געזעצען פון דער סאָוועטען־רעגירונג, ווי, למשל, דעם 8־שטונדיגען אר־בייטס־טאָג און דעם קאָנטראָל פון די ארבייטער אָרגאַניזאציאָ־נען. אמת, דאָס איז א היבשער מהלך פון׳ם קאָמוניזם. דאָס איז נאָך ווייט פון אונזער אידעאל. די פראַגע האָט טאַקי ארויסגערופען היציגע דעבאַטען אין די פארשידענע סאָוועטען־זשורנאלען. מיר האָבען אָבער באשלאָסען דאָס דורכצופיהרען. ביי אונז איז איצטער אַן איבערגאַנגס־צייט.״

— „אין איהר גלויבט״, שטעלט מען ווידער א פראגע, „אז די קאַפּיטאליסטען וועלען ריזיקירען מיט אזוי פיעל אוצרות? זיי וועלען אזא זאך אפילו ניט אָנפאַנגען אָהן א געהעריגער מיליטערישער שוץ. וועט אייער רעגירונג ערלויבען באַזעצען דאָס לאַנד מיט פרעמדע סאָלדאטען?״

— „עס איז אַ גאַנץ איבריגע זאך״, ענטפערט לענין. „די סאָוועטען רעגירונג וועט איהרע הבטחות סיי ווי מקיים זיין. מען וועט אָבער קענען די פראגע באַטראַכטען פון אלע זייטען.״

לויט די באַריכטען פון דעם גרויסען מאָסקווער עקאָנאָמישען ראַט, האָט לענין, צוזאַמען מיט טשיטשערינען, געקעמפט געגען אינזשינער קראַסינען פאר אַן עקאָנאָמישער פארבינדונג מיט אמעריקא. קראַסין איז געגען אָט דער פארבינדונג מיט אמע־ריקא. ער, קראסין, וויל, אז רוסלאַנד זאָל בעסער אזא פאראייניגונג שליסען מיט דייטשלאַנד.

10. לעגין גלויבט אין אייגענעם פאָלק.

די וועלט איז געוואוינט צו קוקען אויפ׳ן רוסישען פאָלק, אויף די ברייטע שיכטען אמווינציגסטען, ווי אויף די אָפּגע־שטאַנענסטע אין דער וועלט. פינסטער, פארגרעבט און אונווי־סענד. דער המון איז פויל, אונבאַוועגליך. זיין איינציגער אי־דעאַל איז מאַכען אַ כוסה. ווי קומט צו איהם רעוואָלוציע? וואָס דארף ער אידעאַלען? לעגין אָבער, קוקט אויף אָט דעם המון ווי אויף דער נשמה פון דער רעוואָלוציע, ווי אויף דער איינציגער טרייב־קראַפט איהרער. דאָס לעבען באַווייזט ווידער אמאָל ווי ריכטיג לעגין האָט אלעס פאָראויסגעזעהן. אויסלענ־דער ווערען פשוט ערשטוינט פון די רוסישע ארבייטער, פון די ברייטע רוסישע מאַסען.

אַ מיטגליעד פון דער רויט־קאָמיסיע, וואָס איז פון אמע־ריקא אַפּגעפאָהרען קיין רוסלאַנד, האָט אַן ערשטוינטער אַ פרעג געטאָן: „ווי קומט דאָס, וואָס אזוי פיעל רוסען, אויף וועמען מען האָט שטענדיג געקוקט ווי אויף די אפּגעשטאַנענסטע, ווי אויף פינסטערע גראָביאנעס, זאָלען זיך אזוי ארויפוואַרפען אויף אַ סאָציאַלער פילאָזאָפיע? דער גאַנצער וועלט איז דאָך נאָך אָט די פילאָזאָפיע פרעמד? און זיי, די רוסען, האָבען אויף אזוי פיעל איבערגעיאָגט די גאַנצע וועלט?" אויף די הונדער־טער יונגע לייט פון דער י. מ. ק. א.*) און אַנדערע קערפּערשאַפ־טען, וואָס זיינען געוועזען אין רוסלאַנד, פלעגען די רוסישע אר־בייטער קוקען ווי אויף חדר־אינגלעך. אמעריקאַנער סטודענ־טען! און קומט צו עפּעס ווייסען זיי אפילו ניט דעם חלוק צווי־שען סאָציאַליזם, סינדיקאַליזם און אַנארכיזם! אַ פּראָסטער ארבייטער וועט זיי דאָך פון ארבעל אויסטרייסלען...

די אַמעריקאַנער פּראָפּאַגאַנדא־אַגענטען צושפּרייטען צווי־שען די מאַסען פּרעזידענט ווילסאָן׳ס רעדע מכח די 14 פּונקטען.

*) יאַנג מען׳ס קריסטשען אַסאָסיאיישאָן. די אָרגאַניזאַציע האָט צוזאַמענגעאַרבייט מיט׳ן „רויטען קרייץ" ארויסצוהעלפען די רוסישע באַפעלקערונג. געהיים — אָפטמאָל געהאָלפען אַנטראַגען די קאָנטר־רעוואָ־לוציאָנערע פּאָליטיק פון די „עליים".

אין די הונדערט-טויזענדער עקזעמפּלארען. פרעגען זיי יעדען: „וואָס איז אייער מיינונג וועגען אָט דער רעדע?"

„אמת גוטע ווערטער", איז געווען דער געוועהנליכער ענט־פער, „אָבער דאָס איז מעהר ניט ווי א צוזאג. פּרעזידענט וויל־סאָן, קען זיין, טראָגט זיך טאקי אַרום מיט אזוינע געדאנקען. אין דעם שלום־אָפּמאַך וועט אָבער קיין איינער פון אָט די פּונק־טען ניט זיין, סיידען די ארבייטער וועלען קאָנטראָלירען זייערע רעגירונגען."

א באוואוסטער אמעריקאנער פּראָפעסאָר האָט דעמאָלט חוזק געמאכט פון אָט דעם סקעפּטיש־שען בליק פון די רוסישע ארבייטער. היינט, מן הסתם, לאכט ער פון זיין אייגען לייכט־גלויביגקייט. ער קען, מן הסתם, נאָך עד היום ניט באגרייפען ווי אזוי האָבען עס אָט די „פינסטערע מענשען" פון קליינינקע סאָוועטען ערגיץ אין א פארוואָרפען ווינקעל פון דער אָפּגעשטאָ־נענער רוסלאנד בעסער פון איהם, דעם פּראָפעסאָר, אנגעטאפּט דעם דופק פון דער אינטערנאציאָנאלער פּאָליטיק.

די ענגלענדער האָבען זיך פאַרגעשטעלט, אז ווען מען זאָל אַפּעלירען צו תאוה־געפיהלען פון די רוסישע מאסען וואָלט מען ביי זיי אויסגעפיהרט דאָס טעלערעל פון'ם הימעל. געטראכט און געטאָן. האָבען זיי געבראכט קיין ארכאנגעלסק שנאפּס, איינגעמאכטסען אלערליי, ווייסע מעהל פאַר בולקעס און דער־מיט געוואָלט אונטערקויפען די באפעלקערונג. די אויסגעהונ־גערטע באפעלקערונג איז מיט שמחה געלאָפען נאָך אָט די מתנות. זיי האָבען אָבער באלד באמערקט, אז דאָ וויל מען זיי אונטערשמירען, און, אז מיט אָט די מתנות ווילען די ענגלענדער זיך אונטערגראָבען אונטער דער רוסישער פרייהייט, צושפּליטערען דאָס לאנד. האָט דאָס פאָלק זיך ארויפגעוואָר־פען אויף די ענגלענדער, די כיטרע, און זיי האָבען צום סוף מיט כזיון געמוזט פארלאָזען דאָס לאנד.

די צייט האָט אויך באוויזען ווי ווייט לענין איז גערעכט געווען אין זיין מיינונג וועגען דער עקשנות פון די רוסישע מאַ־סען. פאַרגלייכט די נביאות פון 1917 מיט די פאקטען פון היינט. די שונאים פון די סאָוועטען האָבען דעמאָלט געשריען,

אז די סאָוועטען־מאַכט וועט זיך האַלטען 3 טעג, ניט מעהר. עס זיינען אוועק עטליכע מאָל 3 טעג, האָבען די שונאים פאַר־לענגערט זייער טערמין אויף 3 מאָנאַטען. איצט איז שוין אוועק 8 מאָל דריי מאָנאַטען און די סאָוועטען־שונאים זיינען מרוצה געוואָרען צו פאַרלענגערן זייער טערמין ביז 3 יאָהר...

11. דער ערפאָלג פון דער רעוואָלוציע.

וואָס א טאָג ווערען די סאָוועטען אַלץ שטאַרקער. זייער מאַכט שפּאַרט זיך אָבער ניט אָן אויף פיזישער קראַפט, אויף באַיאָנעטען און ביקסען, ווי מאַנכע מיינען. די מאַכט איז אַן עקאָנאָמישע. די מאַסען עראָבערען אַלץ מעהר מאַכט דורך זייערע אויפטואונגען אויף׳ן אינדוסטריעלען געביעט און אויף אַלע אנדערע געביעטען פון׳ם געזעלשאַפטליכען לעבען. אויפ׳ן עקאָנאָמישען געביעט האָבען די סאָוועטען איינגעפיהרט נייע אופנים צו פאַבריצירען טעקסטיל־סחורות, שוועבעלאַך, נייע קראַפט־סטאַנציעס, וואו זיי ווילען קענען אויסנוצען די טאָרף־שיכטען פון רוסלאַנד. זיי האָבען אָרגאַניזירט אונגעהייערע אינזשיניר־אונ־טערנעמונגען ווי, למשל: עלעקטרישע סטאַנציעס, קראַפט־סטאַנ־ציעס. זיי האָבען אויסגעברייטעט און טיפער געמאַכט דעם גרוי־סען קאַנאַל צווישען באַלטישען ים און דער וואָלגא, אויסגעלייגט אייזענבאַהן ליניעס אויף הונדערטער ווערסטען.

אויף דעם מיליטערישען געביעט האָבען זיי אויסגעאַרבייט אַן אונגעהייערע דיסציפּלין. די רויטע אַרמיי איז איינע פון די שטאַרקסטע אין דער וועלט. מיט די פּראָלעטאַריער האָבען איצט גאָר אַן אנדער מאָראַל און א נייער גייסט הערשט צווישען זיי. ביז איצט האָבען זיי פאַרגאָסען זייער בלוט פאַר א הערשענדען קלאַס, איצטער ווייסען זיי כאָטש, אז זיי פאַרגיסען זייער בלוט פאַר זייע־רע אייגענע אינטערעסען, פאַר די אינטערעסען פון די עקספּלואַ־טירטע פון דער גאַנצער וועלט.

אזוי אויך האָבען זיי, די רוסישע מאַסען, אויפ׳ן קולטורעלען געביעט געמאַכט אַן אונגעהייערען פּאָרטשריט. ווערען מענשען פריי — זעהט מען ערשט ארויס, וואָס זיי קענען אויפטאָן. פאַר דער קורצער צייט האָבען זיי געגרינדעט 10 נייע אוניווערזיטעטען,

צעהנדליגער טעאטערע, טויזענדער ביבליאָטעקען און צעהנדליגע־טויזענדער עלעמענטארע שוהלען.

צוליעב אָט דער ווירקליכקייט איז מאקסים גאָרקי פון א שונא געוואָרען אַ אָנהענגער פון די סאָוועטען. „די קולטורעלע ארבייט פון דער רוסישער רעגירונג", שרייבט מאקסים גאָרקי, „נעהמט אָן אזא מאסשטאב, וואָס די מענשליכע געשיכטע האָט נאָך קיין מאָל ניט געזעהן. די צוקונפטיגע היסטאָריקער וועלען זיך ניט קענען אָפּוואונדערען פון'ם גלאנץ און גרויסקייט, וואָס ליגט אין דער קולטורעלער ארבייט, אויפגעטאָן נור אין איין יאָהר, דעם לעצטען יאָהר, דורך דעם רוסישען ארבייטער".

אָט די אויפטואונגען ווערען נאָך גרעסער, ווען מען ווייסט אונטער וואָסערע שווערע באדינגונגען דאָס אלעס איז געשאפען געוואָרען, ווען די סאָוועטען האָבען באקומען די מאכט, האָבען זיי אַלס ירושה פון דער אלטער אָרדנונג געקראָגען א פאָלק, וואָס האָט הונדערטער יאָהרען געשמאכטעט אונטער שקלאפען־יאָך פון די צאָרען און פּריצים, אָרעם און פארהונגערט. די וועלט־מלחמה האָט אוועקגערויבט דעם לעבען פון 2 מיליאָן געזונטע און פעהיגע מענער, 3 מיליאָן צוקאליעטשעטע און פארוואונדעטע. הונדערטע טויזענדער יתומים, טויזענדער בלינדע, טויבע און שטומע. די אייזענבאהנען — צובראָכען, די מינען — פארפלייצט, אָהן שפּייז און אָהן הייץ־מאטעריאל. דורך דער מלחמה און רעוואָלוציע איז די גאנצע עקאָנאָמישע מאשינעריע א תל געוואָרען. און דאָ איז צוגעקומען די דעמאָביליזאציע פון 12 מיליאָן סאָלדאטען. זיי האָבען פארזעעט מאסען תבואות, אָבער די טשעכען, געשטיצט פון יאפּאנעזער, ענגלענדער און אמעריקאנער האָבען זיי אָפּגעשניטען פון די סיבירער תבואה־פעלדער. אנדערע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען האָבען די סאָוועטען אָפּגעשניטען פון די תבואה־פעלדער פון אוקראינע. „אָט איצטער" האָבען זיי געטראכט, „וועט דער הונגער זיך אריינפרעסען אין זייערע ביינער און זיי וועלען זיך מוזען אונטערגעבען." די גלחים האָבען זיי אריינגעוואָרפען אין חרם, די טשינאָווניקעס פון קערענסקי־רעזשים האָבען פראקטיצירט סאבאטאזש געגען די סאָוועטען, די אינטעליגענץ איז אוועק פון זיי און די אליאירטע האָבען זיי אָנגעפאנגען צו דריקען מיט דער בלאָקאדע. און אויב די

בלאָקאדע אליין איז ווינציג, האָבען די אליאירטע מיט כל המיטלען, מיט כאבאר, מיט טעראָר געפּרואווט צו שטירצען זייער רעגי־רונג. ענגלישע אַגענטען האָבען אויפגעריסען אייזענבאַהן־בריקען, כדי מען זאָל קיין שפּייז אין די שטעדט ניט אריינפיהרען. פראַנצויזישע אַגענטען האָבען, אונטער דעם שוץ פון זייערע קאָנסולאַטען, אַנגעשאָטען זאמד און קליינע שטיינדלעך אויף די אַקסען פון די לאָקאָמאָטיווען, סאמע דאָרט, וואו די רעדער דרעהען זיך, כדי צו באשעדיגען די באַהנען.

לענין האָט דאָס אַלעס געזעהן. זאָגט ער:

„אמת, מיר האָבען א סך שטאַרקע שונאים. אנטקעגען זיי קענען מיר ארויסשטעלען די אייזערנע באַטאַליאָנען פון׳ם פּראָלעטאַריאָט. די גרויסע מאַיאָריטעט פון די מאַסען ווייסט דאָס נאָך ניט און איז ניט אַקטיוו. די סבה דערפון איז א גאַנץ פּשוט׳ע: זיי זיינען מיעד פון דער מלחמה, הונגעה און ערשעפּט. די רעוואָלוציע האָט זיך נאָך ניט איינגעוואָרצעלט. די מאַסען וועלען אָבי־סעל קומען צו זיך, זיך אָביסעל אויסרוהען און די גרויסע פּסיכאָלאָגישע ענדערונג וועט קומען. און אויב זי וועט קומען אין צייט וועט זי זיכער ראַטעווען די סאָוועטען־רעפּובליק“.

דער עפּיזאָד פון נאָוועמבער 1917, די שטורמדיגע פּאַרכאַפּונג פון דער מאַכט דורך די מאַסען, איז ביי לענינען נאָך ניט די רעוואָלוציע. ערשט דעמאָלט, ווען די מאַסען פאַנגען אָן אויספיה־רען זייער שליחות באוואוסטזיניג, ווען זיי פאַנגען אָן צו ארבייטען מיט טאָלק און דיסציפּלין, ווען עס טרעטען ארויס אויפ׳ן פעלד פון דער מענשליכער טעטיגקייט די שאַפונגס־און־בויאונגס־קרעפטען פון די מאַסען — דעמאָלט ערשט קומט פאָר די רעוואָלוציע.

אין יענע טעג אָבער, האָט לענין אליין ניט געגלויבט, אז די סאָוועטען־סיסטעם איז געזיכערט מיט איהר עקזיסטענץ. „נאָך 10 טעג וועלען מיר שוין האָבען געלעבט אזוי פיעל ווי די פּאַריזער קאָמונע“. אין זיין ערעפנונגס־רעדע פון׳ם 3טען אַל־רוסישען קאָנגרעס אין פּעטראָגראַד, האָט לענין געזאָגט: „חברים, די פּאַריזער קאָמונע האָט זיך געהאַלטען 70 טעג. מיר האַלטען זיך שוין מיט 2 טעג מעהרער.“

די גרויסע רוסישע קאָמונע האלט זיך שוין מעהר ווי 10 מאָל 70 טעג און זי האלט זיך געגען א וועלט מיט שונאים. לענין האָט שטענדיג געגלויבט אין דער עקשנות און איבערגעבענהייט פון די מאַסען, נור זייערע איצטיגע געווינסען און אויפטואונגען שטייגען אריבער אלע זיינע ערווארטונגען.

די צענטראַלע פיגור אויף דער אל־וועלטליכער ביהנע איז איצטער לענין. שטורמדיגע ויכוחים קומען פאָר וועגען איהם.

די בורזשואַזיע גלויבט, אז ער איז עפּעס אַן אַנשיקעניש, ר"ל, א דונער פון'ם קלאָרען הימעל. די גלחים זאָגען ער איז דאָס דער אַנטי־קריסט.

דער געוועהנליכער מענש קוקט אויף לענינען ווי אויף עפּעס אַן איבערמענש. ער, לענין, איז דער באַשעפער פון דער רוסי־שער רעוואָלוציע, דער גרינדער פון די סאָוועטען, די סיבה פון אַלעס אין דער איצטיגער רוסלאַנד. „הרג'עט לענינען און טראָצ־קי'ן, וועט איהר פּטור ווערען פון כל הצרות אין רוסלאַנד".

דער אמת אָבער איז, אז ניט לענין און טראָצקי און זייערע אָנהענגער זיינען די סיבות, וואָס האָבען ארויסגערופען די רעוואָ־לוציע. עס האָט געפּלאַצט דאָס געדולד פון די רוסישע מאַסען, וואָס זיינען יאָהרהונדערטע געטראָטען געוואָרען אונטער די פיס. אויסגעהונגערט, אויסגעמוטשעט און פּארבלוטעט האָט דאָס פאָלק מעהר ניט געקענט טראָגען די שקלאַפען־קייטען און רעוואָלטירט.

לענין איז מעהר ניט ווי די אָפּשפּיגלונג פון זיין דור. לענין אַליין מאַכט חוזק דערפון, וואָס מען הענגט אָן די רעוואָלוציע אויף זיין האַלז. די מאַסען האָבען די רעוואָ־לוציע ארויסגערופען און דער ווייטערער גורל איהרער הענגט אינ־גאַנצען אָפּ פון דער אָפּפערוויליגקייט און עקשנות'דיגען קאַמף פון די מאַסען. די איינציגע דארפען דיענען די מאַסען.

לעניןס פלאץ אין דער רוסישער עקאנאמישער וויסענשאפט

פון יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי.

דער ברייטער וועלט איז לענין באקאנט געווארען אלס רעוואלוציאנערער פיהרער.

דער נארוועגישער סאציאליסטישער שרייבער פונטערוואלד האט פארגליכען לענינ'ען מיט פיאטר דעם גרויסען. עס איז טאקע פאראן א גרויסע עהנליכקייט צווישען זיי ביידען. פיאטר, ווי לענין, איז געווען א רעוואלוציאנער, ניט נאר אין דעם זין, וואס ער האט געמאכט אן איבערקעהרעניש אין דעם גאנצען בוי פון דעם רוסישען סאציאלען לעבען, נאר אפילו אויסערליך; פיאטר האט געוואונען זיין מאכט מיט רעוואלוציאנערע מיטלען.

ווי פיאטר, וועט לענין אויך איבערגעהן אין דער געשיכטע אלס דער בויער פון א נייער רוסישער געזעלשאפט.

אויסער דעם קרייז פון די רוסישע אינטעליגענטען ווייס אבער די ברייטע וועלט ניט, אז לענין פארנעהמט אויך א בכבוד'ען פלאץ אין דער רוסישער עקאנאמישער ליטעראטור. זיין בוך, „די ענטוויקלונג פון קאפיטאליזם אין רוסלאנד", וואס איז ערשיענען אין 1899, ווען ער איז געווען א יונגער מאן פון ניין־און־צוואנציג יאהר, האט פארענטפערט א פראגע, וועגען וועלכער די צוויי הויפט־ריכטונגען אין דער רוסישער סאציאליסטישער אינטעליגענץ האבען געפיהרט א שטרייט אין דער צייט פון מעהר ווי צוואנציג יאהר. דאס איז געווען די פראגע, צי מוז רוסלאנד דורכגעהן די מדרגה פון קאפיטאליזם, איידער זי קען קומען צום סאציאליזם, אדער זי קען אויסמיידען דעם קאפיטאליזם און איבערגעהן דירעקט צום סאציאליזם.

די דאזיגע פראגע האט נאך אייגענטליך געשטעלט דער

פאטער פון דעם רוסישען סאָציאַליזם טשערנישעווסקי, פאר דער באפרייאונג פון די פויערים, מיט פערציג יאָהר פאר לענינען. אין יענער צייט האָבען די רוסישע ליבעראַלען געהאָפט, אז די באַפרייאונג פון די פויערים וועט שאפען אין רוסלאנד די נויטיגע באַדינגונגען פאר די ענטוויקלונג פון קאפיטאַליסטישער אינדוסטריע: א פרייעם ארבייטער און א מארק פאר פראָדוקטען פון דער פאבריק־אינדוסטריע. טשערנישעווסקי אָבער, זייענדיג דער לעהרער פון סאָציאַליזם אין רוסלאנד, האָט זיך ניט געקענט משמח זיין מיט דער פערספעקטיווע פון עקספלואטאציע און אונטערדריקונג, וואָס דער קאפיטאַליזם וועט ברייגנען דעם רוסישען ארבייטענדען פאָלק. ער האָט זיך געשטעלט די פראגע, צי קען רוסלאנד ניט געהן אויף איהר אייגענעם וועג, אויב עס וועלען זיך געפינען מענשען, וואָס וועלען איהר ווייזען דעם וועג און פיהרען איהר אויף דעם וועג. ער איז געקומען צום שלום, אז דאָס איז מעגליך, אז דאָס געהט ניט להיפוך די געזעצען פון דער געשיכטע, און דער וועג איז — די ענטוויקלונג פון דער רוסישער „אָבשטשינא“, פון דעם קהל׳שע לאנד־אייגענטום. אויף דעם באָדען פון קהל׳שען אייגענטום פון לאנד קען אויסוואקסען א קאָאָפעראטיווע לאנד־ווירטשאפטליכע פראָדוקציאָן.

דאָס איז געוואָרען דער סאָציאַלער אני־מאמין פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ, און אזוי איז עס פארבליבען א יאָהר צוואנציג, ביז עס האָבען זיך אָנגעהויבען צו פארשפרייטען אין רוסלאנד די אידעען פון קארל מארקס׳ן.

דער ערשטער פאָפולאריזאטאָר פון מארקס׳ן איז געווען פראָפעסאָר נ י ק אָ ל א י ז י ב ע ר, וועלכער איז ארויסגעטראָטען מיט זיינע ארטיקלען איבער „דער עקאָנאָמישער טעאָריע פון מארקס׳ן“, נאָך אין דעם יאָהר 1874.*)

אין 1877 איז ארויס דער פינפטער און דער לעצטער באנד פון דעם רעוואָלוציאָנערען זשורנאל „וופיעריאָד“, וועלכער איז שוין געווען אויסגעשפראָכען מארקסיסטיש. אין זיינע לייט־אַר־

*) שפעטער זיינען זיי ארויס אין דער פאָרם פון א בוך איבער „דאוויד ריקארדא און קארל מארקס און זייערע עקאָנאָמישע לעהרען.“

טיקלען האט ער אויסגעדריקט דעם געדאנק, אז דער סאציאליזם וועט קומען אין רוסלאנד, ווי אין מערב־אייראפא, דורך דער ענט־וויקלונג פון דעם קאפיטאליזם, וועלכע וועט שאפען אן אינדוס־טריעלען פראלעטאריאט. די אויפגאבע פון די סאציאליסטען אין רוסלאנד איז דאריבער צו וועקען דעם קלאסען־באוואוסטזיין פון דעם אינדוסטריעלען פראלעטאריאט און איהם ארגאניזירען אין זיין עקאנאמישען קאמף.

אין 1878 איז דער באריהמטער רוסישער פובליציסט פון יענער צייט, מיכאילאווסקי, ארויסגעטראטען מיט אן ארטיקעל אין די „אטיעטשעסטוועניא זאפיסקי", וואס האט געמאכט א גאנצע עפאכע אין דער רוסישער סאציאל־פאליטישער ליטעראטור. אין יענעם ארטיקעל האט ער געשטעלט בולט די פראגע: וואס דארף זיין די שטעלונג פון א רוסישען מארקסיסט צום רוסישען פויער? דער מארקסיסט ריכט זיך אויף דער ישועה פון דעם וואוקס פון דעם פראלעטאריאט, הייסט דאס, אז ער מוז זיין צו־פרידען מיט דעם אונטערגאנג פון דעם זעלבסטשטענדיגען פויער, מיט דער פראלעטאריזאציע פון דעם דארף. אבער די רוסישע רע־וואלוציאנערע אינטעליגענץ פון יענער צייט האט דאך געבויט איהר גאנצע טעטיגקייט אויף דעם פויער. שוין ניט רעדענדיג פון עקא־נאמישע טעאריעס, האבען דאך די פויערים אין יענער צייט אויסגעמאכט די גרעסטע מעהרצאהל פון דעם רוסישען פאלק און דער אינדוסטריעלער פראלעטאריאט איז דאך געווען גאר א קליי־נע מינדערהייט.

א וויסענשאפטליכען ענטפער אויף די פראגע האט מיט צוויי יאהר שפעטער פארזוכט צו געבען א יונגער עקאנאמיסט וו ו א־ר א נ צ א ו, אין א סעריע ארטיקלען, וואס האבען זיך געדרוקט א גאנצען יאהר אין די „אטיעטשעסטוועניא זאפיסקי" און זיינען דערנאך ארויס אין א בוך: „די שיקזאלען פון קאפיטאליזם אין רוסלאנד". מיט א גאנצער מחנה ציפערען האט ער פרובירט צו דערווייזען, אז דער קאפיטאליזם אין רוסלאנד קען זיך ניט ענט־וויקלען, ווייל ער איז געקומען צו שפעט אויף די היסטארישע סצענע. דער קאפיטאליזם נויטיגט זיך אין דעם וועלט־מארק, און אויף דעם וועלט־מארק זיינען שוין פאראן אנדערע קאפיטאליס־

טישע לענדער, און דער יונגיינקער, דער שוואכינקער רוסישער קאַ־פּיטאַליזם קען זיך ניט מעסטען מ ט די קאַפּיטאַליסטישע ריזען פון מערב־אייראָפּא און אמעריקא.

דער פּראַקטישער פּועל יוצא דערפון פאר די רוסישע סאָציאַ־ליסטען פון יענער צייט איז געווען, אז אויף די ישועה פון דער ענטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם איז ניטאָ וואָס צו ריכטען זיך, רוסלאַנד וועט פארבלייבען א פּויערשע לאַנד. דער רוסישער סאָציאַליזם מוז דאריבער אויפגעבויט ווערען ניט אויף דעם מצב פון דער פאבריק, נאָר אויף דעם מצב פון דער דאָרפישער פעלד־געמיינשאַפט (אָבשטשינא).

וואָראָנצאָוו'ס בוך איז געוואָרען די תורת משה פון די רוסישע „נאַראָדניקעס“ פון יענעם דור.

מיט א יאָהר נאָך דער ערשיינונג פון וואָראָנצאָוו'ס בוך האָט פעלכאַנאָוו געגרינדעט דעם „סאָיוז אָסוואָבאָזשדיעניא טרודא“ (פאראיין פאר דער באַפרייאונג פון ארבייט), וואס האָט אָנגעהויבען די פּראָפּאַגאַנדא פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אידעען צווישען דער רוסישער אינטעליגענץ. פּלעכאַנאָוו האָט אָנגעשריבען א רייהע פּאָלעמישע ביכער און ארטיקלען, אין וועלכע ער האָט קריטיקירט די טעאָריע פון די „נאַראָדניקעס“. ער האָט אַנאַליזירט די עקאָנאָמישע און סטאַטיסטישע ראיות פון וואָראָנצאָוו'ן און האָט געוויזען, אז זיי זיינען ניט גענוג צו באַרעכטיגען די שלוסען, צו וועלכע וואָראנצאָוו איז געקומען. פּלעכאַנאָוו'ס פּאָלעמישע אר־טיקלען זיינען געווען זעהר געלונגען, אָבער זיי האָבען איבערצייגט נאָר יענע, וועלכע האָבען שוין סיי ווי סיי געהאַלטען מיט איהם. עס איז געווען אן אַטאַקע פון דער „לייכטער קאַוואַלעריע“, רעדענ־דיג אויף דעם מיליטערישען לשון.

די שווערע ארטילעריע האָט ערשט צוגעשטעלט לענין מיט זיין בוך: „די ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד“. דער בוך האָט נאָך אן אונטערטיטעל: „דער גאַנג פון דער בילדונג פון אן אינערליכען מארק פאר די גרויס־אינדוסטריע“. אין די ווערטער געפינט איהר שוין דעם ענטפער אויף וואָראָנצאָוו'ס טעאָ־ריע: די ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם געהט שריט אין שריט

מיט דער בילדונג פון אן אינערליכען מארק פאר די פראדוקטען פון דער קאפיטאליסטישער אינדוסטריע.

אין דעם ערשטען קאפיטעל פון זיין בוך קריטיקירט לענין די טעאָריע פון די רוסישע נאראָדניקעס, אז דער קאפיטאליזם מוז זוכען אויסלענדישע מארקען צו געפינען אן אָפזאץ פאר דעם פראָפיט פון דעם קאפיטאליסטישען קלאס, וואָס די קאפיטאליסטען אליין קענען ניט פארצערען. און היות ווי די קאפיטאליסטען פון אלע לענדער זיינען נעבאך אין דער זעלביגער ניעסטשאסטנער פּאָלאָזשעניע, — זיי ווייסען פשוט ניט וואו אהינצוטאָן זיך מיט די איבעריגע פראָדוקטען, וואָס זייערע ארבייטער האָבען פאר זיי געשאפען, טאָ וואקסט דערפון מיט דער צייט אויס א קריזיס, די גאנצע מאכעריי געהט אוועק אין ניוועץ, און דעמאָלט הויבען די קאפיטאליסטען אָן דעמזעלביגען שפיעל פאר'ן טייוועל איבער־אָנייס. די דאָזיגע טעאָריע שטאמט פון דעם פראנצויזישען עקאָנאָמיסט סיסמאָנדי, וועמעס ווערק, „די נייע פרינציפען פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע", איז ערשינען אין 1819. *)

די רוסישע נאראָדניקעס האָבען זיך איינגערעדט, אז די דאָזיגע טעאָריע איז דער סאַמע עכטער מארקסיזם. לענין מאכט א סך הכל פון דעם אנאליז פון דער צירקולאציע פון קאפיטאל, וואס געפינט זיך אין דעם צווייטען באנד פון מארקס'עס „קאפיטאל", (וועלכען דאָס רוב פון זיינע פּאָפּולאריזאַטאָרס האָבען אגב קיינמאָל ניט געלעזען), און ער ווייזט די גאנצע פאלשקייט פון דער דאָזיגער טעאָריע מכח דער ראָלע פון די אויסלענדישע מארקען אונטער דעם קאפיטאליסטישען סיסטעם.

האָבענדיג אפגע'פטר'ט די טעאריע, אז דער קאפיטאליזם קען

---

*) לענין האָט אין 1897 אָנגעשריבען וועגען דעם א גרינדליכען ארטיקעל אין דעם ערשטען לעגאַלען רוסישען מארקסיסטישען זשורנאל „נאָוואָיע סלאָוואָ", אונטער דעם טיטעל: „צו דער כאראקטעריסטיק פון דעם עקאָנאָמישען ראָמאַנטיזם, סיסמאָנדי און אונזערע איינענע סיסמאָנדיסטען." די דאָזיגע טעאָריע האָט געפונען אן אפקלאנג אין אמעריקא, אין בעלאַמי'ס בוך „גלייכהייט", וואו ער דערציילט זיין באַקאַנטען משל מיט א טשאָן וואסער, דער משל איז געווארען א טייל פון דער היגער אָפּיציעלער סאָציאליסטישער פראפאגאנדע־ליטעראטור.

זיך כלומר'שט ניט ענטוויקלען אין רוסלאַנד דערפאַר, וואס דער אויסלענדישער מארק איז פאר איהם פארשלאָסען, נעמט זיך לענין פאר א גרינדליכער אונטערזוכונג פון דעם גאנצען רוסישען עקאָנאָמישען סיסטעם. ער האָט אויסגענוצט פאר דעם צוועק א גרויסע מאסע סטאַטיסטישע מאַטעריאלען. ער ווייזט אין אלע פּרטים, ווי עס בילדען זיך אויס פארשיעדענע קלאסען צווישען די פויערים, — א פויערשע בורזשואזיע און א פויערשער פראָלעטאריאַט.

„דעריבער פארהאלטען מיר זיך זעהר גלייכגילטיג צו דער פראגע וועגען דער פארמע גופא פון דעם פויערשען לאַנד־אייגענטום", — זאָגט לענין צום שלוס. „וואס עס זאל ניט זיין די פארמע פון לאנד־אייגענטום, ווערט דערפון די באציהונג פון דער דארפישער בורזשואזיע צו דעם דארפישען פראלעטאריאַט בעצם ניט געענדערט". (ז. 248).

אין דער צייט פאר דער רעוואלוציע פון 1905 האָט דעריבער לענין ניט געהאלטען פון דער פאָדערונג פון די סאציאליסטען־רעוואלוציאנערען, אז די פּריצישע לאנד זאל איבערגעהן צו די פויערים. זיין שטעלונג צו דער פראגע האָט ער געענדערט שפּעטער, אונטער דעם איינפלוס פון דער רעוואלוציאנערער אגרארער באַוועגונג צווישען די פויערים. דאָס איז פאר איהם געווען א ריין טאַקטישע פראגע. אין זיין פאָררעדע צו דער צווייטער אויסגאבע פון זיין בוך, וועלכע איז געשריבען אין יולי, 1907, באלד נאָכדעם ווי די צווייטע דומע איז צוטריבען געווארען, זאגט ער ארויס דעם געדאנק, אז די „צושטערונג פון דער פּריצישער ווירטשאַפט", צוזאמען מיט דעם פּאָליטישען סיסטעם פון דעם צאַריזם, וועט זיכערן „די דאמינירענדע ראלע פון דעם פראלעטאריאט און דער פויערשער מאסע", און דאָס וועט געבען „דעם ארבייטענדען קלאס די גינסטיגסטע באדינגונגען פאר די דורכפיהרונג פון זיין אמת'ער און גרונטאַוער אויפגאבע פון סאציאליסטישער רעקאָנסטרוקציע". (ז. VII).

אין דער צווייטער העלפט פון זיין בוך פארנעמט זיך לענין מיט דער ענטוויקלונג פון דעם אינדוסטריעלען קאפיטאליזם אין רוסלאנד. ער ווייזט מיט ציפערען אין האנט, אז הגם די הערשאפט

פון די פריצים און דער ביוראָקראַטיע האלט אָפּ די ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, פונדעסטוועגן ענטוויקעלט ער זיך זעהר שנעל אין רוסלאַנד. לענין איז איבערצייגט, אז ער מוז פיהרען צו א רעוואָלוציע. רעדענדיג (אין דער פאָררעדע צו דער צווייטער אויפלאַגע) וועגען דעם אַרויסטריט פון די פארשידענע קלאַסען אין דער רעוואָלוציע פון 1905—1906, זאָגט ער, אז „די פיהרענדע ראָלע פון דעם פּראָלעטאריאט האָט זיך ארויסגעוויזען גאַנץ בולט. עס האָט זיך אויך ארויסגעוויזען, אז זיין כח אין דער היסטאָרישער באוועגונג איז ניט צו פארגלייכען גרעסער ווי זיין צאָהל אין דער אלגעמיינער מאסע פון דער באפעלקערונג".

דאָ האָט איהר אַן אָנדייטונג אויף דעם שפּעטערען לאָזונג וועגען דער רעוואָלוציאָנערער דיקטאטור פון דעם פּרלאָעטאריאט.

ער ווייזט אָן אויף די רעוואָלוציאָנערע טענדענצען פון דער פויערשער מאסע, צו דערזעלבער צייט אָבער ווייזט ער אויף דעם אנטאגאָניזם צווישען די בורזשואזע און פּראָלעטארישע עלעמענטען אין דיזם פויערטום, און ווי די פאראָרעמטע קליינע באַלעבאַטים צווישען די פויערים שאָקלען זיך צווישען דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער דאָרפישער בורזשואזיע און דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאריאט.

„אויף אָט דער עקאָנאָמישער גרונדלאגע איז די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, פארשטעהט זיך, אונפארמיידליך א בורזשואזע רעוואָלוציע. דיזער גרונדזאץ פון מארקסיזם איז אבסאָלוט אונבאזיגבאר. איהם טאָר מען קיינמאָל ניט פארגעסען, איהם מוז מען שטענדיג אָנווענדען אויף אָלע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פראגען פון דער רוסישער רעוואָלוציע". (ז. VI).

דערפון אָבער, מיינט ער, איז גאָר ניט געדרונגען, אז מען דארף איבערלאָזען די פיהרענדע ראָליע אין דער רעוואָלוציע פאַר דער בורזשואזיע, אָדער אז די סאָציאליסטען דארפען אונטערשטיצען די ליבעראלען. דעם וויטערען גאנג פון דער רעוואָלוציע ענטזאגט ער זיך פאראויסצוזאָגען:

„עס זייגען, פארשטעהט זיך, מעגליך אונענדליך פארשידענארטיגע קאָמבינאציעס פון עלעמענטען פון פארשידענע טיפּען פון

קאַפּיטאַליסטישער עוואָלוציע, און נאָר האָפנונגסלאָזע פּעדאַנטען וואָלטען געקענט לייזען די פּראַקטישע פּראָבלעמען וואָס קענען זיך שטעלען דערביי, נאָר מיט פּסוקים'לאך פון דאָס אָדער פון יענעם וואָס מאַרקס האָט געזאָגט מכח אַנאַנדערער היסטאָרישער עפּאָכע.

...אין אַ רעוואָלוציאָנערע עפּאָכע לעבט אַ לאַנד אַזוי שנעל און שטורעמדיג, אַז עס איז אוממעגליך צו באַשטימען די גרויסע רעזולטאַטען פון דער עקאָנאָמישער עוואָלוציע אין דעם פייער פון דעם פּאָליטישען קאַמף". (ז. VII).

לענין און דער „בונד"

פון י. מילל

פיעלע — דערהויפט יענע, וואס האבען געהאט א געלעגענהייט זיך צוצוקוקען צו די אינערליכע רוסישע פארטיי באציהונגען און וואס זיינען געווען באקאנט מיט'ן כאראקטער פון די שטרייטיגקייטען אין דער רוסלענדער סאציאל־דעמאקראטיע פאר די גאנצע צייט פון איהר עקזיסטענץ — האבען באטראכט לענינ'ען אלס אן אויסגעשפראכענעם געגנער פון „בונד", אפילו פאר א פארביסענעם „בונד־פרעסער".

אמת איז דאס נאר אין א געוויסען מאס.

עס איז געווען א צייט, ווען לענין האט טאקי ניט געמאכט קיין אויסוואהל אין די מיטלען צו באקעמפען דעם „בונד": יעדע וואפע צו דיסקרעדיטירען די ארגאניזאציאן פון אידישען פראלעטאריאט אין רוסלאנד איז געווען גוט פאר איהם. אלץ, וואס וואלט געקענט ברייגען א צושפאלטונג אין די בונדישע רייהען, און הויפטזעכליך, וואס וואלט געקענט ארויסרופען א געגענזאץ און אונצוטרוי פון די בונדישע מאסען צו די בונדישע פיהרערס, האט געפונען זיין סימפאטיע און סאנקציע.

דאס איז געווען אין די יאהרען פון 1903 ביז 1906, ווען דער „בונד" איז געווען געצוואונגען צו בלייבען אויסערהאלב דער פארטיי.

ביי א געלעגענהייט האט לענין אליין קלאר געמאכט זיין שטעלונג אין דער פראגע, וואס איז ע ר ל ו י ב ט און וואס איז נ י ט ערלויבט אין קאמף געגען א סאציאליסטישען געגנער.

אין 1907, אויף א פארטיי משפט, האט לענין זיך געדארפט פארענטפערען פאר זיין בראשורע: „די וואהלען אין פעטערבורג און די פאלשקייט פון 31 מענשעוויקעס". אין דיזער בראשורע, וועלכע ער האט פארשפרייט קורץ פאר די וואהלען אין די דומע, האט לענין ארויפגעווארפען א מיאוס'ע'ן פערדאכט אויף די מענשעוויקעס, אז זיי זיינען אריינגעטרעטען אין פארהאנדלונגען מיט דער קאדעטישער פארטיי „צו פארקויפען צו די קאדעטען די ארבייטער שטימען" און אז „די מענשעוויקעס האבען זיך בעדונגען

מיט די קאדעטען אום דורכצושלעפען אין דומע אן אייגענעם מענשען"...

„וועגען וועלכען „פארקויף" פון ארבייטער שטימען צו די קאדעטען רעדט זיך דא?" האט געפרעגט לענין אויפ'ן משפט. „איינינע שפאס־מאכערס האבען מיר געזאגט, אז זיי האבען דאס פארשטאנען אזוי, אז איך האב גערעדט וועגען פארקויפען פאר געלד. א וויץ, וואס איז ניט אהן שארפזין. אבער א מענש, וואס קען לייענען און וואס האט ערנסט דורכגעלייענט די גאנצע בראשורע און ניט קיין אויסגעריסענע שטיקלעך פון איהר, וועט, נאטירליך, גלייך דערזעהען, אז עס רעדט זיך דא ניט וועגען פארקויפען פאר געלד, נאר פאר ערטער אין דער דומע. אונטער די ווערטער „דינגען זיך" און „קויפען און פארקויפען" דארף מען דא פארשטעהן אן אויסטויש פון פאליטישע גלייכווערטען און ניט פון עקאנאמישע; פון ערטער פאר שטימען און ניט פון געלד פאר שטימען".

לענין האט צוגעגעבען, אז דער ציעל פון זיין בראשורע איז געווען „ארויסצורופען ביי דעם לעזער האס, עקעל, פאראכטונג" צו די מענשעוויקעס; ניט צו איבערציינגען דעם געגנער, האט די בראשורע געציעלט, נאר צו צערשמעטערן זיינע רייהען; ניט צו פארניכטען דעם געגנערס פעהלער, נאר צו פארניכטען זיין ארגאניזאציע אזוי, אז עס זאל פון איהר קיין סמן ניט בלייבען. ער האט בכיון געגעבען דער בראשורע אזא כאראקטער, אז זי זאל ארויסרופען די ערגסטע געדאנקען, דעם ערגסטען פארדאכט נעגען דעם געגנער און מיט גרויס באפרידיגונג באשטעטיגט ער, אז די בראשורע האט ווירקליך ארייגעטראגען א „טומעל אין די פראלעטארישע רייהען".

„הייסט עס, איהר אנערקענט אליין, אז אייער פארמולירונג דארף ניט זיין געדולדעט? — וועט מען מיר פרעגען. געוויס, וועל איך ענטפערן, אבער איך וועל צוגעבען א קליינצינקע זאך: מען דארף איהר ניט דולדען פאר מיטגלידער פון איינער און דערזעלבער פארטיי. אין דעם ליגט דער עיקר פון דער פראגע. די גאנצע אונגערעכטיגקייט, נאך מעהר — די גאנצע געוויסענלאזיגקייט פון דער באשולדיגונג געגען מיר באשטעהט טאקי אין דעם, וואס מען האט פארשוויגען דעם פאקט, אז קיין פאראייניגטע פארטיי איז ניטא... אז עס איז פארגעקומען א צושפאלטונג"...

„דאס, וואס איז ניט ערלויבט פאר מיטגלידער פון איין פארטיי, איז ערלויבט און נויטיג פאר די טיילען פון א צושפאלטענער פארטיי. מען טאר ניט שרייבען וועגען פארטיי־גענאסען מיט א שפראך, וואס פארשפרייט אין די ארבייטער מאסען האס, עקעל,

פעראכטונג צו יענע, וואס האבען אן אנדער מיינונג. מען *קען* *און* *מען* *דארף* שרייבען מיט אזא שפראך געגען אן אפגעשפאלטענע ארגאניזאציע.

„פאר וואס דארף מען דאס? ווייל א צושפאלטונג לייגט ארויף אויף אונז א חוב *ארויסצורייסען* די מאסען פון דער פיהרערשאפט פון די אבגעשפאלטענע. מען זאגט מיר: איהר האט אריינגעבראכט א מהומה אין די רייהען פון יענעם טייל פון פעטערבורגער פראלעטאריאט, וואס האט געפאלגט די מענשעוויקעס. איך *וועל* *זיך* *אלע* *מאל* אזוי פיהרען ביי א צושפאלטונג. מיט מיינע שארפע, באליידיגענדע אנפאלען אויף די מענשעוויקעס קורץ פאר די וואהלען אין פעטערבורג האב איך אין דער־אמת'ען ארויסגערופען אן אונזיכערהייט אין די רייהען פון פראלעטאריאט, וואס האט זיי געגלויבט און וואס איז געגאנגען נאך זיי. דאס איז געווען מיין ציעל. דאס איז געוועזן מיין פליכט. ווייל *נאך* דער צושפאלטונג האט מען *געדארפט* צורייסען די מענשעוויסטישע רייהען, מען האט *געדארפט* אריינטראגען אין זיי א טומעל, מען האט געדארפט ערוועקען אין די מאסען האס, עקעל, פעראכטונג צו דיזע מענשען, וועלכע האבען אויפגעהערט צו זיין מיטגלידער פון איין פארטיי און האבען זיך פערוואנדעלט אין פאליטישע שונאים... אין באצוג צו אזעלכע פאליטישע שונאים האב איך דאמאלסט געפיהרט, און איך וועל אלע מאל פיהרען, א *פארניכטונגס*־קאמף.

„צו עס עקזיסטירט א גרענעץ פון דעם, וואס איז ערלויבט און וואס איז ניט ערלויבט אין קאמף אויפ'ן באדען פון שפאלטונג? פון פארטיי שטאנדפונקט זיינען אזעלכע גרענעצען ניטא און קענען ניט זיין, ווייל א שפאלטונג מיינט, אז די פארטיי האט אויפגעהערט צו עקזיסטירען. עס איז לעכערליך דער געדאנק אליין, אז דורך א פארטיי־באשלוס קען מען קעמפען געגען יענע קאמפס־מעטאדען, וואס זיינען א רעזולטאט פון דער שפאלטונג אין דער פארטיי. די גרענעצען פון אזא קאמף זיינען ניט קיין פארטיי־גרענעצען, זאנדערן אלגעמיין־פאליטישע, אדער בעסער געזאגט, אלגעמיין ציווילע אדער קרימינעלע געזעצען, און ווייטער גאר גישט. אויב איהר האט זיך צושפאלטען מיט מיר, קענט איהר פון מיר ניט פאדערן מעהר, ווי פון א קאדעט, אדער פון א סאציאליסט־רעוואלוציאנער אדער פון א מענשען פון גאס.

„איך וועל מאכען קלאר מיין געדאנק מיט א קאנקרעטען ביישפיעל. אין נעקסטען נומער „פראלעטאריער" וועט זיין אבגעדרוקט א קארעספאנדענץ וועגען די וואהלען אין קאוונע. דער קארעספאנדענט איז זעהר אונצופרידען פון דעם בונדישען בלאק מיט

די „דערגרייכערס" געגען די ליטווישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען און קריטיקירט שאַרף דעם בונד.*) וואָס פאַר א קריטיק איז ערלויבט פאַר מיטגלידער פון איין פּאַרטיי? די אונצופרידענהייט וואָלט מען געדאַרפט אויסדריקען אונגעפעהר אזוי: די בונדיסטען האָבען געהאַנדעלט ניט ריכטיג, אריינטרעטענדיג אין א בלאָק מיט אידישע בורזשוען געגען סאָציאַליסטען פון אַן אנדער נאַציע; אין דיזען שריט זייערן ווייזט זיך אַרוים דער איינפלוס פון די אידעען פון קליין־בירגערליכען נאַציאָנאַליזם און אזוי ווייטער... אזוי לאַנג ווי מיר זיינען מיט'ן „בונד" אין דער זעלבער פּאַרטיי וואָלט מען פאַר קיין אופן ניט געטאָרט ארויסגעבען אַ בראָשורע געגען איהם, א בראָשורע וואָס זאָל טרעטירען די בונדיסטען אַלס פאַררעטער פון פּראָלעטאַריאַט. נאָר אויב די געשיכטע פון 1903 וואָלט זיך ווי־דערהאָלט — די געשיכטע אין אַלגעמיין ווידערהאָלט זיך ניט און איך גיב דאָ נאָר אן אויסגעטראַכטען משל — און דער „בונד" וואָלט זיך אָבגעטיילט פון דער פּאַרטיי, וואָלט דען אימיצער גע־האַט די העזה אויפצוהייבען די פראַגע צי עס איז ערלויבט א בראָ־שורע, וואָס זאָל האָבען א ציעל איינצופלאַנצען אין דער בונדישער אַרבייטער־מאַסע א האַס, עקעל, פעראַכטונג צו איהרע פיהרערס, ווי צו פאַרשטעלטע בורזשוען, וואָס פאַרקויפען זיך דער אידישער בורזשואַזיע און וואָס שלעפּען דורך מיט איהר הילף אייגענע מענ־שען אין דומע און אזוי ווייטער? יעדערן, וואָס וואָלט זיך באַ־קלאָגט, וואָלטען מיר זיך אויסגעלאַכט אין פּנים: מאַכט ניט קיין שפּאַלטונג, אָדער קלאָגט זיך ניט שפּעטער, אַז יענע, וואָס האָבען אויפגעהויבען דעם פאַר'סמ'טען שווערד ווועלען פון דעם פאַר'סמ'־טען שווערד אויך פאַלען"...

אָט אזוי האָט געקעמפט לענין מיט זיינע סאָציאַליסטישע געג־נערס, אזוי האָבען אויסגעקוקט זיינע קאַמפּס־מעטאָדען.

אויך אין זיינע באַציהונגען צו דעם „בונד" האָט ער געהאַנ־דעלט אין די גרענעצען פון זיין באַגריף וועגען ערלויבטעס און ניט־ערלויבטעס.

* * *

לענין'ס „פּאַרטיידיגונגס"־רעדע אויף דעם פּאַרטיי משפּט גיט א שליסעל ריכטיג צו פאַרשטעהן זיין טאַקטיק אין באַצוג צום „בונד" אין דער צייט פ א ר דעם פאַראייניגונגס קאָנגרעס אין סטאָקהאָלם און נ א ך דעם קאָנגרעס. דעם „בונד'ס" ארויס־טרעטונג פון דער פּאַרטיי, אין 1903, האָט ברייט געעפענט די

---

*) די גאַנצע מעשה איז געווען ניט ריכטיג. דער „בונד" האָט קיינע בלאָקען געגען די ליטווישע סאָצ. דעמ. ניט געמאַכט.

טהיר און טויערען פאר לענין'ס קאמפאניע געגען איהם, א קאמפאניע, אין וועלכער ער האט געטאן אלץ אין זיין כח דעם „בונד“ צו פארניכטען. זיינע באמיהונגען האבען געבראכט גאר היפוך'דיגע רעזולטאטען: די אונגערעכטיגקייט פון זיינע אטאקעס, די גרונדלאזיגקייט פון זיינע באשולדיגונגען האבען אינדירעקט געהאלפען דעם „בונד“ צו פארגעסען די אינערליכע דיפערענצען און פארשידענע שטרייט־פראגען, אויסצוארבייטען אן אלגעמיינע פארטיידיגונגס־ליניע, שטארקער צו ווערען. אין פארטיי קרייזען — און אויך אויסערהאלב דער פארטיי — האט געהערשט א וויט־פארשפרייטע מיינונג, אז דעם „בונד'ס“ „נאציאנאליזם“, זיין נאציאנאלע פראגראם איז געווען די אורזאכע פון זיין ארויסטרעטונג פון דער פארטיי. אבער דיזער קאנפליקט מיט לענין'ען — מיר זאגען „מיט לענינ'ען“, ווייל אי אין דער פארטיי, אי אויפ'ן צווייטען צוזאמענפאהר האט דעמאלט געהערשט זיין גייסט און ווילען — דיזער קאנפליקט איז אין אמת'ען ארויסגערופען געווארען ניט צוליעב מיינונגס־פארשידענהייטען אויפ'ן באדען פון פראגראם, פון אירגענד וועלכע פרינציפיעלע פראגען, נאר צוליב דעם „בונד'ס“ ארגאניזאציאנס פלאן. קיינע אויטאנאמע נאציאנאלע ארגאניזאציעס האבען ניט געפאסט אין לענין'ס סכעמע, עס האט פשוט זיך ניט געפונען קיין ארט פאר זיי, און די צושפאלטונג צווישען דעם „בונד“ און דער פארטיי איז דאן געווען אונפארמיידליך.

אויפ'ן סטאקהאלמער צוזאמענפאהר האט לענין שוין געשטימט פאר'ן אריינגנעמען אין די פארטיי צוויי נייע נאציאנאלע סאציאליסטישע ארגאניזאציעס — די פוילישע סאציאל־דעמאקראטיע און די לעטישע — און פאר שלום מיט'ן „בונד“, ניט קוקענדיג אויף זיין נאציאנאלע פראגראם. די כח־פארהעלטנים צווישען די דם שונאים — די באלשעוויקעס און מענשעוויקעס — האט זיך געענדערט. דער „בונד“ איז ניט צוגעשטאנען ניט צו איין צד און ניט צו דעם אנדערן. אין די צאהלרייכע פארטיי שטרייט־פראגען האט ער גענומען זיין אייגענע שטעלונג, ארויסגעהענדיג פון די אינטערעסען פון אידישען פראלעטאריאט און פון דער רוסישער רעוואלוציע. און יעדעס מאל, ווען לענין'ען פלעגט זיך דאכטען, אז דעם „בונד'ס“ טאקטישע ליניע איז דיזעלבע ווי די מענשעוויסטישע, פלעגט ער נאטירליך, ניט שאנעווען איהם. אבער אין דיזע צוזאמענשטויסען פלעגט ער קעמפען מיט'ן „בונד“ ניט אלס אזעלכען, נאר אלס א טייל פון דער פארטיי, וואס געהט זיך פאנאנדער מיט איהם אין אייניגע טאקטישע פראגען.

די געשיכטע פון דער רוסלענדער סאציאל־דעמאקראטישער ארבייטער פארטיי איז א געשיכטע פון א שטענדיגען קאמף צווי־

שען די צוויי ריכטונגען — די באָלשעוויסטישע און מענשעוויסטישע — פאַר א ריכטיגע לייזונג פון כמעט יעדער טאַקטישער פראַגע. דער באָיקאָט פון דער ערשטער דומע, די „ליקווידאַציע" פון דער פּאַרטיי, זובאַטאָווויזם און אולטימאַטיזם, נייטראַלע אָדער פּאַרטייאישע געווערקשאַפטען און קאָאָפּעראַציעס, דער ארבייטער־קאָנגרעס, פּעטיציאָנס־קאָמפּאַניעס, דער כאַראַקטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע, די ראָלע וואָס דער פּראָלעטאַריאַט און אַנדערע קלאַסען שפּילען זוין איהר און נאָך — דאָס איז געווען דער גרויסער פעלד, אויף וועלכען די אינערליכע פּאַרטיי־שלאַכטען זיינען אויסגעקעמפט געוואָרען. אין דיזע קעמפע פלעגט דער „בונד" גאָר ניט זעלטען שטעהן מיט לענינ'ען. די ע ר ש ט ע דומע האָט אויך דער „בונד" ב אָ י ק אָ ט י ר ט. די מענשעוויקעס פלעגען ניט אויפהערען צו טענה'ן, אַז דער ב אָ י ק אָ ט איז געווען א פּאָליטישער טעות, און אַנאַרכיסטישע און סינדיקאַליסטישע טהאַט. זיי האָבען ניט גענומען אין אכט די קאָנקרעטע פּאָליטישע סיטואַציע, ווען דער לאָזונג פון באָיקאָט איז ארויסגעגעבען געוואָרען. די דאַמאָלסדיגע דומע האָט קיין נוצען דעם פּראָלעטאַריאַט ניט געקענט ברייגען. זי האָט ניט געקענט דינען אלס א טריבונע פאַר רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע, אַלס א מיטעל פון אָרגאַניזירונג די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטען פון פאָלק. אייגענטליך האָט מען דאַמאָלסט אין אַזא טריבונע זיך גאָר ניט גענויטיגט. אין 1905 זיינען די אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר א דירעקטען אַנפאַל אויפ'ן צאַריזם, פאַר א דירעקטען מאַסען־קאַמף געווען זעהר גוט. די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע האָט זיך געהויבען העכער און העכער. אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָבען גערופען די מאַסען צו א באַוואַפנעטען אויפשטאַנד. עקאָנאָמישע סטרייקען, אַלגעמיינע פּאָליטישע סטרייקען, בונטען אין דער אַרמיי און אין דער פלאָטע, דער מאָסקווער אויפשטאַנד — צו העלפען דיזער באַוועגונג אין דער ריכטונג צו א קאָנסטיטואירענדער פערזאַמלונג — דאָס איז געווען דער ציעל און דאָס איז אויך געווען דער רעאַלער היסטאָרישער אינהאַלט פון דער פראַגע וועגען באָיקאָט. און ווען שפּעטער האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז כאָטש די רעגירונג איז שוין געווען צו שוואַך צו רעגירען, איז אָבער די רעוואָלוציאָן געווען נאָך צו שוואַך איהר אַראָפּצוואַרפען, איז געבליבען איין אויסוועג — צו געהן אין דומע, אויפגעבען דעם באָיקאָט. דיעזע טאַקטיק שטימט אין גאַנצען מיט לענין'ס קוק אויפ'ן פּאַרלאַמענטאַריזם, וועלכער איז פאַר איהם קיין מאָל ניט געווען א פעטיש, נאָר וועמעס ווערט איז געווען אָפּהייגיג פון צייט, אָרט, אומשטענדען, פון דער ענטוויקלונגס־שטופע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

לענין פלעגט צייטענווייז האָבן הנאה אויפצואווייזן אויף ליקווידאַטאָרישע טענדענצן אין „בונד“. אָבער דיזע באַשולדיגונגען זיינען טאַקי געווען ניט אמת. אין דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז דער „בונד“ אַלע מאָל געווען די פּאַרטייאישסטע פון אַלע אָרגאַניזאַציאָנען. זיין פּאַרטיי־פּאַטריאָטיזם איז געווען שפּריכוואָרטליך. פּאַרטיי דיסציפּלין, פּאַרטיי אייניגקייט זיינען געווען זיין דעוויז. אָביעקטיווע אומשטענדען — די פּאָליטישע לאַגע פון לאַנד און די לאַגע פון אידישען פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד — האָבן איהם געמאַכט פאַר א פאַנאַטישען קעמפער פאַר די גרויסקייט, פאַר די שטאַרקייט, פאַר די אייניגקייט פון דער פּאַרטיי. דער „בונד“ האָט זעהר גוט געוואוסט, אַז ווי גרויס עס זאָל ניט זיין זיין איינפלוס אויף די אידישע ארבייטער מאַסען, ווי שטאַרק ער זאָל ניט זיין אָרגאַניזאַטאָריש, איז ער פּאָליטיש אָהנמעכטיג אָהן א גרויסער, מעכטיגער, איינפלוסרייכער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון רוסישען פּראָלעטאַריאַט. ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז מיט דער פּאַרטיי איז ער אַלץ, אָהן דער פּאַרטיי — פּאָליטיש כמעט גאָרנישט. דעריבער איז ער געווען אַזוי פאַראינטערעסירט אין איהר עקזיסטענץ. דעריבער האָט ער אַוועקגעגעבן אַזוי פיעל צייט און מיה צו ברייננען אייניגקייט אין די סאָצ.־דעמאָקראַטישע רייהען. כמעט אין אַלע פּראָבעס פון „שלום־מאַכעריי“ צווישען די קעמפענדע צדדים אין דער פּאַרטיי איז ער געווען דער איניציאַטאָר.

די אַגיטאַציע פאַר אַן ארבייטער־קאָנגרעס, פאַר וועלכען אייניגע מענשעוויקעס זיינען געשטאַנען שטאָל און אייזען, האָט לענין באַטראַכט אַלס א טייל פון דער שעדליכער ארבייט צו ליקווידירען די פּאַרטיי. טיילווייז איז ער געווען גערעכט. די ליקווידאַטאָרען האָבן טאַקי געוועלט אַוועקשטעלען דעם ארבייטער קאָנגרעס נעגען דער פּאַרטיי. עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אַזאַ שטאַנדפּונקט איז געווען דעם „בונד“ גאַנץ פרעמד. אויף די ארבייטער־קאָנגרעס־באַוועגונג האָט ער געקוקט ניט אַלס אויף א נעגענזאַץ צו דער פּאַרטיי, נאָר אלס אויף אַ הילף פאַר איהר.

די קאַרדינאַלסטע שטרייט־פראַגע אין דער פּאַרטיי איז געווען די פראַגע וועגען כאַראַקטער פון דער בעפּאָרשטעהענדער רעוואָלוציע און וועגען דער ראָלע, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט און אַנדערע קלאַסען וועלען אין איהר שפּיעלען. לענין איז געווען איבערצייגט, אַז דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט וועט שפּיעלען אין דער רעוואָלוציע די הויפּט־ראָלע, אַז דער ציעל פון זיין קאַמף דאַרף און וועט זיין די עראָבע־

רונג פון דער גאנצער מאכט און אז אין דיזען קאמף קען ער רעכע־נען און האפען אויף די הילף פון די פוערים. פאר איהם איז גע־ווען אן אקסיאמע, אז די זיגרייכע רעוואלוציע אין רוסלאנד וועט זיך אנדערש ניט ענדיגען ווי מיט דער דיקטאטור פון פראלעטא־ריאט און פון פויערטום.

די מענשעוויקעס האבען זיך פאנאנדערגעגאנגען מיט די באל־שעוויקעס אין דער אבשאצונג פון דער רוסישער רעוואלוציע. רע־כענענדיג, אז זי וועט זיין א בורזשואזע רעוואלוציע, האבען זיי באטראכט די ראדיקאלע בורזשואזיע אלס א צוקונפטי־גען אנפיהרער פון איהר און האבען געהאט א נייגונג צו געהן מיט איהר האנד אין האנד.

דער „בונד" האט אויך ניט ערווארט גיך א סאציאלע רעוואלו־ציע אין רוסלאנד און איז מעהר געווען געניינט צו אנערקענען דעם מענשעוויסטישען שטאנדפונקט. אויף דעם לאנדאנער קאנ־גרעס פון 1907 האבען נאר עטליכע בונדיסטען געשטימט פאר לע־נינן'ס רעזאלוציע.

די געשעהעניסען פון דער לעצטער צייט האבען באוויזען ווע־מעס אבשאצונג פון כאראקטער פון דער צוקונפטיגער רוסישער רעוואלוציע איז געווען די ריכטיגע.